STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00761

FERTSIK YOR

Zalman Shneour

Permanent preservation of this book was made possible by
Ethel Blitzstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. שניאור

פערציק יאָר

לידער און פּאָעמען

1944—1903

אַרויסגעגעבן פֿון
יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד
ניו־יאָרק
1945 תש״ה

Copyright 1945
by ZALMAN SHNEOUR
New York, N. Y.

128

אַ וואָרט וועגן בוך

די דאָזיקע זאַמלונג, פֿון מער ווי פֿערציק יאָר לידער און פּאָעמען, איז ניט צוזאַמען־צו־מישן מיט מײַנע זעקס בענדער העברעאישע לידער.

מיט אַנדערע ווערטער: דאָס זײַנען דורכאויס אָריגינעלע ריטמישע ווערק, געשריבן אין יידיש פֿון 1903 ביז 1944, וועלכע ער־שײַנען צום ערשטן מאָל אין בוך־פֿאָרם, מיט דער הילף פֿון „יידישן נאַציאָנאַלן ארבעטער פֿאַרבאַנד". ביז איצטער איז כּמעט דער גאַנצער מאַטעריאַל געווען צעוואָרפֿן אין צײַטונגען און זשורנאַלן, פֿאַרגרייזט און נאָכלעסיק געדרוקט.

נאָר אַ קלײנער טייל לידער און פּאָעמען, ווי צום בײַשפּיל: די שבת־מאָטיוון, אויפֿן ברעג פֿון דער סענאַ און אַנד., וועלכע זײַנען די העברעאישע לייענער מער ווייניקער באַקאַנט, זײַנען דאָ, אין דער יידישער זאַמלונג, אַזוי גרינטלעך אומגעאַרבעט געוואָרן פֿון פֿאַר־פֿאַסער, אַז אָנרופֿן זיי מיטן נאָמען „איבערזעצונגען" (פֿון מײַנע אייגענע העברעאישע ווערק) וואָלט געווען ניט ריכטיק.

אויף יעדן פֿאַל, זײַנען אַזאַלכע לידער אָדער פּאָעמען באַצייכנט, אין דער רשימה פֿון אינהאַלט, מיט אַ שטערנדל בײַ דער זײַט.

פֿון די איבערזעצונגען וואָס אַנדערע דיכטער האָבן געמאַכט פֿון מײַנע העברעאישע ווערק איז דאָ גאָרניט אַרײַן.

ווען ניט מלחמה־צײַט וואָלט דער גרויסער מאַטעריאַל פֿון „40 יאָר לידער און פּאָעמען" געדאַרפֿט פֿאַרטיילט ווערן, ווייניקסטנס אין צוויי בענדער. מיט גרעסערע אותיות געדאַרפֿט געדרוקט ווערן און מיט מער פֿרייען אָרט צווישן די לידער. די טײַערקייט פֿון פּאַפּיר און די שוועריקייטן פֿון דרוק און אײַנבאַנד האָבן די פֿאַרלעגער, אַזוי ווי דעם פֿאַרפֿאַסער, געצוואונגען אַרײַנצופּאַקן דאָ, אין די אומגעפֿער, 320 זײַטן, אַ דאָפּלטן מאַטעריאַל. אָבער דער לייענער געווינט דערבײַ אויס.

כּדי ניט צו בלאָנדזשען אין אַזאַ קאָמפּאַקטן מאַטעריאַל, וועלכער איז דעם לייענער טיילווייז באַקאַנט פֿון צײַטונגען און זשורנאַלן, זײַנען די לידער און פּאָעמען גרופּירט, סײַ לויט זייער אינהאַלט און סײַ לויט די יאָרן ווען זיי זײַנען געשריבן געוואָרן. ניט אומעטום פּרעציז אָבער אומגעפֿער. עס הענגט אָפֿטמאָל אָפּ פֿון דער גרויס און ווערט פֿון דעם אָדער יענעם ליד.

אזוי צום בײַשפּיל קומען אַלע זינג־לידער אונטער איין קעפּל: „ראָמאַנסן". און זיי זיינען, מער ווייניקער, כראָנאָלאָגיש אויסגע־שטעלט. נאַטור־לידער („זומער און ווינטער") קומען באַזונדער, „מלחמה־לידער" — באַזונדער אאַז"וו. דאָס זעלבע גילט פאַר די פּאָעמען.

אזוי אַרום האָט דער לייענער, אונטער דעם אָדער יענעם „קעפּל", אַן איבערבליק איבער די אָדער יענע מאָטיוון, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע יאָרן. עס פאַרשטייט זיך, אַז וואָס נעענטער א ליד איז צו אונזער יאָרצענדלינג אַלץ קרעפּטיקער איז די שפּראַך און בולטער דער אינהאַלט.

ז. ש.

דעצעמבער, 1944.

I
לידער

א. ראָמאַנסן

1. טראַ־לאַ־לאָ־לאָ

אין וועלדל ביים טייכל דאָרט זייַנען געוואַקסן
מאַרגעריטקעלעך עלענד און קליין; —
ווי קלייניַנקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

געגאַנגען איז חוהלע שטיל און פֿאַרחלומט,
צעלאָזן די גאָלד־בלאָנדע צעפּ, —
דאָס העלזל אַנטבלויזט און געמורמלט־געזונגען
אַ לידעלע: טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

דאָ קומט איר אַנטקעגן אַ בחור אַ שלאַנקער,
מיט לאָקן, מיט שוואַרצע ווי פּעך;
ער פֿלאַמט מיט די אויגן און ענטפֿערט איר לוסטיק,
און ענטפֿערט איר: טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— וואָס זוכסטו דאָ, מיידל? וואָס האָסטו פֿאַרלוירן,
וואָס ווילסטו געפֿינען אין גראָז?
„איך זוך מאַרגעריטקעס" — פֿאַררויטלט זיך חוה,
פֿאַררויטלט זיך טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאַקע געפֿונען
די שענסטע מאַרגעריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרגעריטקע מיט צעפּ און מיט אויגן סאַפּירן,
מיט אויגעלעך טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— ניין, כ'האָב שוין מאַרגעריטקעס. איך האָב זיך פֿאַרגעסן —
איך זוך... דאָ ניט ווייט איז אַ קוואַל...
— דער קוואַל איז געשלאָסן, אָן מיר בלייבסטו דורשטיק
ביים קוואַלכעלע, טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— איך וויל גאָר ניט טרינקען. איך זוך מיר אַ שאָטן,
די זון באַקט אַריין אַזוי הייס...
— מיינע האָר זיינען שוואַרצער און קילער ווי שאָטנס
אין וועלדעלע — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

דורשטיק מיין מיידעלע, מיד איז מיין קליינינקע,
צי מעג מען זי נעמען ביים האַנט?
צי מעג מען זי גלעטן, צי מעג מען זי קושן?
צי מעג מען נאָר? טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— אָ, לאָז מיך, מען טאָר ניט! די מאַמע זאָגט מ׳טאָר ניט,
מיין מאַמע איז אַלט און איז בייז.
— וואו מאַמע, וואָס מאַמע? דאָ זיינען נאָרביימער
נאָר ביימערלעך — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— „מען זעט!" — קיינער זעט ניט. „מען הערט"! — קיינער הערט ניט,
דאָס וועלדל איז בלינד און געדיכט.
אומאַרעם מיך, זיסע. דו זעסט איך בין רואיק,
איך קוש דיך נאָר — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— דו ליבסט מיך?—„איך ליב דיך!"—דו שעמסט דיך?—„איך שעם מיך!"
— אָ, ליב מיך און שעם דיך און שווייג;
און זע, ווי עס מישן זיך פעך־שוואַרצע קרויזן
מיט גאָלדענע... טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

*

די זון איז פאַרגאַנגען, דער בחור — פאַרשוואונדן
און חוהלע זיצט נאָך אין וואַלד.
זי קוקט אין דער ווייטנס און מורמלט פאַרחלומט
דאָס לידעלע: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ...

פאַריז, 1909.

2. רויטע עפּל...

רויטע עפּל, גרינע שאָטנס,
גראָז — סאַמעט, הימלען — זיידנס...
און אַ הילכיק טייך־געלעכטער
גיסט זיך, טראָגט זיך פון דערווייטנס.

קום צוגיין מיין מיידל־מלאך!
פרוכטן רייצן, צוייגן קנאקן...
מיר אַן עפּל, דיר אַן עפּל
און אַ גנבה־קוש אין נאַקן.

קום צוגיין, דאָ קלינגען, קלינגען...
לעצטע, בלויע גלעקלעך־בלומען;
מיר אַ בלימל, דיר אַ בלימל
און אַ דריק צום ברוסט, אַ שטומען.

קום... איך וועב דאָ גאָלד־חלומות
פון דער וועלט און פון מיין טרויער;
מיר אַ חלום, דיר אַ חלום
און אַ שטילן סוד אין אויער...

ווילנע, 1906.

3. אַ מעשהלע

קומט צוגיין פון קריג דער קעניג
און געפינט זיין יונגע ווייב —
זיצט אין גאָרטן מיט זיין דינער:
האַנט אויף האַלז און לייב צו לייב.

האָט געבלאַנקט אַ שווערד אַ קאַלטער
אינעם גאָלדענעם זונען־גלוט;
ס'האָט געגרינט אַרום דער גאָרטן
און געגאָסן האָט זיך בלוט.

איז דער קעניג לאַנג געשטאַנען
ביי דאָס יונג געטויטע פּאָר,
און באַוויינט זיין שיינע מלכה
מיט אַ גאַנצן פייגל־כאָר...

נאָר די מעשה איז אַן אַלטע,
איז שוין לאַנג באַדעקט מיט גראָזן;
אויף דעם אָרט, וואו ס'איז געשען,
וואַקסט אַ קוסט מיט רויטע ראָזן.

קומען מיידלעך און פֿאַרפֿלעכטן
רויטע בלומען אין די לאָקן.
און מען ליבט זיי און זיי ליבן.
און... די באָבעס שטריקן זאָקן.

און דער פּויבסט בלייבט שטענדיק — בחור,
און פֿאַרוועלקטע הערצער שימלען;
ניט מען ליבט זיי, ניט מען האַלט זיי
אונטער בלויע זומער־הימלען.

פּאַריז, 1910.

4. זי איז ניט געקומען

פֿאַלן גרינע אוירינגלעך
פֿון בעראָזעביימער;
ז'האָט אַ בריוו געשריבן אים:
וואַרט אויף מיר ל"ג־בעומר!
וואַרט אויף מיר אין וועלדעלע,
וואו די קינדער שפּילן;
כ'וועל דיך הייס אַרומנעמען
און דיין בענקשאַפֿט קילן.

פֿליען ווייסע פֿלעדערלעך —
לעבעדיקע בלומען;
זיצט ער, קוקט די אויגן אויס...
זי איז ניט געקומען
חדר־יינגלעך שפּילן זיך.
שיסן פֿון די בויגן;
שטעכט אַ שטראַל די בלעטער דורך,
דוכט אים — אירע אויגן!

רייבט איין גריל זיין סמיטשיק אָן,
פֿידלען אונטער אַלע;
איילט ניט, גרינע כּלי־זמרלעך,
ס'האָט פֿאַרזוימט די כּלה!...
לויפֿט אַדורך אַ ווינטעלע,
יונגע, בלעטלעך, שפּאַטן:

כלומרשט... ס'רוישט איר זיידן־קלייד
ערגעץ־וואו אין שאָטן.

משה־רבנוס בהמה'לעך
דרימלען־איין אויף צווייגן;
אַהיים אַוועק די ייִנגעלעך,
וואַלד און הימל שווייגן.
שוועבן רויטע וואָלקנדלעך,
אָוונט־זשוקלעך ברומען;
און ער זיצט אין גראָז און וויינט:
„זי איז ניט געקומען!..."

5 פאַרלאָזן

זיץ איך מיר נאָך האַלבע נאַכט,
זיץ איך מיר אַליין און טראַכט;
אויפן האַרצן איז מיר שווער!
קלינגט דאָס זייגערל: איינס.
דין־דין, דין־דין —
איינס.
אַ מאַנדל האָב איך גאָר אַ שיינס,
ליבט ער מיך ניט מער.

ניי איך אויס, איך ניי און לייד, —
סאַמעט־טישטעכלעך מיט זייד;
אויפן האַרצן איז מיר שווער!
קלינגט דאָס זייגערל: צוויי
דין־דין, דין־דין —
צוויי.
עס קלאַפּט אין שויב אַ נאַסער שניי
און ער קומט ניט מער.

לייען איך מיר אַ מעשה־בוך:
רויבער... פּרינצן... בלוט אין שוך...
אויפן האַרצן איז מיר שווער!
קלינגט דאָס זייגערל: דריי
דין־דין, דין־דין —
דריי.

אוי, איז ער מיר מער ניט טריי!
טראַכט פֿון מיר ניט מער.

שלוכץ איך שטיל, איך וויין און וויין,
אַט אַ קומט ער!... ניין און ניין;
אויפֿן האַרצן איז מיר שווער.
קלינגט דאָס זייגערל: פֿיר.
דין־דין, דין־דין —
פֿיר.
אַ?... ווער קלאַפּט דאָס דאָרט אין טיר?
ווינד און קיינער מער.

6. קום!

קום, ליבע־פֿייער, קום צו מיר!
נעם, ברען מיך נאָך אַמאָל.
דאָס לעבן שלעפּט זיך פֿויל אַן דיר:
ניט טיף איז מער דער טאָל,
ניט הויך — דער באַרג.
דאָס זונען־ליכט אין גאַס איז קאַרג,
דער ביימער־כאַר אין וואַלד איז שטום...
קום!

קום, אייפֿערזוכט אַ, קום און שלאָג
מיט דיין פֿייערדיקער רוט!
טרייב גיך די מידע ערד צום טאָג,
צום האַרצן יאָג דאָס בלוט!
די נאַכט איז לאַנג,
אַן ריטם פֿלייצט דאָס וועלט־געזאַנג...
און וואָס איז גלייך? און וואָס איז קרום?
קום!

7. שולמית

(גליל־ליד)

שולמית: פֿאַרריגל איך מיין קליינעם גאָרטן
אויף אַ ריגעלע,
און שפּרינג אַראָפּ פֿון בשמים־בערגל
מיט מיין ציגעלע.

ענג מיין קלייד פון ציגן־פעל, און שמאָל
מיין שטעגעלע; —
אַמנון לויפט אַוועק פון מיר... אָ, וואַרט
אַ רגעלע!

אַמנון: שולמית, אין טאָל פון יזרעאל רעדט מען,
אַז מיין טייבעלע
האָט אַן אַלטן אפּרת צוגעזאָגט
זיין זיין ווייבעלע,
און ווייסע אייזלען פירן שוין פאַר דיר
און עלטערן:
זייד פון מירון, בשמים־אייל און וויין —
פון קעלטערן.

שולמית: שולמית ליבט נאָר דיך. זי איז
אַ פרייע טעכטערל.
איר ליבע קויפט מען ניט פאַר גאָלד, און גאָט
איר וועכטערל.
דיר — איר גאָרטן אָפן, פאַר דער וועלט —
אַ ריגעלע!
עדות איז דער חרמון־באַרג, און זי, —
מיין ציגעלע.

8. חורבן

צווייטע גליל־ליד

אָ, אַמנון, אַמנון וואו איז ער?
אין טאָל פון ירדן קעמפט ער שווער.
צי לעבט ער נאָך און ס'זיגט זיין שווערד?
צי שלאָפט ער זיס אין ציונס ערד?

2

דער גליל זיפצט אין שווערן יאָך
גוש־חלב ברענט און ראַנגלט נאָך.
פון יודפת שטייגט אַ גרויס געוויין,
איך בין אַליין, איך בין אַליין.

געקוילעט איז מיין ציגעלע,
צעבראָכן איז מיין ריגעלע.
און גראָבע רוימער פּרעסן רויב,
אָ, גאָרטן מיין! — מיין לעצטן טרויב...

3

איך לעב אין שאַנד, איך לעב אין נויט,
איך מאָל פֿאַר שונאים אונזער ברויט;
ניטאָ קיין טאַטע־מאַמע מער.
אָ, אַמנון, אַמנון וואו איז ער?

ב. פּרויען

1. קאַרשן

ציטיקע קאַרשן און ציטיקע מיידלעך
מיט אויגן פֿיל שוואַרצער פֿון קאַרשן;
עס קלעטערן מיידלעך נאָך קאַרשן און לאַכן,
עס בלאַנקען אין גרינס זויבער־באָרוועסע פּיסלעך,
עס קנאַקן די דינע עלאַסטישע צווייגן,
עס פלאַפּלען די בלעטער און ס'הוידען זיך שאַטנס, —
אַ פּנים זיי העלפֿן מיט לאַכן!
באַלאַדן מיט אויבס שטייט דער אוראַלטער גאָרטן
און שמייכלט מיט טויזנטער רויטינקע שמייכלען,
און ממזריש ווינקט יעדער פּרוכט צו די אויגלעך
וואָס זיינען פֿיל שוואַרצער פֿון קאַרשן.

אַט זיינען די שטיפֿערקעס הויך שוין פֿאַרקראָכן,
עס מישן זיך לאָקן מיט בלעטער אין איינעם —
און טונקעלע צווייגן מיט טונקעלע פֿאָלדן;
אַ טרייסל אַ בוים און עס שיטן זיך קאַרשן,
מיט פֿלאַמענדע בליקן צוזאַמען.
דו שטייסט אונטערן בוים און צעמישט און באַצויבערט,
און ווייסט ניט וואָס כאַפּן, וואָס שלינגען אַ פֿריער
אַ קאַרש צו אַ הייסינקן בליק.
שלינגסט קאַרשן און שטיקסט זיך פֿון יונגן געלעכטער,
דו לאַכסט אָן אַ ציל, אָן אַ סבה, אָן ווילן,
עס בליט דער געלעכטער, ווי קוואַל־וואַסער שלאָגט ער
און רוישט ווי די בלעטער פֿון גאָרטן...
און ס'לאַכן די הימלען און ס'לאַכט גאָט אַליין —
דער גרייז אַלטער האָר פֿון די ווייסינקע וואָלקנס:
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ... און עס ענטפֿערן מיידלעך:
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!... און אַ האָגל אַ רויטער,
אַ ווייסער, אַ שמעקנדער האָגל און קאַרשן,
ער טענצלט און פּויקט אינעם גראָז, ווי אויף סאַמעט —
אָ, קאַרשן, אַ קאַרשן!

אוי, בחור וואָס טרוימסטו! און דאָ שפּרינגלט אַ מיידל
אַראָפּ פון אַ בוים ווי אַ יונגינקע סערנע!
ווי ווייס איז דאָס פיסל וואָס טוקט זיך אין גראָז,
ווי זיס איז דער רויש פון די מיידלשע פאַלדן.
און דו פלינק — נאָך איר! און דו לויפסט זי נאָך כאַפּן,
דו יאָגסט זי נאָך כלומרשט און מיינסט מיט אַן אמת;
צעטראָטענער ווערמוט פאַרשכורט דעם מוח,
צערייצט מיט זיין ביטערן דופט די געפילן,
דו טרעטסט מאַרגעריטקעס, דו שפּרינגסט איבער רויזן,
וואָס אַרט דיר! פאַראויס לויפט דיין מיידל, דיין מיידל
איר קערפּער איז פרישער פון בלומען...
מיט ליפּן באַגאָסן מיט קאַרשן בלוט לאַכסט דו:
... „שטיי ווײַלינקע, קליינע”, און בעטסט זי אין האַרצן:
— לויף ווייטער, לויף ווייטער!...

עס קלאַפּן די הערצער, אַרום ווערט אַלץ שטילער,
דו ביסט שוין דער יעגער און זי איז אַ גאַזעל,
אַ גאַזעל מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן;
פאַרטרייבסט זי אין ווייטע און קילע אַלעען,
און לאַנגזאַמער לויפט זי, ווערט מידער און מידער...
איין שפּרונג — און דו כאַפּסט זי. עס הויבט זיך איר בוזים
און שפּילט מיט די ווייכע באַטיסטענע פאַלדן. —
עס שמעקט פון דיין ליבסטער מיט קאַרשן און יוגנט,
מיט טריף־וואַקס פון צווייגן און וואַרעמען קערפּער —
פון קריכן אויף בוימער און לויפן...

אַרום שטייען טאָפּאָלן — די שומרים פון גאָרטן —
ווי כהנים־גדולים אין גרינע טליתים,
די צווייגן געשפּיצט און געשטרעקט צו דעם הימל
און דוכנען אייביק, און בעטן אָן ווערטער:
מער שטראַלן דעם גאָרטן, מער שטראַלן!
אַ ליידיקער האַמאַק באַוועגט זיך פאַמעלעך
דאָרט ערגעץ־וואו, צווישן צוויי אַלטע בעראָזעס,
ער וויגט ניט דערוועבטע חלומות דער האַמאַק...
שטיל, קיינער זעט ניט. דו מאַך ניט קיין שהיות,
די טאָפּאָלן וועלן עס קיינעם דערציילן —
אַ קוש אין די גלאַטע, צעוואַרעמטע בעקלעך,

אַ קוש אין די גרויסע, צעשראָקענע אויגן
וואָס זיינען פיל שוואַרצער פון קאַרשן. —
זי ווערט כלומרשט ברוגז און בלאָזט אָן די ליפּלעך,
און ס'לייגט זיך אַ קנייטשל פון קינדער־עקשנות
צווישן די קינדערשע ברעמען.
דו כאַפּסט זי אַרום און דו מאַכסט זיך ניט וויסן:
אַ קוש אין דאָס ברוגזדיק מיילכל, אין העלזל,
אַ קוש דאָרט צווישן די צעפּ, די געדיכטע,
דאָרט איז אַזוי וואַרעם, דאָרט איז אַזוי מילד,
ווי אונטער אַ טייבלשן פליגל...
און לאָזט זי דאַן אָפּ. זי איז מיד, זי איז דורשטיק,
דו קוקסט אָן אַ זייט אַזוי תּמימותדיק־רואיק
און זעסט נאָר אַ קלייניקן, גליענדן אויער;
פאַרבייסט דאַן די קושן מיט זאַפטיקע קאַרשן...
אַ, זיס זיינען קאַרשן, געשמאַק זיינען קאַרשן,
אַ וועלט פול מיט קאַרשן!

2. איטע

פאָלקס־ליד

הערט אַ מעשה, וואָס פאַרלויפט זיך
אין אַ שטעטל אין דער ליטע!
ס'איז אַ מיידל דאָרט געווען
און געהייסן האָט זי איטע.

אויגן — בלויע, הענטלעך — ווייסע,
און די צעפּ — ווי שוואַרצע שלאַנגען;
ווער עס האָט זיי נאָר דערזען;
דעם איז ס'חיות אויסגעגאַנגען.

דער פלעגט אומגיין ווי אַ שאָטן
און פלעגט שעפּטשען: „איטע, איטע..."
הערט אַ מעשה, וואָס פאַרלויפט זיך
אין אַ שטעטל אין דער ליטע!

*

אַלע בחורים אין שטעטל
פלעגן שטאַרבן נאָך דאָס מיידל;

פֿלעגן טרוימען אירע ליפּן
עאון דאָס רוישן פֿון איר קלײדל.

ס׳האָבן זיך אין איר פֿאַרבולבעט
פֿון אַפּטייקער ביז דעם שערער,
פֿונעם קלויזניק ביזקל פּערשל,
בני־יחידימלעך און לערער.

אַלע „לעזן” און שטודירן —
ווי מען ליבט אַ שײנע מײדל;
אַלע טרוימען איטעס ליפּן —
און דאָס רוישן פֿון איר קלײדל.

*

נאָר איר טאַטע איז אַ חסיד —
און אַ מײדל פֿאָלגט דעם טאַטן —
מאַכט ער „באָם”... און וויל ניט הערן
פֿון משכּילים מיט קראַוואַטן.

וויל ער דווקא אַ בן־טובים,
און ווער קען אים זאָגן דעות!
אַ, דעם מורה־הוראה׳ס זונדל
זיפֿצט שוין לאַנג און גלעט די פּאות...

טרויעריק זינגט ער ביי דער גמרא,
כאַפּט אַ קוק אויף איטעס טאַטן:
„זע... אַ בחורל מיט תּורה,
ניט אַ סאָלטיק מיט קראַוואַטן!...”

*

קומט צופֿאָרן אַ סטודענטל —
אַזש פֿון „פּייטערבאַרג” געקומען;
אַ יונגאַטש אין גרינע הויזן,
און אין לאַץ אַ בינטל בלומען.

גייט דאָס אום ביי גאָט אַ זומער
שלינג און שלאַנג אין אַלע גאַסן;
וואו אַ הונט און וואו אַ שיקסע —
זיצט ער, שפּילט ער, טרייבט ער שפּאַסן.

דאַרף ער איין מאָל טרעפֿן איטען, —
שענקט ער איר זיין בינטל בלומען...
אָט, אַ הולטיי, אַ סטודענטל,
וואָס פֿון פּיטערבאָרג געקומען!

*

איטע האָט דאָס שיינע שענקעכץ
ניט גענומען און אַנטלאָפֿן;
נאָר פֿון דענסטמאָל אָן — דערציילט מען —
איז זי מער שוין ניט געשלאָפֿן...

האָט מען זי גענומען היילן:
אויסגעגאָסן וואַקס אין וואַסער,
אָפּגעשפּראָכן פֿון עין־הרע; —
איטע שווייגט און ווערט אַלץ בלאַסער.

אָט אַזוי דריי לאַנגע וואָכן:
ניט געגעסן, ניט געשלאָפֿן;
אויף דער פֿערטער וואָך — וואו איטע!
מיט דעם ליץ איז זי אַנטלאָפֿן...

*

איז געוואָרן אַ בהלה:
ייִנגלעך בלאָנדזשן ווי אין נעבל,
בלייכע נעזער, גרויסע אויגן,
און די מיילער — פּעך און שוועבל.

אוי, דער פֿערשל — גאָר מבולבל:
דאַרף מען מענטש — שרייבט ער האָפֿן!
דער אַפּטייקער: בעט מען ריצנאייל
גיט ער גאָר חלשות־טראָפּן...

שערער־ייִנגען די פּאַרשנײַדן
בערד און פאות, ווי אין נעבל;
און „דאָס בחורל מיט תורה״
שיט אויף גאָט מיט פּעך און שוועבל.

*

גייען אום פֿון דענסטמאָל מעשות,
מען דערציילט אַזוי אין שטעטל:
איטע וואוינט שוין יעצט אין אויסלאַנד,
אויף איר טיר אַ מעשן ברעטל.

אויף דאָס ברעטל שטייט געשריבן:
אַז דאָ וואוינט זי, הייסט דאָס, איטע,
מיט איר „דאָקטאָר", וועלכן ס'קענען
אַלע שיקסעס אין דער ליטע...

— נאָ דיר גאָר אַ וויסטן „דאָקטאָר", —
אויף דער טיר אַ מעשן ברעטל!
אָט אַזעלכע מאָדנע מעשות
גייען אום פֿון דאַן אין שטעטל.

בערלין, 1909.

3. ליבע הייסט...

ליבע — הייסט: פֿיינט האָבן אַלעמען
און ליבן נאָר דיך...
עס לוינט זיך, עס לוינט זיך אַלץ פֿיינט האָבן
און ליבן נאָר דיך!

עס לוינט זיך, עס לוינט זיך פֿאַרלאָזן דיך
און קומען צוריק; —
ס'איז ליב און ס'איז זיס צו פֿאַרוועלקט ווערן
און בליען צוריק.

און וואָס איז אַ שטערן אַן פֿינצטערניש,
אַ פֿלאַקער — אַן פֿראָסט?
און וואָס איז מיין האָסן און ליבן דיך? —
אַ פֿייער אין פֿראָסט.

אַן אייביקע ראָד מיט אַ רעטעניש:
דו יאָגסט זי — זי קומט.
איך טרייב דיך און כ'בין אַ פֿאַרטריבענער
און וויין, ווען דו קומסט...

4. אין דלילהס אָרעמס

ווי מיר, ווי מיר, טעג פֿאַרגייען!
אין די ימים פֿאַלן טייכן,
וועלדער רוישן, קרעפֿטן ברויזן,
איך מוז שווייגן, איך מוז ווייכן.

כ׳בין פֿאַרוויגט אין הייסע אָרעמס,
כ׳בין פֿאַרכאַפּט אין קאַלטע לאָקן;
זיס, ווי גראָזן, רוישן אַטלאַס,
העמד־באַטיסט און זייד פֿון זאָקן.

כ׳זע קיין שטערן, כ׳זע קיין הימלען,
ס׳ברענען ציינער, אויגן ווינקען; —
הייס, עלאַסטיש פּרעסן ברוסטן
און פֿאַרגיפֿטן און באַטרינקען.

„וויג מיך, דריק מיך, שלאַנג מיין זיסער,
בייס מיך, זויג מיך, קאַץ און מוטער!”...
און זי נאָגט מיך און זי קושט מיך:
— לאָז דיך ליבן, זיי אַ גוטער!

טרינק מיין גיפֿט, אַ, טרינק און שמייכל!
שטרעב ניט, זינק ניט, גיי ניט העכער;
וועסטו נאָר צו טאָט דערוואַכן —
איז שוין גרייט אַ צווייטער בעכער.

שלאָף, מיין בענקער, וויט דאָס לעבן...
וואָס דיר אויבן, וואָס דיר אונטן!
האָסט מיין יוגנט אויפֿגעזיגלט —
שפּריצט דאָס גליק פֿון אַלע שפּונטן.

און איך טרינק און טרינק און דרעמל:
וועלדער רוישן, ווינטן ווייען;
נאָר די ליפּן פּלאַפּלען עלענט:
„ווי מיר, ווי מיר, טעג פֿאַרגייען!”

5. צו דער מלכּה!

גרויס און ברייט מיין וועג אין לעבן,
און די צייט, די צייט איז טייער;
אָ, איך אײַל מיך צו מיין מלכּה
מיט מיין גאַנצן יוגנט־פֿייער!

כ'זע, זי ווינקט פֿון נעפּל־ריסן,
שלייערט זיך אין ליכט און שאָטן...
און איר נאָמען? — דער איז הייליק,
כ'טאָר ניט זאָגן, ס'איז פֿאַרבאָטן!

נאָר וואָס ווייטער שטערט מען מערער:
ס'האַלטן אָפּ די שיינע ווייבער —
און זיי צויבערן און בעטלען;
דאַרשטיק בלאַנקען ווייסע לייבער.

„גיב אַ פֿונקל!" צויבערט איינע,
„שענק אַ טרוימל!" וויינט די צווייטע;
— נאַ דיר בלוט, און דו נעם מוח,
און פֿאַר דיר — חלומות גרייטע!

אַט אַזוי צעפּאַלט מיין רייכטום,
רק איך גיב און רק כ'בין שולדיק...
נאָר ניט דינגען זיך מיט פֿרויען —
ס'וואַרט מיין מלכּה אומגעדולדיק.

— צוליב דיר, מיין שטאָלצע, לאָז איך
מיינע שווערע אוצרות וואַרפֿן!
ליב מיך, גרייט דיך, לאָז ניט דרעמלען
דיינע מיידלעך אויף די האַרפֿן...

אָבער ווייט, נאָך ווייט די מלכּה,
די נדבות מער און מערער;
ס'רויכערט שוין דאָס יוגנט־פֿייער,
די געדאַנקען ווערן שווערער:

— דו ביזט איינציק, בעטלער — מענגעס,
און זיי ווייסן ניט — זיך שעמען;

דו ביזט רייך, די פּרויען אָרעם —
נאָר זיי טוען און זיי נעמען.

זע, זיי ווען זיך פֿאַרצערן,
אַלע פֿלאַמען, אַלע פֿאַרבן; —
פֿאַר דיין מלכּה וועט נאָר בלייבן
קאַלט דאָס האַרץ און פּוסט דער שאַרבן!...

.1911

6. דריי קעפּלעך

דריי קעפּלעך פֿון פּרויען פֿאַרקעמט און געקרייזלט,
אין אָוונט־ליכט — געלבלעך און מאַט:
איין קעפּל ווי זילבער, דאָס צווייטע ווי בראָנזע,
דאָס דריטע — ווי שוואַרצער אַגאַט.

ווי דריי כריזאַנטעמען אויף מענטשלעכע העלזער,
אין וואַזן פֿון פֿאַרביקן זייד;
די שוואַרצע קוקט קינדיש, די ברוינע — קאָקעטיש,
די ווייסע — מיט ערנסט און לייד.

דריי עלטערס, דריי פֿאַרבן, דריי שיינע קאַפּריזן,
אַ צופֿאַל האַרמאָניש און נעט;
דאָ פֿעלט נאָר אַ רויטע און ס׳פֿעלט נאָך אַ בלאָנדע
און גאַנץ וואָלט געווען דער בוקעט...

נאָר טיפֿער און זיסער איז דאָס ניט דערזאָגטע,
עס רייצט דעם געשמאַק דאָס וואָס פֿעלט;
די קונסט זי אַליין, דאַכט זיך, שטייט דאָ אין שאָטן
און קוקט אויף איר סקיצע און קוועלט.

.1914

7. דאָס וואַרטן

קענסטו דאָס וואַרטן? —
ניט טאָג און ניט נאַכט,
די הענט זיינען קאַלט,
דער אָטעם איז הייס;

פֿון וואַנט צו וואַנט,
ווי אַ וואַגלענדע בין,
אין שפּינוועבס פֿאַרפּלאָנטערט,
גיפֿטיק און ברויזנד,
מיט זוימען און האָניק באַלאָדן...
פֿאַר וועמען? פֿאַר וועמען?
— אָט קומט זי! ניין,
— אָט גייט זי! ניין.
האָט זי פֿאַרשפּעטיקט.
צי האָט זי פֿאַרגעסן?
— ווער קלאַפּט עס? אַ בריוו.
פֿאַרפֿלוכט!
דער קערפּער פֿול זאַפֿט
ווי אַ לאַגל מיט מאָסט;
דער גייסט ווי אַ בויגן געשפּאַנט,
די נאַזלעכער ציטערן;
דאָס האַרץ פּרעסט ווי ערב אַ שטורעם —
אַן אומגליק מוז קומען!
אין שטיקער זי רייסן, אין שטיקער,
די קליינע פֿאַרברעכערין!
זי נאַרט מיך, זי נאַרט...
מיט וועמען? —
צופֿוסן איר פֿאַלן, צופֿוסן —
די גאָלדענע, די בעסטע!
איך בין דער שולדיקער,
איך בין דער נאַר,
זאָל זי נאָר קומען...
אָט איז די וואַנט
און אָט איז דיין קאָפּ,
שלאָג אויב דו ווילסט!
אָ, ראַטעווע גאָט, פֿון דעם עלענד.
מאַך זי זאָל קומען וואָס גיכער,
זי זאָל קומען אָט באַלד,
אָט שוין! —
די הענט אויף די אַקסלען מיר לייגן.
דו זעסט דאָך מיין זעל,
דו זעסט דאָך מיין ליבע, מיין שטאָלץ,
פּייניק ניט!... מאַך

זי זאָל פּלוצלינג אַריין,
ווי אַ ליכטיקע פֿריינדשאַפֿט, אין טיר.
אַט גייט זי! ניין.
אַט רוישט ווער אין איינגאַנג...
איר קלייד? ניין.
אַט איז די וואַנט
און אַט איז דיין קאָפּ,
שלאָג אויב דו ווילסט!...

בערלין, 1920.

8. אַ בריק

אַליין־זיין איז ביטער, געליבטע,
און מענטשן און פֿליכט זיינען קייטן.
די יוגנט גייט אָפּ, און זי רייצט זיך:
באַזיגט זיך אַליין?... צי דעם צווייטן?

עס ציט נאָך דער פֿאַרביקער טומל,
צעריסענע קאַמף־פֿענער ווינקען;
עס ברויזן די תּאוות ווי טייכן —
צי טרינקען פֿון זיי, צי דערטרינקען?

איך הענג צווישן מענטשן און עלענד;
וואָס זאָל איך?... צי נעמען, צי געבן?
כ'האָב פֿיינט האַלבע מעשים און ווערטער,
אין האַסן און דורשטן דאָס לעבן.

אַ בריק צווישן עלענד און מענטשן,
ביסטו, נאָך, מיין ליבסטע, געבליבן;
וואָס איך האָב געהאַסט און פֿאַרשטויסן —
דורך דיר וועל איך לערנען צו ליבן.

פּאריז, 1927.

9. צוויי מיידלעך

שיפֿלעך שיפֿן זיך אויף וואַסערן,
בליעכץ הוידעט זיך אויף צווייגן;
זיצן מיידלעך צוויי, פֿאַראומערטע,
קען די אייגע מער ניט שווייגן: —

„מיין געליבטער... ווייסט? ער קומט ניט מער,
וויין איך דורך די מאַי־פֿאַרנאַכטן;
ס'האָבן ליפּן הייס מיך אויסגענאָגט,
איצטער נאָגט — דאָס קאַלטע טראַכטן..."

זאָגט די צווייטע: „מיידל, זינדיק ניט!
האָסט געהאַט און האָסט פֿאַרלאָרן...
בענטש דעם מאַן וואָס האָט דיר ווי געטאָן;
ווער עס ליידט — ווערט ניי־געבאָרן.

כ'וואָלט געוואָלט דיין גליק פֿאַרזוכן נאָר,
און פֿאַרלירן און פֿאַרגינען —
ס'זאָלן דורשטיקע פֿאַרבלאָנדזשען זיך
און, ווי איך, זיין קוואַל געפֿינען..."

זיפֿצט די ערשטע: „ביזט דערהויבענער,
דו פֿאַרשטייסט די ליבע בעסער;
נאָר דו האָסט זי ניט... וויינען ביידע מיר,
און דאָס גליק לאַכט הינטער שלעסער..."

פֿאַריז, 1928.

10. דער פֿרעמדער

זי: (שטייענדיק אין טויער):

אויפֿן פּלאַנקען זיצט די קאַץ
און וואַשט זיך,
אַ לעק די לאַפּקע און אַ וואַש
דאָס קעציש פּרצוף־פּנימל.
אַ גאַסט דאַרף קומען... מיאַו!
אַ גאַסט מיט הויכע שטיוול,
געקרייזלט ווי אַ שעפּס,
מיט אויגן פֿון אַ טיגער.
פֿון וואַנעט קומט ער — ווייסט מען ניט,
זיין ליבן נאָמען זאָגט ער ניט;
אַ גאַסט.
אָן הוט און אָן אַ שטעקן

שפּאַנט ער שלאַנק און לייכט ;
די קודלעס, זיי באַשיצן אים
פֿון רעגן און פֿון זון ;
ווי שוואַרצע טרויבן הענגען זיי
איבערן ברוינעם האַלז.
פֿרעמדער, פֿרעמדער קום אַהער!
פֿול איז דיין געדיכטער קאָפּ
מיט פּוך פֿון אַסיען־בליעכץ.
אויף מיין ווייסן מיידל־בעט
וויל איך דיך אַנידערזעצן,
רעגן־וואַסער אויפֿקאָכן
אין מיין מאַמעס קופּער־פֿאַן ;
און דיך צוואָגן און פֿאַרקעמען
דיינע האָר, ביז שוואַרצן אַטלאַס,
מיט דער מאַמעס זילבער קאַם.
מיאַו, מיאַו וויינט די קאַץ,
וויינט מיין מיידל־האַרץ מיט איר :
מיאַו...

ער : (קומט אָן) :
אַ דאַנק דיר, מיידל, פֿאַר דיין ליד!

זי : אָ!

ער : וואו האָסטו דאָס געלערנט?

זי : אויסגעטראַכט.

ער : וואָלט איך דאָס נאָר געווען דער גאַסט...

זי : ניט אַלץ איז אמת וואָס מען זינגט.

ער : און וואָס מען וויינט?

זי : איז שטענדיק אמת.

ער : „מיאַו, מיאַו וויינט די קאַץ
וויינט מיין מיידל־האַרץ מיט איר..."
מוז דאָס דאָך זיין אַן אמת!

זי : (פֿאַרשעמט)
אונטערהערן
איז ניט שיין...

ער: אויך ווען אַ פֿויגל זינגט אין וואַלד?

זי: (נאָך אַ ווײַלע שווײַגן)
איך האָב געזונגען גלאַט אַזוי. צו זיך אַליין.
געוועזן אומעטיק... דאָס לעצטע היי
שוין אָפּגעקאָסעט. די מערן אויסגעריסן;
אין קעלער ליגן אָנגעהויפּט די קרויט־קעפּ.
איידער אַפּפּליען אין ווייטע לענדער
האָבן זיך צעשריִען ווילדע ענטלעך
אין די טראַסטינעס.
בין איך אַרויס אין טויער און געזונגען.

ער: נו? (פּאַוזע)

זי: מײַן טויער און מײַן ליד... וואָס זוכסטו דאָ?

ער: דיך, מײַן מיידל! פּונקט אַזוי ווי דו
האָסט מיך געזוכט אין דײַנע לידער.

זי: ניין, ניין! (וויל אַנטלויפֿן)

ער: לויף ניט, מיידל! לויף ניט, ווי אַ הון
פֿון האָן, כּדי זײַן מאַנסביל׳שקייט צו רייצן,
מיט צניעותדיקער אומבאַהאָלפֿנקייט.
אַזוי פֿיל אמת אין דײַן ליד, און ביזט נאָך
אַזוי יונג.
די אויגן — פֿייער, די ליפּן זיס
און שאַרף די צונג —

זי: ווער ביזטו, פֿרעמדער?

ער: אַ מענטשן־ביהן בין איך. איך טראָג דעם שטויב,
פֿון פֿעלדער און פֿון שליאַכן,
אויף מײַנע וואַנדער־שטיוול, זעסט?
ווי אַ בין דעם בלומען שטויב;
פֿון דאָרף צו דאָרף —

זי: (מיטן זעלבן טאָן):
פֿון ווײַב צו ווײַב...

ער: דאָס אויך.

זי: אַך, ווייסט? דײַן בלומען־שטויב
שמעקט אַביסעלע נאָך דיעגאַכץ. כ׳גלויב ניט —

די בלומען־ווייבער זאָלן פֿון אַזאַ שטויב
באַצויבערט ווערן.

ער: נאָר מוטערס ווערן זיי
פֿון צייט צו צייט.

זי: ביזט גראָב!

ער: נאָר דרייסט.
דו ווייסט נאָך ניט וואָס הייסט אַ מאַן,
די אומגעדולד און פֿייער, וועלכע טרייבן —
צו צעשיטן זיך אויף אַלע וועגן,
ווי רויג פֿון פֿיש, אין זומער־טייכן;
צעקייטלען זיך, אין הערצער,
אין ריינגען און אין רינגעלעך אָן ענד.
דאָ ליגט דער גאַנצער סוד פֿון יענער וועלט
און פֿון אומשטערבלעכקייט.
אין קינדער און אין קינדס־קינדער —
רינגען, רינגען, רינגען.
קיין אַנדער עולם־הבא איז ניטאָ.

פּאַריז, 1930

11. גיטעלען

ווי האַרבסט־טרויבן האָט אַנגעגאָסן,
דאָס יאָר פֿון ליידן, דיך מיט זאַפֿט;
די ווייסע שפּרענקלעך האָר באַלויכטן,
מיט נייעם חן, דיין ווייבערשאַפֿט.

פֿאַרשווינט האָט דיך די צייט, די בייזע,
דיין מזרח־פּראָפֿיל אויסגעהיט;
דער גרויער קוק איז קלוג און קילבלעך
און אונטער אים — אַ פֿייער גליט.

נאָך קיין מאָל איז דיין הויט געווען
אַטלאַסדיק אַזוי און צאַרט;
נאָך קיין מאָל האָט נאָך דיינע גנאָדן
מיין מידע זעל אַזוי געגאַרט.

פֿאַראייניקסט איצטער אַלע ליבעס —
געפֿירט אין נאָענט און אין ווייט —
מיין ערשטן גליק אין פֿרויען־אָרעמס,
מיין אייביקע אומבאַפֿרידיקטקייט.

און ווען איך טרעף דיך אַ פֿאַרטראַכטע,
ווייט פֿון הויז, אין מיטן גאַס —
דערשרעק איך מיך. מיר דאַכט — דיר דראָען
שטאָט־געפֿאַרן, מענטשן־האַס.

איך נעם דיין אָרעם אָן און פֿיר דיך
צוריק אין נעסט, אַהיים, אַהיים —
פֿאַרזאָרגט און שעמעוודיק; ווי דעמאָלט,
ווען כ׳האָב געליבט דיך אין געהיים.

פּאַריז־פֿאָנטניי, 24סטער אָקטאָבער, 1940.

12. אָפּשייד

מיין פֿריינד, כ׳בין שווער ווייל איך בין צייטיק
צום פֿאַל פֿון לעבנס־בוים אַראָפּ;
וועסט אפֿשר באַלד אין גראָז געפֿינען
מיין לעצטע ליד, מיין מידן קאָפּ.

כ׳בין זאַט פֿון אַרבעט און פֿון טרוימען,
כ׳בין פֿול מיט קערנער און מיט זאַפֿט;
אַ, שוואַרצע קערנער מרה־שחורה,
קאַפּריזן אויסגעמישט מיט קראַפֿט!

כ׳בין מיד פֿון פֿאַרוואָרפֿן אומזיסטע,
גענוג צו רעדן דורך אַ וואַנט!
אַ ליכטיקייט צו נאָענט בלענדעט,
מען כאַפּט קיין ווינט ניט מיט דער האַנט.

ווען כ׳וועל זיין ווייט, דאַן וועסטו זען
מיין טרויער אויפֿגיין ווי אַ ליכט;
אַזוי ווי איך זע, שוין אַצינדער,
דיין ליב, דיין אויסגעביינקט געזיכט.

פּאַריז, 1941

13. דער דאַנק

צו אייערע פֿיס וויל איך מיך זעצן,
ווי אַ ריטער פֿון די אַלטע צייטן —
און קושן אייך די קני און דאַנקען:
כ׳האָב אָפּגעלעבט אַ שטורעמפֿולע יוגנט,
ווי אַ ניט־געקרוינטער שלמה אָפּגעלעבט.
איר זייט שוועסטער מיר געווען און מאַמעס
און געליבטע — אין מיינע וואַנדער־וועגן.
צו אייך בין איך געלאָפֿן אין מיין אומעט —
ווי אַן אָפּגרונט טיף און שאַרף ווי צאַנווייטאָק;
געלאָפֿן איבעם אויפֿברויז פֿון מיין שאַפֿונגס־פֿרייד,
געטיילט מיט אייך אַלטעגלעכקייט און דאגות
און פֿילפֿאַרביקע חלומות, וועלכע זייגען
שפּעטער פֿלייש און בלוט געוואָרן
און שטיינבילדער פֿון מירמל און פֿון מעש.
איר האָט געגלויבט אין מיר, געשטאַרקט מיך,
אַרויפֿגעלייגט די טרייע הענט אויף מיינע וואונדן —
ווי רויזנבלעטער שמעקנדיקע, קילע;
און ווערטער, ווי באַלזאַם, פֿון שמייכלנדיקע ליפּן
געגאָסן אויף מיין איינגעבויגטן קאָפּ.
און איז ער שווער געוואָרן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג —
אויפֿגענומען ווייך, פֿאַרוויגט אין שויס,
ווי אַ פֿאַרלוירענעם זון, וואָס קומט צעשטורעמט
און צעפּאַטלט פֿון געהיימניספֿולע וועגן.

מיך שווינדלט נאָך אַצינד פֿון אַלע צעפּ,
פֿון קודלעס ברויזיקע און גלאַטע —
ווי קופּער רויט, ווי זאַנגען גאָלדיק,
קאַשטאַנען־ברוינע און בלוי־שוואַרצע. —
פֿון אַלע אָרעמס ראָזעווע און ווייסע
אַטלאַסדיקע, זיידיקע און מאַטעווע,
ווי מיט טוי באַדעקט, און אָנגעזאַפּט
מיט זיסע ריחות פֿון יונג־בלוט און מוטערשאַפֿט.
מיר וויכערט נאָך פֿאַרביי דער קאַרעהאָד
פֿון נאַקנס, היפּטן, רוקנס, שויסן,
מיט וועלכע איך, געניטער שווימער, האָב געקעמפּט,
ווי מיט כוואַליעס אויפֿן מיטן ים;

און ניט פֿאַרלוירן קאָפּ און ניט דערטרונקען
מיין פֿרייהייט און מיין קלאָרן גייסט;
און אַלע מאָל אַרויס דער זיגער.

כ'האָב אייך ליב נאָך איצטער, ווען איך זע אייך
דורכן שלייער פֿון פֿאַרגאַנגענהייט;
קיין איינציקע ניט פֿאַרגעסן, ניט פֿאַראַכט
אַפֿילו יענע, וועלכע האָבן מיך פֿאַרוואָרפֿן
מיט ליגנס און פֿאַרדאַכטן, ווי מיט שטיינער.
צופֿיל קען איך אייער הייסן פֿרויען־האַרץ,
און זיין גרויזאַמקייט — די קען איך אויך.
פֿון גן־עדן האָט אירביידן זיי געבראַכט
און קענט ניט אָפּטיילן דעם גיפֿט פֿון זיסן עפּל.
אייער פֿייער, ווען מען דאַרף, פֿאַר מאַן און קינד;
און אייער אייז־קאַלטע נקמה קען איך אויך.
אָבער יונג און צופֿיל נייגעריק בין איך געווען —
איך זאָל, צוליב איין אָפּגענאַרטע ליידנשאַפֿט,
פֿאַרברענען אַלע בריקן הינטער זיך,
די שיינע וועלט מיט אייך צוזאַמען...
איך בין ק י י ן מאָל ניט געבליבן שטיין, און ק י י ן מאָל
נישט געשטאָרבן ווי אַ נזיר אויף אַ ווילע,
ניט געמאָרדעט עופֿהלעך־געפֿילן
צוליב אַ וואָרט, וואָס שטייט געשריבן
און געחתמעט פֿון פֿרומאַקעס אויף דער עלטער.
איין ליבע דאָ פֿאַרלוירן — גלייך געוואונען
אַן אַנדערע. אַלע טעג געשטאַנען
פֿאַר אַ ביטערן פֿאַרהער פֿון מיין געוויסן.
שטענדיק דורכגעפֿאַלן... און, מונטערער ווי נעכטן,
פֿאַרוואָרפֿן קאָפּ אין נאַקן און אַוועק,
מיט גיכע טריט פֿאַראויס. געלערנט ווייטער
דעם אייביקן און אומדערפֿאָרשטן
בוך פֿון פֿרויען. די טויזנט־בילדערדיקע
יעראָגליפֿן־שריפֿט פֿון זיינע ציילן.

אַ, שורות אויגן מאַנדלדיקע, פֿרעכע!
שעמעוודיקע וויעס, שווימענדיקע בליקן.
אויגן גרוי ווי שטאָל און גרין ווי אַקוואַמאַרין,
און שוואַרץ ווי זומערנעכט און הייס ווי זיי.

אָ, פֿלאַמענדיקע ליפּן — מאַנבלומען צעזייטע
אויף מיינע וואַנדער־וועגן... לעבעדיקע קאַרשן;
ליפּן — בלאַסער פּורפּל, שמאַכטענדיקע, מאַטע,
פֿון אַפּשייד־שמאַרץ צעברענטע...
ניט נעמט פֿאַר אומגוט מער מיין קומען און מיין גיין!
ס׳איז קיין מאָל ניט פֿון לייכטן־זין געשען.
ווי אדם האָב איך נאָר געזוכט ביי אייך
מיין ריפּ, דעם אויסגעשניטענעם, פֿון וועלכן
גאָט האָט חוה׳ן אויסגעבויט.
געוואָלט האָב איך נאָר אויספֿילן מיין גרויסע וואונד
מיין ווייטאָק — היילן, און קיין מאָל ניט געהיילט.

אָ, טייערע געזיכטער, וואו זייט איר אַוועק?
אויף וועלכע וועגן בלאָנדזשעט איר אַרום?
אין וועלכע היימען לעבט איר אויס
דעם פֿייער וואָס איך האָב געצונדן?
אין וועמנס אָרעמס חלשט איר, און האָט
אין זינען מיך — דעם ערשטן, ליבסטן?...
מיין בלוט קילט אָפּ. די זון פֿון „ריינעם שכל״
גייט אויף אין שמעקנדיקן וואַלד
פֿון אייערע צעברויזטע און געליבטע קודלעס.
איז לאָזט מיר דאַנקען נאָך אַמאָל, די קני אייך קושן —
איידער מיין אַוועקגיין אין חכמים־לאַנד,
וואו געפֿיל איז — קינדערשפּיל; וואו ליידנשאַפֿטן
רויכערן ווי אויסגעברענטע פֿלאַקערס.

פּאַריז, אויגוסט, 1939.

ג. דיכטער און וועלט

1. אַ שטיין

עס איז געווען אַ נאַכט, אַ זומער־נאַכט אַ קילע,
אַנגעזאַפּט מיט בלויס און לבנה־שיין און ליבע —
איז זי צוגעפֿאַלן ליידנשאַפֿטלעך צו דער מידער ערד,
ווי אַ הייסע, רייכע מאַמע צו איר עלענדער יתומה,
ווייך אַרומגענומען זי מיט סאַמעטענע הימלען,
געקושט מיט גראָזן־ריחות, געווישט איר שוויס מיט ווינטלעך,
געוויינט פֿון פֿרייד מיט מעטעאָרן.
און ערגעץ האָט אַ גריל דערזעגט זיין סערענאַדע,
און ערגעץ האָט אַ זשאַבע לאַנג געקוואַקעט קריאַת־שמע,
און ערגעץ־וואו אין גראָז בין איך געלעגן עלענד,
ערגעץ־וואו אין גראָז.

דער קערפּער צוגעשמידט צו דר׳ערד; און די נשמה —
האָט געבלאָנדזשעט און געזוכט אַ ציל אין טיפֿן הימל.
און צווישן גוף און זעל, אין בלויען עטער,
זיינען דורכגעשוואומען לאַנגזאַם זילבערנע פֿאַרקלערטע —
שטיקלעך וואָלקן, שטיקלעך וואָלקן.
אַ וואָלקן אַ געדאַנק, אַ וואָלקן אַ פֿאַנטאַזיע,
אַ וואָלקן אַ צעשטערטער ווייסער חלום...
און צווישן גוף און זעל האָבן געפֿלימלט
וועלטן שטערן;
אַנגעזאַפּט מיט יוגנט־פֿייער און מיט גרויע עלטער —
וועלטן שטערן.

ערגעץ־וואו אין גראָז בין איך געלעגן עלענד,
און געזוכט אַ האַרץ מיט וועמען זיך צו טיילן
די בענקשאַפֿט און די נאַכט...
געווען איז צו פֿיל גוט, אַז איך זאָל קענען שווייגן,
צופֿיל פֿריש דאָס גראָז אַז איך אַליין זאָל שמעקן,
צו פֿיל טיף דער הימל, אַז מיין געדאַנק זאָל דאָרטן
אומשווימען אַליין און ניט דערטרונקען ווערן.

אַ גרויס זומער־גליק איז אין דער לופט געהאַנגען —
געבעטן זיך אין האַנט אַריין, געבעטן זיך אין האַרצן;
אַ גליק צו רייך, צו זיס פאַר איין נשמה צו פאַרדייען,
מיט וועמען טיילן זיך איז אָבער ניט געווען.
אַלע האָבן פון דער נאַכט, פון גרויסן זומער־גליק
נאָר קליינע, קליינע שטיקלעך געגנבעט,
באַהאַלטן זיך מיט ווייב און קינדער, מיט כּלות און חתנים,
פאַרשלאָסן טיר און לאָדן, קיינער זאָל ניט זעען
און נאָגן דאָרט שטילערהייט, אַז קיינער זאָל ניט הערן,
איטלעכער, אין זיין קאַנורע, פאַר זיין פיצל וואוילטאָג...

איך האָב געזוכט אַ האַרץ און האָב אַ שטיין געפונען,
עלענד אין דעם גראָז, ווי איך, איז ער געלעגן.
גאַרנישט געבענדיק דעם לעבן — גרוי און קאַלט און האַרט —
האָט ער אַליין פון לעבן גאַרנישט ניט דערוואַרט.
איך האָב אים צוגערוקט צו זיך און צוגעדריקט, מיט בענקשאַפט,
ווי צו אַ שטומען ברודער מיין צעהיצטן שטערן;
פאַרהילעט אים געדיכט מיט מיינע שוואַרצע לאָקן,
געפילט מיט מיינע אָדערן זיין שטיינער־האַרץ,
אָנגעטאַפּט מיט מיינע נערוון זיין גראַניטן־דופק,
איינגעזאַפּט אין זיך מיט טויזנט מיילכלעך פון מיין הויט
זיין שוויגן און זיין האַרטקייט...
און כ׳האָב געפילט אַן ווערטער, וויפיל וואַסערן און שטראָמען
ס׳האָבן אים געקייקלט און געשליידערט,
וויפיל רעגנס האָבן אים געשווענקט און וויפיל ווינטן
האָבן אים פאַרשאָטן און צוריק אַרויסגעגראָבן,
וויפיל ווינטער־טעג ער האָט געוואוסט און וויפיל זומער־נעכט
ער איז געלעגן עלענד, עלענד, עלענד...
ער שווייגט, ער שוויגט מיין שטיין און איך וועל שווייגן אויך.
פון פאַרמאַכטע לאָדן צינגלען פייערלעך מיט שפּאָט,
אין פאַרשפּאַרטע הייזער שוועבן הייסע פרויען־שאָטנס...
ער שווייגט, ער שוויגט מיין שטיין! און איך וועל שווייגן אויך.

ווילנע, 1905.

2. האָב פיינד!

איך ווינטש דיר קיין רייכטום, איך ווינטש דיר קיין ליבע,
מיין פריינד;
די פריינד זיינען עלענד, ווי דו... און טעג לויפן טריבע,

און רייכטום פֿאַרשכּורט, ווי שוימענדער, גאָלדענער ווײַן;
איך וויל, זאָלסט זיין טיפֿער און שטאַרק זאָלסטו זײַן...
האָב פֿיינט!

האָב פֿיינט, און וואָס מערער אַלץ בעסער —
מיין פֿריינד!
זיי שטיין, וועלכער ענטפֿערט מיט פֿונקען דעם שלאָגנדן מעסער,
האָב שונאים, וואָס ברענען ווי פֿייער און קילן ווי פֿראָסט,
און ביזטו געבוירענע גאָלד, האָב קיין מורא פֿאַר ראָסט —
האָב פֿיינט!

די זיידענע לאָקן און ליבע און בלומען
און פֿריינד —
דאָס קומט שוין אַליין, יאָ, די מוזן שוין קומען!
די פֿאַלן, ווי בלעטער פֿון פּורפּור אין האַרבסט, צו די פֿיס,
ווי שוואַרצע און צייטיקע טרויבן, זאַפֿטיק און זיס —
האָב פֿיינט!

האָב פֿיינט... און אַפֿילו ווען ס׳קומען די ביטערע שטונדן,
מיין פֿריינד —
די טעג, ווען עס גרויען די האָר, און עס נאָגן די וואונדן,
די טעג פֿון אומענדלעכער בענקשאַפֿט און ליבע און גיפֿט;
עס ציען זיך זאָרגן־געדאַנקען, אַ רעגנדל טריפֿט —
האָב פֿיינט!

האָב פֿיינט — און אַפֿילו מען טייטלט אויף דיר מיט די פֿינגער,
מיין פֿריינד:
— אָט גייט ער, דער שונא, דער שלאַנקער, דער עלענדער זינגער.
ביי אונז אָבער, ווייבער געטרייע, ביי אונז איז דאָס גליק,
און וואַרעמע ווינקלען און אָרעמס, אַ קינדערשער בליק —
האָב פֿיינט!

און גלויבט ניט... דו טאָרסט זייער אמת ניט דינען,
מיין פֿריינד;
זייער אמת איז ביליק, און דער וועט דיר קיין מאָל פֿאַרגינען
דיין ליגן דעם שעפֿעריש־רייכן, דיין עלנט אָן ברעג;
זיי ווילן פֿאַרשטעלן מיט קליינינקע גליקן דיין וועג...
האָב פֿיינט!

פּאַריז, 1911.

3. מיט זיך צו בלייבן

מיט זיך צו בלייבן אויג אויף אויג —
דאָס איז אַ גרויסער שרעק;
דאָס איז אַ שפּיגלען זיך אין תהום
אַ שווינדל־טרעפּ אָן עק.

די שטילקייט וויינט, די פּוסטקייט בלויט —
אַ מדבר איבערן קאָפּ;
מען לויפט צום טומל, צו אַ לאָמפּ,
צום פאַרעדיקן טאָפּ.

מען וואַסערט־צו די ביטערקייט,
מען ציבלט זי, מען זיסט;
מען טוליעט זיך צו יעדן הונט,
מען וואַרעמט זיך אין מיסט.

מען גרייט אויף ווינטער ליבשאַפט אָן,
ווי האָלץ און נאַפט און קויל —:
„איך — דיר אַ ליגן און דו — מיר,
און ס'איז אונזביידן וואויל!...״

*

מיך ציט צו יענע, וועמענס וויג
אַ שטורעם האָט געוויגט;
ווער ס'איז געוואַקסן האַרט און פריי,
מיט גאָט און שד צעקריגט.

ווער ס'היט זיך זינקען, ווי אַ פליג,
אין קלעפּעדיקן גליק;
צי, ווי אַ פערד, געפּענטעט שטיין
אין פריינדשאַפטלעכע שטריק.

ווער גרויסע ווייטאָקן באַהאַלט,
ווי פּערל אין אַ שאַנק;
און טיילט און זייט זיין ביסל פרייד
און שעמט זיך פאַר אַ דאַנק.

די הענט פול קראַפט, די זעל פול ליכט,
דער פּנים ווי אַ שטיין...
נאָר דער קאָן רואיק אָנקוקן,
אין וועלט־תהום, זיך אַליין.

פאַריז, 1927.

4. ליד פֿון באַלאַגערטן בריון

כ׳האָב צום לעבן גליק און מוט,
כ׳קען זיין העל און קען זיין גוט, —
נאָר איך וואַרף אייך אַלץ אַראָפּ,
ווי אַ מילשטיין איבערן קאָפּ.

כ׳בין אין פֿעסטונג איינגעשפּאַרט,
ווי מיין פֿיינדשאַפֿט איז זי האַרט;
אויף מיין פֿאָן אָן אויפֿשריפֿט שיינט:
„מאָרגן שלום... קיין מאָל היינט!"

כ׳וויל קיין פּשרות ניט!... מיט אייך
שעם איך מיך זיין שטאַרק און רייך.
איבער טכוירן זיין דער האַר? —
בעסער עלענד און געפֿאַר.

אייערע קווייטן רויט און געל —
קעפּ פֿון שלאַנגען פֿאַר מיין זעל;
אייער שמייכל, אייער חן —
מינעס פֿון אַ טויט־געביין.

מיט מיין טראָמל טרוקן־שאַרף
קרים איך איבער אייער האַרף;
אייער פּריקרען סאָלאָוויי —
מיט געלעכטער און געשריי.

מיט פֿאַרהונגערן וועט איר
מיך ניט טרייבן צו דער טיר;
ניט מיט שטינק־גאַז, שאָס נאָך שאָס —
אויפֿצומאַכן אייך מיין שלאָס.

ווען געשפּאָלטן איז די וואַנט —
וועל איך שחטן, מיט מיין האַנט,
אַלץ וואָס ליב איז מיר און זיס
און אייך וואַרפֿן צו די פֿיס.

פּוסטע שאָלעכץ וועט דאָס זיין,
שאָטנס פֿרייד און רעשטלעך פּיין,

פֿון געפּלאַצטן פּויק אַ קלאַנג...
דאָס וועט זיין אַן אונטערגאַנג!

אויפֿן לעצטן טורעם, הויך,
אין געפּלאַם און שוואַרצן רויך
וועל איך קוקן אין דער ווייט
און דערזען... משיח רייט!

פאריז, 1929.

5. אַ תּפֿילה אין דער נאַכט

אין די הוילע, שוואַרצע שויבן קוקט אַריין די נאַכט
מיר פֿיר־עקעדיקע, שטאַרע אַטלעס־אויגן —:
וועלט, אונדז דריקט דיין קאַלטע שנאה און דיין מאַכט!
ווען שפּאַנסטו אַן דיין שלום־רעגנבויגן?

ווען פֿלאַטערט אויף מיט טרייסט, דיין ווייסע פֿאָן
פֿאַר דיינע בייזע און צעקריגטע קינדער!
באַלד צוואַנציק יאָר האָסטו קיין שמייכל ניט געטאָן
און טראָגסט אַ קאַסקע אונטערן צילינדער.

דיינע זונען פֿון עלעקטרע שמעלצן ניט דעם שניי,
דער גרויסער פֿעלקער־ווינטער דויערט, דויערט;
אַ שטורעם בויט דיך... ווי זאָלסטו האָרכן דעם געשריי
פֿון די פּראָפּעטן — אין די ווענט פֿאַרמויערט?

דו יאָגט זיך נאָך משיחן מיט גאַז און דאַמף —
דיין גאַנצער אימפּעט קאָן אים ניט דעריאָגן;
ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דיין „גוג־ומגוג״־קאַמף,
ווער ווייסט וואו ס'אייזעלע האָט אים פֿאַרטראָגן?...

ס'האָט אויף דורות אָפּגעשראָקן אים דיין זשעדנער לויף,
דער טאַראַראַם פֿון דיינע בבל־טורעמס; —
דיין קוילן־פּרעסעריי, דיין פּעטראָלעאום־זויף,
די קריג־מאַנסטרומס, וואָס גלאָצן נאָך אין פֿורעמס.

אין די גלאַטע, שוואַרצע שויבן קוקט אַריין די נאַכט
מיט פּירעקיקע און שטאַרע אַטלעס־אויגן — ;
וועלט, אונדז דריקט דיין האַרבע שנאה און דיין מאַכט!
ווען שפּאַנסטו אָן דיין שלום־רעגנבויגן?

פּאַריז, 1935.

6. דאָס ליד פון מענטשן

ברידער, אַ קנויל האָט געוואָרפן
דעם טייוולס פאַריאָגטער פערד;
פליט ער פון דעמאָלט אין וועלט־רוים,
און דאָס איז... די מאַמע־ערד.

זי שוואַנגערט מיט קוואַלן און זוימען,
געבוירט אין וויטאָקן ברויט;
און פעלקער, אויף אירע שפּועים,
קעמפן אויף לעבן און טויט.

נייגעריק קוקט דער הער טייוול,
רייצט אונדז מיט תאוות און לאַכט, —
צעקיצלט פון גרויזאַמער חכמה,
פון אומבאַגרעניצטער מאַכט.

עי, לאָמיר אים וויזן, דעם אַלטן,
פאַרקרימטן, באַהאָרנטן נאַר —
אַז ער האָט זיין וויץ איבערזאַלצן
מיט גיפט און בלוט און מיט צער.

לאָמיר אים צווינגען, אַז ער זאָל
פרעסן אַליין זיין געקעכץ; —
ווייל שטאַרקער פאַר אים איז די ליבע,
דער שכל — טיפער פון שלעכץ.

און ווערן דאָס גליק זאָל אַ קונסטווערק, —
מיט פרוי און אַרבעט פאַרוועבט;
און זעל און קערפּער — פאַרשפּונען
מיט אַלץ וואָס שפּראָצט און וואָס לעבט.

1936.

7. צווישן

1

עולם הבא פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קאַפּעלע גליק —
מייסטער, מען וועט דיך באַשטראָפֿן!
אַ וועלט ניט־דערהויבלט, ווי מאַרמאָר אַ שטיק,
וועט דיך צודריקן, ווען דו וועסט שלאָפֿן.

ניט־דערזאָגטע נבֿואות, זע, הינקען אין גאַס,
און ווײַנען פֿאַריתומט אויף טרעפּן!
אויף רויכיקע פֿונקען, דײַן ליבע און האַס,
די גײַסטיקע בעטלער צעשלעפּן.

און ווערטער־פּאַיאַצן קאַפּירן דײַן שוואונג
און קוויטשען: „נאָך בעסער, נאָך העכער!"
וועסט אויפֿשטיין צערײַצט, עס איז טרוקן די צונג
און ליידיג דער ערדישער בעכער. —

2

דער פֿרימאָרגן גייט אַוועק טאָג־איין טאָג־אויס אין טרוימען,
די ליבלעכע ביז־מיטאָג־צײַט — אין יוצא זײַן פֿאַר לײַט.
דו טרינקסט און ווייסט ניט וואָס, געדאַנקען־כוואַליעס שוימען.
בולק־בולק דער רויטער ווײַן, די אויגן קוקן ווײַט.

איבער טורעם קוקן זיי און דענקמאָל און מוזעאום,
ווי רעגנבויגנס טאַפּנדיק דעם וואַלדיקן עק־וועלט;
און אונטן יאָגט אַ גאַס און רויכערט פעטראָלעאום
צום אָפּגאָט פֿון דער שטאָדט, פֿון שמוץ, פֿון „צײַט איז געלט" ...

עס וואָרענען קלוגע פֿרײַנד: „זעה, היט זיך פֿאַר טראַמווייען!
און שנײַדסטו דורך אַ גאַס, פֿאַרטראַכט זיך ניט און קוק"!
און זעען ניט ווי ס'פֿאַלן צעטראָטענע און שרײַען
געדאַנקען־אָדלערלעך — צום קרעצעווּדיקן ברוק.

3

די יוגנט איז אַוועק, דאָס זאָלסטו אין דער שטיל
דיר זאָגן! —
ווען ס'פֿאַלט דער אָוונט־צו, אין ווינקל זעגט אַ גריל
און גלעקער אין דער ווײַטנס קלאָגן.

דעם בעכער אויסגעטרונקען ביזן טיפֿן דעק,
געגאָסן.
אויף דעם ווייסן טישטוך ברענט אַ רויטער פֿלעק.
בלוט צי ווײַן האָסטו פֿאַרגאָסן?

די גראַקייט פֿאַלט ווי שניי, די פֿלעקן וועט זי גיך
פֿאַרווישן.
און בלײַבן וועט אַ נאַר, וועט קנייפּן זיך אין פֿליך
און קלאַפּן קאָפּ אָן קישן.

4

דײַן ליד קומט ווידער אָן פֿון ווײַטנס אויף אַ כוואַליע,
זי רײַט אין ווײַסן שוים ווי אויף משיחס פֿערד;
אין הימל שײַנען ווידער געלבע מאַרגעריטקעס
און שטערן קלוגע בליִען אויף דער גרינער ערד.

ווי רײַך עס ענגט דאָס גרינס און גיסט זיך איבער בוימער!
די בליעכץ — שוים און שפּיצן, הויפֿנס ראָזאַ־קרעפּ;
עס פֿליִען פֿיש און זילבער־שוואַלבן שווימען,
און מיירלעך בלאָנדע טראָגן זונען אויף די קעפּ.

דײַן ליד שיסט אָפּ אַ בליץ אַ שטומען, אָן אַ דונער,
די פֿינגער דײַנע ציטערן פֿון אומגעריכטער קראַפֿט;
עס קוקט דיך ליבלעך אָן די שטרענגע וועלט און ווינקט דיר:
„געבענטשט איז אַלץ וואָס לײַדט און בויט, וואָס ווײַנט און שאַפֿט.‟

עס ווערן ווייך און צאַרט פֿאַרדאַרטע פּערגאַמענטן,
די אותיות — אויגלעך שוואַרץ מיט פֿײַערלעך אין בליק;
הויב, מײַסטער, אויף און שלאָג מיט האָסט דײַן שאַרפֿע דלאָטע!
און האַק דײַן הערצ אויס פֿון טעמפּן חאָאָס־שטיק.

פּאַריז, 1924.

8. אַ בומעראַנג

כ׳בין נעכטן געשלאָפֿן האַרט און לאַנג,
מיר האָט זיך געחלומט אַ בומעראַנג.

איך וואַרף מײַנע צרות, איך יאָג זיי אַוועק,
זיי קומען צוריק פֿון אַ צווייטן עק.

דער נעכטן גייט דורך מיין געשלאָסענע טיר:
„דו ביסט מיר נאָך שולדיק, כ׳וויל זיין מיט דיר!״

געענדיקט מיין אַרבעט, איך אָטעם אָפּ פריי...
זי קוקט און באַפאַלט מיך: „הויב אָן פון ס׳ניי!״

געזוכט און געשאַפן, געהאַסט און געליבט —
פאַרוואָס אַזוי אָרעם און אַזוי באַטריבט?

און אויפגעוועקט האָט מיך אַ וויי־געזאַנג,
אין לופטן געשוועבט האָט אַ בומעראַנג.

1940.

9. דאָס ליד פון וואָגלער

פאָרן, פאָרן... רק געפאָרן,
שלעכט איז דאָ און גוט איז דאָרט!
אַלע וואָרצלען לאַנג פאַרלאָרן
ערגעץ וואו... ווי הייסט דער אָרט?

זוכן מיר די וואָרצלען ווידער?
אָדער לויפן מיר פון זיי?
אָפגעהאַקט פאַרוועלקטע גלידער
און זיי טוען שטענדיק וויי.

פאַטערשאַפט פאַרלאָכט און יוגנט,
און געפלויגן אין איין העמד;
אָבער קיינמאָל האָט באַנוגנט
אונדז דאָס פריי זיין אין דער פרעמד.

שליאָכן לויפן פון דעם קומער —
פרישער גרין און קאַלטער וויס...
בערג האַלב־ווינטער און האַלב־זומער,
פאַלמען טאַנצן אויפן אייז.

מענטשן, בהמות, לידער, קללות
דרייען זיך אין קאַראַהאָד;
יעניד פאַראויס!... נאָר פאַר די פאַלעס
ציט אין קרייז די גרויסע ראָד.

ס'ציט צוריק... אַנטלויפֿן, פֿאָרן!
שלעכט איז דאָ און גוט איז דאָרט.
אַלע וואָרצלען לאַנג פֿאַרלאָרן
ערגעץ־וואו... ווער ווייסט דעם אָרט?

10. געװוינט זיך צו שפּילן

גענוג זיך צו שפּילן מיט ווערטער, פּאַרטאַטשעס!
אַ וואָרט איז אַ צאָן,
אַ צאָן, וואָס טוט וויי.
און מ'רייסט אים פֿון וואָרצל,
מען רייסט און מען שרייט;
און ווערן ווערט לייכטער,
ווען דאָס וואָרט איז אַרויס.
מען לעקט נאָך אַ צייט־לאַנג
דעם בלוטיקן אָרט;
נאָר ס'וואַקסט מער ניט אָפּ...
אַ צאָן און אַ וואָרט
וואַקסן קיינמאָל ניט אָפּ.

און לאַכט ניט פֿון אייביקער ליבע, יונגאַטשעס!
דאָס זוכן אַ ווייב
איז אַ שרעקלעכע וואונד,
אַ געשניטענע ריפּ;
אַ שטיק לייב,
וואָס גאָט האָב געגנבעט דעם מענטשן אין שלאָף...
ווען פֿאַרפֿעלט האָט אים שטאָף
צו פֿאַרענדיקן שענער זיין וועלט.
מען בלאָנדזשעט אַ לעבן אַרום,
עס בלוטיקט די וואונד.
און מען זוכט צו פֿאַרהאַלטן דאָס בלוט
מיט וואָס נאָר מען טרעפֿט:
מיט אַ האָלץ, מיט אַ שטיין,
מיט אַ בלום מלא חן
מיט אַ גאַנז, מיט אַ קאַץ.
קיין זאַך פּאַסט ניט צו,
ס'איז ניט זי, ס'איז ניט זי,

עס איז קיין מאָל ניט זי!
ביז מען פֿאַלט צו די פֿיס
פֿון דער אמתער ווייב,
אַן אַ טראָפּעלע בלוט, —
ערשט דעמאָלט פֿאַסט גוט.

.1939

11. מיר לעבן מיט זכרונות

מיר לעבן מיט זכרונות — געבראַכט פֿון יענער זייט, —
גוטע ברידערלעך, גענוג צו ליגן!
פֿאַרלאָרן שטעטלעך, שטאָט נאָך ניט פֿאַרדייט,
ווער ס׳איז נאָר אויפֿריכטיק זאָל בעסער שווייגן.

גענוג באַגייסטערט זיך פֿון דאַמף און האַסט און רויך,
פֿון אייזן־בראַזגעריי, פֿון עלעווייטאָרס־ברומען;
גענוג געפֿלירטעוועט אויף וואָלקנקראַצערס הויך
און באַגאָסן מיט מאַשינען־אויל די בלומען!

דאָס איז אַלץ אָפּגעפֿאַרבטע מיסט, באַרימעריי
פֿון שול־אינגלעך וואָס רויכערן ציגאַרן: —
„עס איז אונדז וואויל, עס איז געשמאַק, אַי, אַי!"
און אין דער שטיל... מען קען דאָס בלוט ניט נאַרן.

אונדז שטיקט דאָס פֿיבערדיקע אָטעמען מיט נאַפּט
פֿון די, אין קופּער, איינגעשלאָסענע טייוואַלים;
פֿון אָפּגעהאַקטע וואָרצלען טריפֿט אונדז רויט דער זאַפֿט,
ביי יעדען גאָס־ווינקל צעטראָטן ליגט אַ חלום.

אַ דינסט צו זיין האָבן מיר באַשאַפֿן די מאַשין
און צו אַן אָפּגעטין האָט זי זיך גיך דערהויבן;
זי טרעט די קינדער אונדזערע — גולמדיק, אָן זין,
און מיר פֿאַרפֿויקן זייער שריי און... גלויבן, גלויבן.

מיר „פֿייפֿן" אויף געפֿיל: ס׳איז אָפּגעלעבט און אַלט!
און קוקן אויס, אין שטויב פֿון זיג און גדולה:
צי קומט ניט אַ משיח, באַרוועס, פֿון אַ גרויסן וואַלד
אונדז אויסצולייזן... אַ, גרינע, לעצטע גאולה!

.1929

12. אַ קאַפֿע־ליד

דער וואָס האָט קיין היים ניט מער,
און האָט ניט קיין געליבטע, —
וועלקט אין קאַפֿע־הויז אַליין
טעג און נעכט באַטריבטע.

גלאַנצט אַרום געמאַכטע גאָלד,
בליאַסקען פֿרעך די שפּיגלען;
אַלע גליקן אָפּ, נאָר
דאָס איינע — אונטער ריגלען...

ווײַטער! נאָך אַ גראַג אַהער,
נאָך איין שוואַרצע קאַווע!
וואָלסט אַ רעד־געטאָן מיט אים —
לאָזט ניט פֿאַלשע גאווה.

לויפֿסט פֿון קאַפֿע־הויז אַוועק,
אַ, אין גאָס איז לוסטיק!
ס'שווימען פֿרויען — מייַלכלעך זיס
און די בוזעמס — ברוסטיק.

פֿאַרן דראָזשקעס ערגעץ־וואו, —
פֿענצטערלעך פֿאַרהאַנגען;
אונטער לאָדנס ברענען שטיל
לעמפּלעך און פֿאַרלאַנגען.

מיאוסט זיך צו קויפֿן דאָס,
וואָס עס פֿעלט אין האַרצן;
לויפֿסט אין קאַפֿע־הויז צוריק:
ווײַטער, נאָך אַ „שוואַרצן"!

.1930

13. ווען די וועלט וועט זיך באַפֿרייען

ווען די וועלט וועט זיך באַפֿרייען פֿון דער דאגה — ברויט
וועלן פֿעלקער און פּאַרטייען אונטערגיין,
ווי אַלטע אָקראַייזנס קעגן טראַקטאָר.
און מענטשן וועלן קעמפֿן — קעמפֿן מוזן זיי —
מיט דער שטיפֿמוטער־נאַטור,
נ אָ ר מיט איר;

און לויפֿן וועט־געלויף — ווייל לויפֿן מוזן זיי —
צו איין גרויסן ליכט־ציל —
געניוס.

און נאָר פֿון כמורנעם דומם, פֿון פֿאַרהאַוועטע מאַשינעס
וועט טריפֿן הייסער, פֿעטער שווייס;
נאָר זיי וועלן ניט רוען און ניט דענקען
ביז די שטיינבילד־מוזעס, מיט די אָפּגעהאַקטע נעז,
וועלן אָפּלעבן,
ביז דאָס לעבן וועט איין גרויסער שבת ווערן,
און ווידער פֿון אָלימפּ אַראָפּשטייגן,
ליבלעך־פֿריש, ווי אין דער ערשטער יוגנט; —
אַרויסלויפֿן פֿון טונקעלע מוזעען
מיט פֿלאַטערנדיקע פֿאַלדן און געזאַנג,
צו שפּילן זיך מיט מענטשן ווי מיט קינדער.

און נאָר צוויי שעה אין טאָג וועלן באַדינען
מענטש דעם מענטש, און לאַנד פֿאַר לאַנד וועט טאָן
איין אַרבעט פֿון אַ גוף מיט מיליאָנען אברים.
און דאָס וועט זיין ווי אַ שפּאַציר־פֿלי צווישן אינזלען
אויף בלויע אָוויאָנען,
און ווי אַ מוסקול־טאַנץ, אין ווייסע, ברוינע טענער —
צו ריטם פֿון די ראַדיאָ־קאַפּעליעס,
וואָס וועלן צו אונדזערע קינדס־קינדער אַראָפּשאַלן
פֿון גרינע בערג.

אין ריזנקעסלען קאָכן זיך די עלעמענטן:
אין דיר אמעריקע — דו רויער אייזן־טאָפּ!
אין דיר אייראָפּע — אַלטע קופּער־פֿאַן!
אין דיר — געהיימניספֿולער מזרח־טיגל!
אין בלוט און פֿאַרע ווערן מיר געשליידערט
און געבלעזלט — פֿאַרביקע און מידע,
מיט נערוון־קנוילן אָנשטאָט קראַפֿט,
מיט קראַנקן אימפּעט אָנשטאָט גליק.
און ווי און ווינד איז אונדז, און דאָך —
מיר זיינען שטאָלץ!
צו געוואָרפֿן און געפּייניקט ווערן,
פֿאַר איין לויטערן קריסטאַל, וואָס וועט זיך אויסקאָכן
און בלייבן פֿאַר די פֿרייע מענטשן־קינדער, —
אין דער צוקונפֿט.

ד. זומער און ווינטער

1. אין אָוונט

אין טרויעריק־זיסע חלומות
פֿאַרוויגט שטיל אַ ווינטל די וועלט;
אין קריאת־שמע מורמלט דאָס טייכל
און דרעמלט אין מיטן און קוועלט.

און, היילִיק פֿאַרבויגן די צווייגן,
פֿאַרביינקט זיך דער טויאיקער וואַלד;
עס גיבן אַ שטיף אַ פּאָר בלעטלעך,
אַ שטיף... און פֿאַרטראַכטן זיך באַלד.

און ס׳קומען און בלייבן שטיין שאָטנס,
ווי שומרים, ביי איטלעכער טיר;
די נאַכטיגאַל טרילט און פֿאַרגייט זיך
און ס׳בלאַנדזשעט אַ גרילצן: „ציר, ציר...״

עס שווימט, ווי פֿאַרמאַטערט, פֿון קלויסטער
אַ „בים־באָם״ און ברומט און צעקריכט:
דעם הימל, אפֿנים, ווערט פֿינצטער —
ער צינדט אָן די שטערנדלעך־ליכט.

די וועלט ווערט אַלץ קלענער... פֿאַרשלאָפֿן
שווימט ריטמיש די ראָד פֿון דער מיל.
אַ שטערן פֿאַלט, ווירעט דעם הימל.
ס׳איז שאָטנדיק, טרוימעריש, קיל.

1903.

2. האַרבסט־מאָטיוון

אין דער אָוונט לופֿט
פֿליִען ווילדע גענז,
וואו די זון פֿאַרגייט
דאָרטן פֿליִען זיי.
העלזער אויסגעשטרעקט,
פֿליגלען — אויסגעשפּרייט;

און זיי ציען זיך
צו דער לעצטער זון,
און זיי יאָגן נאָך
רויטע וואָלקנדלעך, —
שוואַרצע פּליטערלעך
אין דעם אונט־גלות...
און פאַרשווינדן דאָרט,
ווי די פלעדערלעך
אין אַ פּלאָם ביינאַכט; —
לעצטע אָפּפער
אויף דער לעצטער זון.
אוי, טרויעריק, שוועסטערל, טרויעריק.

פונעם טייך שטייט אויף —
ווי אַ שלעכטער טרוים,
ווי אַ בלאַסער גייסט
שטייט אַ פּאַרע אויף.
דאָרע נעפּל־הענט
הויבן, הויבן זיך;
פליכן שאָקלען זיך,
קיטלען פלאַטערן,
און זיי דוכנען.
וועמען בענטשן זיי,
וועמען שילטן זיי?
ס'איז קיין ווינט ניטאָ —
און דאָך בויגט זיך שטיל
דער טראָסטניק ביים טייך,
מודים בוקט ער זיך
פאַר דעם נעפּל־גייסט.
צי דאָס בלאָנדזשעט ניט
דאָרט די זומער־פרייד?
צי איר תקון זוכט
די נשמהניו,
די פאַרוואָגלטע —
פון פאַרוועלקטן פעלד
ביי די וואַסערן — ?
אוי, טרויעריק, שוועסטערל, טרויעריק!

פּאַריז, 1911.

3. אויף די ווייסע שליאַכן

אויף די ווייסע שליאַכן
שליטלען ברוינע פֿערד;
ס׳האָט אַ קלאָרער וואונדער
אויסגעגלייכט די ערד.

סאָסנעס דורכגעזילבערט
מיט אַ קאַלטן ראָסט;
אייביק־גרינע לאַפּעס
שפּילן מיט דעם פֿראָסט.

שטערנדלעך פֿון זילבער,
אוירינגלעך פֿון פּוך
טרייסלען זיי אין קאָלנערס,
ווען מען שליט אַ־דורך.

טוליען זיך אין שליטנס
פּאָרלעך קאָפּ צו קאָפּ;
לאַכן קלוג די גלעקלעך
אינעם באַרג־אַראָפּ.

זעט אונדז אויס דער ווינטער
ווי אַ ווייסער בריק: —
צווישן אַלטע וועלטן
הענגט אַ נייער גליק.

לעכצט מען און מען יאָגט זיך
כאַפּן אים אין פּלי;
און די גלעקלעך לאַכן:
„ס׳איז אומזיסטע מי!...״

1928.

4. אַ מאָלער אין שיפֿל

וואָלקנס גייען באַגלייטן די זון
צו איר נאַכטיקער רו
אונטער וואַסערן: —
כמורנע געזיכטער,
פֿינצטער־פֿאַרזשמורעטע אויגן:
און פֿון רויכיקע וויעס
שיסט פֿייער.
טריט מאַיעסטיטיש־פּאַמעלעכע
אויף פּורפּל־דיוואַנעס.
ציען זיך גאַלאַ־געווענטער
מיט ראָזעווע פּוכענע קאָלנערס,
גרוי־בלויע מאַנטלען פֿון סאַמעט
מיט גאָלדענעם אונטערשלאַק.
ליכט־פֿראַנזן שלעפּן זיך נאָך,
קיצלען די וואַסערן.
קנייטשט זיך געחנפֿעט דער ים,
וואָס די אָוונט־גאונים
באַרירן, אין גאַנג, מיטן זוים
זייַנע נאַקעטע כוואַליעס.

אינעם ליכט־זייל, וואָס שטרעקט זיך
פֿון עק ים ביזקל ברעג, —
שוואַרצלט זיך, וויגט זיך
אײן פּונקט:
אַ שיפֿל שווימט איינזאַם,
אַ מענטש זיצט אין שיפֿל און מאָלט.
איילט זיך דער פּענזל און טונקט
אין שאַפֿונג־געציטער:
ס׳אויג לויפֿט געוועט מיטן וואונדער:
— אַט, אַט! נאָר דערכאַפּן, דעריאָגן,
צום לייוונט באַפֿעסטיקן דאָס,
וואָס לעבט נאָר איין רגע
און בייט זיך אין לויף...
אַט, אַט! —

מאַט בלײַבט ער זיצן אין שיפֿל,
די ליפּן פֿאַרביסן: „אומזיסט!
ניט דעריאָגט, ניט דערכאַפּט...
דאָס גרויסע — פֿאַרלאָשן, אַוועק;
דאָס קלײנע געבליבן..."

אַ ים־ווינטל ווייט,
ווי אַ הויך פֿון פֿאַרשטאַרבענע וועלטן,
דעם מענטשלעכן אויער פֿאַרטרויט ער:
אַז שטאַרבן שטאַרבט נאָר דאָס אומענדלעכע,
צעשווימט ווי אַ נעפּל;
דאָס געמאָסטענע בלײַבט, —
די ראַם, אינעם תוהו־ובוהו
פֿון הימלשע פֿאַרבן.

1929.

5. נאָכן שטורעם

עס גייען גאָלדענע קריעס איבערן הימל,
געפּלאַצטע בלאַנקע פּאַנצערס, שטיקער מאָנומענטן,
חרובע קאָלאָנעס, ברוך פֿון אָרנאַמענטן, —
אָנגעהויכט, מיט גרינע פּאַרע, ווי מיט שימל.
זיי האָט דער שטורעם פֿון אַ מעשה־וועלט געטראָגן,
אין טריבן, ענגן רוים פֿון שטאָדט צעשלאָגן;
שווימט דאָרט איצט דאָס שווערע גאָלד מיט רויך צוזאַמען
און זינקט ניט אין די הימל־ימען.

עס שמעקט מיט רעגנדופֿט, מיט פֿרישקייט און מיט ערד,
אַפֿילו פֿון אַספֿאַלט און אײַזן און פֿון שטיין:
די טראָפּנס גיבן יעדער ליניע צו אַ ווייכן חן
און וואַרעם רויכערן די רוקנס פֿון די פֿערד.
קוקט אויף! דער הימל כמורעט שוין די ברעמען ווידער,
דער רעגן האָט נאָך זאָט ניט אויסגעזונגען זײַנע לידער, —
שיט ער אויס זײַן לעצטע טראָפּנס־ליד געדיכט, געדיכט,
מיט האַסט און אומגעדולד און אָנגעזאַפּט מיט ליכט:

— אויף דעם שטיין־ברוק
— טראָטואַרן
האָפּקען, בולבלען
קלײנע נאַרן.

רעגן־מענטשלעך,
קאָמעדיאַנטלעך
אין צעפּליקטע
רעגן־מאַנטלעך.

בייכלעך־בלעזלעך,
אויגלעך פּונקען;
אַט געבוירן,
באַלד דערטרונקען.

אויף די קעפּלעך
קלאון־מיצלעך, —
פּול מיט גלעקלעך
און מיט בליצלעך.

זעט, זיי ווינקען,
זעט, זיי טאַנצן!
און צעשיטן זיך
אין גלאַנצן:

צין און גינגאָלד,
גלאָז און אייזן,
פּערל־שטויב און
זילבער־קרייזן.

און די וואַסער־
גלעקלעך קלינגען,
קעפּלעך באָמבלען
און צעשפּרינגען.

לויפן אַנדערע,
פּליושקען, שטיפן;
פּענכערס פּלאַצן,
טראָפּנס טריפן.

הענטלעך פּאַטשן,
פּיסלעך אײַלן,
זייען קרייזלעך,
שיסן פּיילן.

און עס זעצט זיי
פֿרייד און בלעזלעך,
שוים און טרערן
פֿון די נעזלעך.

בליצלט־וויצלט,
קליינער עולם!
בול־בול־בול און
לאַמטשעדריילאַם...

האָר צעשויבערט,
העמד צעריסן,
אַזוי זאָל דער
טריף־טאַנץ פֿליסן.

קייכט פֿאַר לאַכן,
זינגט מיט טרערן,
מ׳זאָל דעם שטאָדט־רויש
מער ניט הערן.

האַלב־פֿאַרצווייפֿלט,
האַלב פֿאַרהוליעט,
שוימט און בלעזלט
שפּריצט און קוליעט.

שפּרינגט און צירקלט
צויבער קרייזלעך;
אויס!... צעלויפֿט זיך
פֿלינק ווי מייזלעך!

דער רעגן שוויגט, שרייט ווידער אויף צערייצט
די גראָבע ליד פֿון שטאָדט אָן ריטם און אָן גראַם,
אין האַנדל־אויסגעשרייען, אין קלינגען פֿונעם טראַם,
אין שנאָרכען פֿון מאָטאָרן צאַפּלט זי און פֿלייצט.
דער אָוונט גייט, דער וואָלקן־פֿאָרהאַנג פֿאַלט;
דער טאָג, ער שפּילט נאָר דורך איין ברייטן שפּאַלט,
גיסט אויס זיין טיפֿסטע קונסט, זיין בעסטע קראַפֿט,
שיסט אויס זיין שענסטן פֿייער, שטאַרבט און שאַפֿט.
טיף־קאָפּ... און ס׳טריפֿט פֿון בוימער אומעטום גאָטס גנאָד,
בליץ־בלאַנק... עס טרעטן פֿערד אויף גאָלד... אַ שאָד, אַ שאָד!

און בונטע שטראָמען מענטשן ציען דורך דער שטאָדט —
גאָס אויס, גאָס איין.
ביי די וואָס גייען גלייך צום מערבס פלאַמען־שיין —
ברענען ווילד די פנימער ווי קופער־בלאַנק,
ווי ביי דאַקאָטן־אינדיאַנער פאַר דער שלאַכט,
זיי פעלט נאָר אָדלער פעדערן אין שטאָלצן טראַכט.
און די וואָס איילן און דער רוקן — צום זונען־אונטערגאַנג,
ביי יענע זיינען טונקל די געזיכטער ווי דער ברוק,
און נאַכט און אומעט לויערט שוין פון זייער קוק...

בלייבט שטיין, איר אַלע שאַטנדיקע, קערט זיך אום!
כאָטש איינמאָל זאָל פאַר אייך דער היינט ניט שטאַרבן ווי דער נעכטן,
כאָטש איין מאָל זאָל זיך אייער אָוונט־וועג מיט ליכטער פלעכטן,
דאָס אייביק נודנע־גלייכע מאַכט כאָטש איינמאָל קרום.
קערט אַלע זיך צוריק צום גוסטדיקן טאָג,
איר מעגט איין מאָל אין מיטן וואָך אַ שבת מאַכן,
ווי קינדער שפּילן זיך, ווי קינדער לאַכן,
און אויסלעבן איין שעה אָן מאָס און וואָג.
אַ פלאַמענדיקע פרייד ברויזט איצט פון אַלע שפּונטן,
ס'איז יום טוב אויבן... זאָל זיין דאָס זעלבע אונטן:
אין אַלע טעמפּלען לאָזט די אָרגל־מעסעס ברומען,
און זאָלן דאָרטן טיף און צאַרט די כאָרן זשומען.
באַגלייט פון זייערע פאַרטראַכטע טענער,
לאָזט אייך גיין איר אַלטע, יונגע, פרויען, מענער,
יעדער, האָנט אין האַנט, מיט דעם וואָס איז אים טייער,
ווי מחנות גרויסע פלעדערלעך צום הימל־פייער,
מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, מיט אַן אָוונט־תּפילה
אויף די שמייכלדיקע ליפּן, אַ ציטערדיקע־שטילע.
און זאָלן צירן אייערע ווייך־געוואָרענע געזיכטער
אַלע רייכסטע, ליבסטע מערב־ליכטער;
און זאָלן אָוונט־ווינטלעך גלעטן איין און קעמען
די אָפּגעדעקטע לאָקן — אַ וואַלד פון כריזאַנטעמען,
ווי שאָטנס ברוין און ווייס ווי טוי און בלאָנד ווי זאַנגען.
און זאָלן זיי אייך טרייסטן און זאָלן זיי אייך בענטשן
ביז דער לעצטער פונק פון טאָג איז אויסגעגאַנגען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, מענטשן, מענטשן!...

בערלין, 1917.

6. אָוונט־ליד

אין דער שקיעה בליִען בערג,
ווי די רויזן אָוונט־צייט;
קוקן יונגע אויגן ווייט,
זיפֿצן אָפּ די אַלטע לייט.

דאָס האָט אָפּגעבליט אַ טאָג
פֿול מיט זון, מיט אַרבעט זאַט,
און זיין בליעכץ — ראַזיק־מאַט
פֿאַלט אויף הערצער בלאַט נאָך בלאַט.

ס'איז דאָס פֿאַרשפּיל. ווי אַמאָל —
אָפּבליִען וועט מענטש און וועלט...
איבערביידן — איין געצעלט:
שאָטנס רויטלעכע און קעלט.

פּאַריז, 1929.

7. אַדר־פֿרימאָרגנדלעך

אַדר־פֿרימאָרגנדלעך כמורנע און בלווילעכע,
שטייען די בוימדלעך באַפּוידערט מיט פֿראָסט;
אין רויִקן נעפּל פֿאַרלירן זיך גאַסן,
דעם ברוק איז באַפֿאַלן אַ זילבערנער ראָסט.

ווי פֿלעדערמייז פֿליִען די קראָען און שווייגן,
עס געלבן די שפּיצן פֿון קלויסטער אָן גלאַנץ;
די זון הענגט — אַ קייקל פֿון גליִענדן אייזן —
אָן שמייכל, אָן שטראַלן — אַ ריזן־מאַראַנץ.

אָ, ערגעץ־שאַו שטייט שוין דער פֿרילינג און כשופֿט,
דער ווינטער־אייז שמעלצט אין זיין קעסל און קנאַלט, —
צערינען זיך ריחות פֿון שפּעטערע גראָזן...
אַהער קומט נאָר פּאַרע אָן — רויִק און קאַלט.

אַ קעסטל שפּילט הייזעריק... די מידע ערד דרייט זיך,
דאָס סקריפּעט און קרעכצעט איר פֿאַרפֿרוירענע אַקס;

און מענטשעלעך ציען זיך שוואַרצע, פֿאַרקילטע,
די אויגן פֿאַרלאָשן, דער פּנים ווי וואַקס.

זיי זעען איצט אויס ווי באַוועגלעכע פּופּעס —
די פֿאַרביקע פֿליגלען פֿאַרקנייטשט און פֿאַרשטאַרט,
פֿאַרפּאַנצערט אין פֿוטערס, אין מאַסקעס פֿון פֿאַרמעט...
און ס׳טליעט די ליבע און טליעט און וואַרט.

העי, ס׳זאָל נאָר איין וואַרעמער שטראַל זיי צעשפּאַלטן,
דאַן בליען אויף פֿליגלען פֿון זייד און באַטיסט!
דאַן פֿלאַטערן אויף אַלע פֿאַלדן און ברוסטן —
וואו איז ער?... ער טאַפּט ערגעץ־וואו אין דער וויסט.

בערלין, 1917.

8. וואָס אַ וואַסערל דערציילט

כל הנחלים הולכים אל הים... (קוהלת.)

וואוהין, קלאָר וואַסערל, איילסטו דיך אַזוי,
ווען אַלע שלאָפֿן —
דורך טאָל און נאַכט און שטילקייט?
— צום טייך, צום טייך...
— און טייך?
— צום צווייטן
— און יענער?
— צום ים, צום ים.
— וואָס יאָגט אייך, קוואַלכעלעך, צום בייזן ים?
— די בענקשאַפֿט.
ער איז דער פֿאָטער... אונדזער פֿאָטער,
מיט גראָע שוימענדיקע קודלעס.
אונדז אַלעמען האָט ער, דער זאַלציקער, געבוירן,
אונדז, זיסע וואַסערן און וואַסערלעך,
אונדז, טייכן, פֿלוסן, שטראָמען, אָזערעס;
אונדז, טיפֿינקע און פֿלאַכינקע,
אונדז, קינדיש־שפּילנדיקע, אין די טאָלן, —
מיט שערבלעך ליכט און הימל־בלויקייט...
אונדז ווילדע, שטיפֿנדיקע, שפּרינגענדיקע,

דורך רעגנבויגנס זינגענדיקע
וואַסערפֿאַלן אין די בערג;
אונדז, זויערע און זודיקע,
אונדז, קוילן־שוואַרצע, ברודיקע,
אונדז, בראשית־אוצרות גראַבנדיקע
אונטער דר׳ערד.

אַמאָל, גאָר לאַנג, איז גרויס געווען
זיין ליבע צו דער זון...
געאָרעמט האָט ער זי מיט רויטע נעפּלען,
געזיפּצט מיט קאָכעדיקן דאַמף פֿון גייזערס
און זיינע זוימען — בלאָע שטורעם־וואָלקנס —
טראָגן זיך אין וועלט־רוים עד היום.
ער האָט שוין טויזנטער פֿון יאָרן
די וועלט מיט זיי באַפֿרוכפּערט,
מיט וואַסער־אָדערן און וואַסערלעך באַשפּונען,
די שטיינערנע יבשות דורכגעוועבט;
און ווייך געמאַכט און אויסגעפּילט מיט וואַלד
דעם קנאָכעדיקן גולם פֿון דער ערד.

האָרך!
די שטילקייט קלינגט;
אויף אַלע מוטער־לענדער, אינזלען
זינגען אין דער נאַכט, אין סאָלאָ און אין כאָרן,
מיינע ברידער האַסטיקע און שטיפֿערישע שוועסטער.
דורך וועלדער, בערג און סטעפּעס לויפֿן מיר צו דעם,
ווער ס׳האָט אונדז דאָ געמאַכט געבוירן;
און וועלכע שפּייזט אונדז פֿון דער ווייטנס
מיט הייסע רעגנס, לינדע טויען, קאַלטע שנייען.
מיר לויפֿן וועט־געלויף... אָ, ווער וועט פֿריער קומען,
ווער וועט פֿריער גלעטן
זיינע גראָע קודלעס זאַלציקע און שווערע,
וואָס כמורען זיך בייטאָג און שימערן ביינאַכט
מיט בלוילעך־שוועבלדיקן גלאַנץ? —
אָן אויפֿהער איילן מיר צו דעם,
וועמעס ברוסט עס אָטעמט ברייט און טיף
איין ריזן־אָטעם אין מעת־לעת:

אין אָטעם־איין — אַ טאָג, אין אָטעם־אויס —
אַ נאַכט.
און זיפּצט אין צופֿלוס און אין אָבפֿלוס
אַנטקעגן דער לבנה;
און לעכצט און קען זי ניט דערגרייכן —
זיין בלייכינקע געליבטע אויף דער עלטער...

ער וואַרט אויף אונדז דער אַלטער האַר,
ער וואַרט!
און שיקט אונדז זיינע שליחים שטראָם־אַנטקעגן.
עס לויפֿן אונדז באַגריסן אין זיין נאָמען
רויטע לאַקסן אין בלוי־זילבערדיקע פּאַנצערס,
סאָמען בייכיקע מיט גוטע לאַנגע וואָנסעס;
און מוראדיקע העכט — געפֿלעקטע שלאַנגען־קערפּערס,
מיט פֿלאַכע קעפּ ווי פּיילן.
זיי אַלע טראָגן אונדז איין שטומען רוף:
„קומט, קינדער, קינדס־קינדער! איך וואַ־אַרט...”
אונדז יאָגט איין אימפּעט: אונדזער צערטלעכקייט צו אים,
זי האָט זיך אָנגעזאַמלט דורות־לאַנג
אין קילע טיפֿענישן, שליימעדיקע גרונטן.

נאָר ווי אונדז, וויי!
אין איילעניש און יאָגענישן אייביקע
צעשענקען מיר די בענקשאַפֿט און צעוואַרפֿן זי
אויף בערג און וועלדער, שטעדט און מענטשן.
אָ, די זשעדנע מענטשלעך — דיינע ברידער —
האָבן זיך, ווי הויפֿנס מורעשקעס, געזאַמלט
אויף אַלע שלענגלדיקע טייכן־ברעגעס,
און כאַפּן איבער אונדזער ברויזנדיקע ליבע
מיט הונגעריקע קאַרן־פֿעלדער און מיט גערטנער;
און נוצן אויס די כוואַלעדיקע בענקשאַפֿט
אויף שיפֿן, מילן, שטורעם־רעדער;
און צאַפּן אָפּ די קראַפֿט פֿון אונדזער וויי
אין וואַסער־אַרבל און קאַנאַלן;
און נאַרן אָפּ, פֿאַרפּלאָנטערן אין נעצן
דעם פֿאָטערס פֿרייע, שטומע עשטאַפֿעטן
מיט די פּיערלעכע, זילבער־פּאַנצערס.

נאָר רייך איז אונדזער ליבע! פליִיצט איר איבערפלוס
איבער אַלע שטרויכלענישן, הרעבליעס,
איבער אַלע איינגענישן, אַרבל־פלאָנטערס;
און שטראָמט מיט האַסט און קייקלט זיך אַריין,
פאַרשוימט, פאַרשכורט, קאָפּ־אַראָפּ, —
אין ים אַריין, אין ים אַריין,
אין גרינעם אַלטן ליבן שויס,
וואו דעלפינען־קלאָונס מאַכן קונצן,
וואו פוילע, מוראדיקע קראַבן קריכן;
וואו קאָראַלן־וועלדער דרימלען, אָנגעפילט
מיט פערל און מיט סודות און סכנות.
די כוואַליע, וועלכע קומט אָן פריער, —
איז די גליקלעכסטע:
זי ווערט באַלד רואיק, ווייך. עס רוט זיך אויס
איר טויזנט־יאָרנדיקע, ווייטע בענקשאַפט
אין קילן שויס פון פאָטער־ים.

.1920

9. בוקסען

דער בוקסן־וואַלד שטייט נאַקעט,
ביז איבער די וואָרצלען אין ראַסט
פון געפאַלענע בלעטער.
די שטאַמען אין ווילדער פאַרצווייגונג
זענ׳ קרעפטיק און גראָ,
ווי געגאָסענער אייזן
מיט אַ קופּערנעם גרינשפּאַן באַהויכט.
עס גלויבט זיך ניט מער, אַז זיי זיינען נאָך זומער
געווען אַזוי ליבליך און גרין;
אַ, ניין! אויף די דאָזיקע צווייגן
זענ׳ בלעכערנע בלעטער געוואַקסן,
געשימערט ווי ווייסער מעטאַל אין דער זון.
געקומען איז חשון מיט פראָסטיקע נעכט,
געפליקט זיי, געוואָרפן מיט צאַנק און מיט קלאַנג,
געהויפן ווי אייזערנע תבואות אין שייער;
דער רעגן פון האַרבסט האָט זיי דורכגענעצט,
דער ווינט האָט זיי ברומיק געזשאַווערט,

געגליט, —
ווי דער בלאָזאַק גליט־אַן אַלטן אייזן...

דאָ און דאָרט קוקן וואָרצלען אַרויס פֿונעם ראָסט
ווי קנוילן פֿאַרגליווערטע מוסקולן,
ווי פֿויסטן פֿאַרשטאַרטע פֿון ריזן.
די ריזן אַליין שטייען נאַקעט און שטאַרק —
אַטלעטן אין ווינטער־אַרענע;
שטייען גרייט זיך צו ראַנגלען,
ניטאָ שוין מיט וועמען...
די נוס־בוימער, בירקען און סאָסנעס און אָלכעס
זענ' לאַנג שוין באַזיגט,
דערשטיקט אין די מערדערשע, האָלציקע אָרעמס,
צעקוועטשט אין די גרויזאַם־געאָדערטע לאַפּעס.
עס האָבן זיי וואָרצלען, ווי ים־שפּינען גרויסע,
אין פֿינצטער־געשלענגלטע הוילן און גאַנגען
געזויגן,
ווי ווערג־שלאַנגען שוואַרצע געשטיקט;
ביז זיי זענ' אין פֿוילעכץ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן
צו שפּייזן די זיגער...
און ס'האָבן די בלעטער אַ זומער דערציילט
פֿון די שרעקלעכע, שטילע נצחונות,
און מיט פֿעטיגן גרין זיך געפֿאַרבט
און מיט שאָטן און ליכט זיך געשלייערט,
אַז קיין אויג זאָל ניט זען
דאָס געטרונקענע בלוט פֿון די שוואַכע,
אַצינד זענ' די שלייערס געפֿאַלן,
דאָס גרינס איז אַראָפּ, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט
דאָס בלוט— אין דער פֿינצטער געטרונקען,
דער אָבשיין פֿון גרויזאַמע מעשים אין דרערד...

די טויזנטיק־הענטיקע זיגער אַליין,
אין בלוט ביז די קני —
שטייען קרעפּטיק און שטיל און אַ ביסל פֿאַרשעמט
און וואַרטן אַזוי אויפֿן פֿרילינג,
עס זאָלן די זון און די ערד און די רעגנס
וואָס גיכער פֿאַרשמעלצן

דאָס קילע, פֿאַרזשאַווערטע בלוט,
און נייאינקע גרינס איבערגיסן...
און מיט וואַרעמע שאָטנס פֿאַרשלייערן
דעם נאַקעטן, בייזן נצחון.

קאָפּענהאַגען, 1919.

10. אין אַ פֿרילינג־נאַכט

ווער ס׳קוקט צו לאַנג אין נאַכט־הימל
דער ווערט קראַנק.
צוויי שיינע, יונגע נעגערטעס און מוטער־נאַקעט,
אין ווייס־געפּודערטע, געקרויזלטע פּאַריקן,
מיט זילבער־גאַרטלען אויף די שוואַרצע לענדן, —
האָבן מיר דערלאַנגט די צייטיקע לבנה
אויף אַ בלאַנקענדיקן טאַץ פֿון בלויען גלאָז.
האָב איך זי דורכגעשניטן, ווי אַ גרויסן גרייפּ־פֿרוט,
מיט אַ מעסער־זעג פֿון לויכטענדן בורשטין,
אַרויסגעוואָרפֿן אין דער נאַכט אַריין די קערלעך —
אַ הייפֿל בליצנדיקע מעטעאָרלעך;
און מיט אַ לעפֿל פֿון קאָראַל געגעסן זי.
איר זאַפֿט — אַ בלויע, קילע, קוויקנדיקע ליכט,
מיט אַ ביטערלעכן טעם־ריח פֿון פֿיאָלקעס, —
האָט אָנגעפּילט מיין לייב און זעל אינגאַנצן,
און דורכגעדרונגען יעדן אָדער, יעדער ביין.
כ׳האָב מיך אַליין דערזען אַדורך און דורך,
ווי ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ און ס׳קרייזט דאָס בלוט —
אַ קלאָרער ווייַן אין אָדערן פֿאַרצווייגטע.
נאָר באַלד פֿאַרבלאַסט דאָס אויך, צעשווימט,
ווערט דורכזיכטיקער, דורכזיכטיקער, לייכטער;
און ס׳בלייבט אַן „איך״... אַ העלער שאָטן
אָן וואָג, אָן מאָס, אַ ג ל י ק אַנשטאָט אַ ווילן.
אַ הויב אַ האַנט — איז ביזקל הימל,
אַ שטעל אַ פֿוס — איז איבער בוימער.
איך שפּרייז... ווי לייכט!... נאָר עפּעס פֿעלט,
עס פֿעלט... און כ׳ווייס ניט וואָס.

און שפּרייזנדיק אַזוי אַריבער דעכער, גערטנער, פּאַרקנס,
האָב איך אָנגעטראָפֿן זי... אַ צווייטן שאָטן,
מיט אַ בלוילעך שמייכל אויף די דורכזיכטיקע ליפּן;

אַ צווייטן איך נאָר ווייבלעך־צאַרט. ווי איך איז זי
אין ליכט צעגאַנגען און געבליבן גאַנץ.
מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט.
— איך זוך דיך שוין אַרום אַ גאַנצע נאַכט!
— איך אויך.
— ווילסטו פּליקן ווילדע שטערן־מאַרגאַריטקעס
פון שימערדיקן „מילך־וועג״? נעם און פּליק!
— אָט זע, זיי פּלעמלען נאָך. זיי ווינקען, צאַפּלען זיך,
פון די וואָרצלען קאַפּעט נאָך מיט ווייסן שיין.
— ווילסטו זעען ווי עס שלאָפן אויפן דעק פון טייך
דערטרונקענע פאַרליבטע? טו אַ קוק!
ווי זילבערדיק און קיל, די לייבער זייערע,
טוליען זיך צוזאַמען,
די לאָקן שאָקלען זיך ווי וואַסער־גראָזן.
— ווילסטו הערן ווי עס סודן זיך פאַרשווערער
ביי גליענדיקע קוילן? בויג זיך איין
איבערן וואַלד — אַ שוואַרצע וואַנט פון סאָסנעס.
אַ סאָווע, מיט צווי גרינע אויגן, אויף אַ בוים,
קוקט אויף אַראָפּ...
— ווילסטו טאַנצן? הארך, עס פּלעטשערט אונדז צום טאַקט
אַ לוסטיק־וואַסערל פון באַרג־אַראָפּ.
מיר גייען, איינער דורכן צווייטן דורך, ביי יעדן פּאַ,
און נעמען זיך צוריק.
— ווילסטו אויף אַ קלאָרן וואָלקן שיפן זיך אין בלוי?
אַ שפּרונג אַריין!
עס פעלט ניט די לאַמטערנע אויפן שפּיץ פון מאַסט, —
אַ רויטער שטערן הענגט שוין דאָרט. ס׳איז מאָרס אַליין!
אַ ווינטל בלאָזט. מיר שווימען. ס׳דופּט מיך היי,
עס שרייען אין דער ווייט פאַרליבטע קעץ.
וואָס שרייען זיי אַזוי? דאָס שיפל־וואָלקן בויגט זיך...
באַוועג זיך ניט, מיין „איך״! עס איז געפערלעך.
דער וואָלקן קערט זיך אויס.
מיר פאַלן, פאַלן טיף... אַ, ווי געמיין
עס זידלען זיך די קעץ אין גאָרטן!
זיך אויפגעכאַפּט אַליין. אַ קאַלטער שווייס.
ווי עלנד אין דער גרויסער נאַכט, ווי ביטער אויף דער זעל! — — —
ווער ס׳קוקט צו לאַנג אין דער לבנה, דער ווערט קראַנק...

פאַריז, 1928.

11. באַרג־אַראָפּ

ווען קאַלט איז יענער זאָל זיך וואַרעמען —
מיך פֿרייט דער שניי, איך גריס מיך מיטן פֿראָסט;
די ערד איז קלאָר, האָט דאַכט זיך קיינמאָל ניט געזינדיקט
און איך אַליין בין ריין, אומשולדיק, ווי אַ קינד.

מיין אויג איז שאַרף און שטרענג, אַ האַרבער קנייטש אין שטערן,
און דאָך האָב איך מיר היינט אַ שליטעלע געקויפֿט;
ווי ניי, ווי גרינג זי איז, זי קנאַקט אַזוי מעלאָדיש,
ווען איך פֿלי, ווי פֿייל פֿון בויגן, באַרג־אַראָפּ.

ניט קוקט, וואָס זי איז קליין! — אַ ווילדע איז מיין שליטל,
און היציקער פֿיל מער פֿון אַן׳אַראַביש־פֿערד;
זי לאַכט פֿון כוואַליעס שניי, וואָס ברויזן איר אַנטקעגן; —
איין רגע לאָזט זי אָפּ — אַדיע, אַדיע די וועלט!...

נאָר ניין, זי איז געצוימט, איך קעניג אויף איר ווילדקייט
און שטאַרק — די מוסקולן, וואָס האַלטן זי ביים צוים;
דאָס שטריקל ניי און ווייך, די הענט — ווי צוואַנגען אייזן, —
רוימט אויס, רוימט אויס דעם וועג! איך לאָז מיך באַרג־אַראָפּ.

אַ ווייסע יוגנט אויבן, אַ ווייסע יוגנט אונטן,
איך פֿאַל פֿון הויכן באַרג, ווי אַ שוואַרצער מעטעאָר;
דער שניי פֿאַרשיט די אויגן מיט הויפֿנס פֿול בריליאַנטן,
און ס׳דרייען זיך ערד און הימל אין איין ווייסן קאַרעהאָד.

איך פֿלי צום קלאָרן אָפּגרונט. וואָס — טויט, און וואָס מיר לעבן!
אַ ווייסער שרעק און פֿרייד צוזאַמען אויסגעמישט...
די הייזער — קליינע שערבלעך, די מענטשן — פּינטלעך, פּינטלעך; —
האָ־האָ, איך ליב זיי אַלעמען, כאַ־כאַ, איך לאַך פֿון אַלץ.

דער ווינט פּייפֿט־נאָך מיט שפּאָט און שטיקט מיט קאַלטע אָרעמס,
מיין שליטל שלעפּט און שלעפּט צום ווייסן כף־הקל; —
און איך — איך קוק מיט שטאָלץ דעם גרויען שרעק אין פּנים,
און שריי אין תהום אַריין מיט ווילדע אָדלער־פֿרייד.

בערן, 1907.

12. אין דאָרף

עס גייט אַ גרויסע שטילקייט פֿון די וועלדער,
עס שווייגט דאָס דאָרף; עס רעדן נאָר געדאַנקען.
זיי קומען מיט די ריחות פֿון די גערטנער,
מיט דעם ציטער פֿון די זאַנגען.

ס׳איז גרין און שטיל. איך וויל מער קיינעם זען;
אַליין, אַליין — איין אָפּגעריסן ברעקל לעבן.
איך וויל דאָ לאָזן וואָרצלען, ציען זאַפֿטן,
און פֿון די זונען־שטראַלן — פֿאַרבן וועבן.

און בלייען שטיל... העט־ווייט דאָרט רוישן פֿעלקער,
מאַשינעס דונערן און ווילדע כוחות שוימען;
און איך — אַ בלום: די בין איז מיין באַגליבטע;
זי טראָגט דער לילאַ מיינע שמעקעדיקע זוימען.

און מאָרגן קומט אַ ווינטל, זאָגט מיר אָן: „דיין לילאַ
שוואַנגערט, רויטלט זיך פֿון מוטערלעכן פֿילן...״
און איך בין רואיק, שפּיל מיך מיט אַ טראָפּן רעגן,
מיט אַ פֿלעדערל אַ שטילן.

און ליב איז מיר דער טויט, אַזוי ווי ס׳לעבן,
איך קוש אים שטיל, ווען מיינע בלעטער פֿאַלן.
און וואָס מיר אייביקייט, און וואָס מיר — רגע?
מיין בלייען און מיין וועלקן זיינען — שטראַלן...

עס גייט אַ גרויסע שטילקייט פֿון די וועלדער,
עס שווייגט דאָס דאָרף; עס ריידן נאָר געדאַנקען.
זיי קומען מיט די ריחות פֿון די גערטנער,
מיט דעם ציטער פֿון די זאַנגען.

וואַרשע, 1909.

13. אַ פֿרילינגס־נערוס

געשטאָרבן די בייזע, פֿאַרכמורעטע גייסטער,
וואָס רייטן אויף נעפּל און שנייען און פֿראָסט;
די זון האָט זיי, שטראַלנדיק שפּיזן, דערשטאָכן,
צעפֿליקט זיי די לאַנגע און פֿראָסטיקע גרויזן,

די בערד, די פֿאַרשנייטע צעריסן,
צעברעקלט די אייזיקע פֿאַנצערס —
אין שוים און אין וואַסער פֿאַרוואַנדלט.
און, שטאַרבנדיק, האָבן געשמייכלט
די אייז־קאַלטע גייסטער.
אָט אַזוי וויל די זון, אַזוי וויל זי:
אירע פֿיינט זאָלן שטאַרבנדיק שמייכלען!
די טייך איז אַרויס פֿון איר תּפֿיסה און ברויזט
און קלינגט מיט צעבראָכענע קייטן;
אַרויס פֿון די ברעגעס און ברעכט אַלע צוימען,
און דערפֿער און פֿעלדער פֿאַרפֿלייצט זי
מיט כוואַליעס און קראַפֿט און מיט אומגליקן,
און לאַכט...
אָט אַזוי וויל די זון, אַזוי וויל זי:
אירע פֿרײַנד זאָלן, זינגענדיק, לאַכן!

נאָך איין וואַרעמער טאָג — און עס עפֿענען זיך
קנאָספּן און הערצער.
פֿליט אַרויס פֿון פֿאַרסודעטע שפּאַלטן
דאָס ערשטע, דאָס ווייסינקע פֿלעדערל;
קומט צו פֿליען די ערשטע באַפֿליגלטע האָפֿענונג —
און פֿלאַטערן, שפּילן זיך ווייך אין דער זון.
דו יאָגסט זיי, דו פֿאַנגסט זיי און לאָזט זיי אַוועק
צוריק אין דער לופֿט, ווי אַ שפּילכעלע...
און דאָך בלייבט דיר איבער נאָך זיי
אַ זילבערנער שטויב אויף די פֿינגער,
אַ זילבערנע טוי אויפֿן האַרצן.
מאַרגעריטקעלעך שלאַנקע — די עפֿענען
גאָלדענע, פֿרישינקע אויגן,
מיט שניי־ווייסע, לאַנגע, געבויגענע ברעמען,
און שמייכלען פֿאַרשעמט צו דער זון
אַזוי ווייבעריש מילד;
אַ פּנים זיי ווייסן אַ ליכטיקע פֿרילינג־לעגענדע
פֿון ליבן און בליען און שוואַנגערן —
און בליען און שוויגן און זאָגן ניט אויס...
אָ! מיט דעם ערשטן געריוש פֿון די פּעכיקע בלעטער
ציטערן וואַנסעס און נעזלעכער

ביי די שטאַרקסטע און רואיקסטע מענער;
אַדלעריש טיף ווערט דער קוק פֿון די אויגן,
גיפֿטיק און זיס ווערט די בענקשאַפֿט
און בלייכער די ליפּן.
און מיידעלעך שטילע ווי טויבן,
מיט העלזלעך פֿון יונגינקע שוואַנען,
מיט רואיקע, קנאָספּנדע בריסטלעך, —
ווער ווייס, וואָס זיי קלערן,
ווער ווייס, וואָס זיי טרוימען
פֿאַרנאַכט, מיט צעלאָזענע צעפּ,
ביי דעם אָפֿענעם פֿענסטער?...

פֿון ווייטע און גליקלעכע אינזלען
קומט צו פֿליען אַ ווינט:
אַ פֿריינדלעכער גרוס פֿון אַ גוטן צופֿרידענעם שעפֿער,
אַ בשורה פֿון בליען, פֿון זשומענדע בינען —
אַ הויך פֿון אַ נאָענטן מאַי;
פֿאַלט אַרויף, ווי אַן אַלטער, געפֿונענער פֿריינד,
אויף שטאַרקע און שוואַכע, געבויגענע העלזער
און פֿלאַפּלט און חנפֿט און וויינט...
מיר לאָזן זיך האַלזן פֿון אים אין דער שטיל,
מיר עלנדע!
מיר פֿרייגען די ברוסט אים אַנטקעגן:
— נעם גלעט אונז און שלאָג!
גיב אַ פֿאָך מיט דיין פֿעכער, שטויב אויס
אין אונז אַלע פֿאַרלאָזענע ווינקעלעך —
וואו ס׳האָבן זיך שאָטנס און שפּינוועבס פֿאַרקליבן...
גיב אַ שאָל אין דיין לופֿטיקן שופֿר און שווער:
אַז היינטיקער פֿרילינג — דער וועט ניט פֿאַרשווינדן,
ווי אַלע פֿאַרגאַנגענע פֿרילינגס, —
און אַלץ, ווי אַמאָל... ווי געוועזן,
אין דער אַלטער, פֿאַרשטויבטער, פֿאַרבוימלטער וועלט־ראָד!
ניין, היינטיקן פֿרילינג וועט עפּעס געשעען,
עפּעס וועט בליען און גליען צום הימל
אין איין ליכטיקער שעה
מיט די ערשטע טולפּאַנען אין גאָרטן!
עפּעס וועט שרייען און שרעקן אין לופֿטן

מיט ווילדע געקומענע ענטלעך!
עפּעס וועט לאַכן און וויינען און שוימען
צוזאַמען מיט האַסטיקע שטראָמען אין טאָל —
נאָך די ערשטע און דופּטיקע רעגנס!
עפּעס וועט פֿאַלן אָנמעכטיק אין גראָז
מיט צייטיקע, בלוטיקע קאַרשן צוזאַמען...

וואַרשע, 1912.

14. פֿרילינג

זע, גאָטס האַרץ האָט זיך צעפֿלאַקערט
מיט רחמנות צו דער ערד!
האָט צעריסן גראָע כמאַרעס,
אָנגעזויגן זיי מיט פֿייער
און מיט פֿליסיק־גאָלד באַגאָסן,
און אַרויס מיט שיין און שמייכל.

ס׳קרעכצעט דער האַרטער אייז אויף טייכן
פֿון דעם נייעם זונען־שמייכל;
שנייען שמעלצן זיך און שיקן
וואַסער־אָדערן אַרונטער;
ס׳ווערט פֿונעם זילבער פֿליסיק־גאָלד,
פּערל־שוים — פֿון בלאָען אייז.
און די יונגע שטראָמען רוישן —
אויפֿגערעגט אויף אַלע זייטן,
ווי דערפֿרישטע יונגע בלוטן
אין אַן אויפֿגעלעבטן קערפּער.

אָ, ניט קוקט וואָס אַלץ איז בלאָטיק,
וואָס די ערד איז שוואַרץ און נאָס!
פֿון דער פֿייכטקייט לאַכט דער פֿרילינג,
אין דער שוואַרצקייט פֿילט זיך גראָזן.
און צוזאַמען מיט די טראָפּנס
פֿאַלט די האָפֿענונג פֿון די רעכער...

קנאָספּן פּלאַצן מיט אַ שטילן
לעבנס־אויסגעשריי אין שאָטן;

העלער זעען אויס די ראָבן
אויף אַנטבלויזטע, גראָע גערטנער
און זיי קראַקען אומגעדולדיק.
יונגע הענדלעך קרייען פֿריילעך
און באַגריסן זייער פֿרייהייט.
וואָלקנס שוועבען, וואָלקנס בענקען
נאָך דעם ערשטן פֿרישן דונער.
און עס גיסט פֿון פֿרייד די סאָסנע
אירע שמעקנדיקע טרערן.

ווען ס'איז שניי עס איז צעגאַנגען
און אַראָפּגעפֿלייצט פֿון האַרצן,
דער זאָל אָנטאָן הויכע שטיוול, —
און צוזאַמען מיט די ווינטן
זאָל ער בלאָנדזשען איבער פֿעלדער.
איבער נאַסע פֿרילינג־לאָנקעס,
זאָל זיך צוהערן צו ביימער;
און זאָל זוכן, וואָס עס פֿעלט אים,
זיין געליבטע, זיינע טרוימען...

וואַרשע, 1908.

15. ווייס־בלוי

די ערד איז ווייס, דער הימל — בלאָ,
און אין דער ווייסקייט שפּאַנט אַ מענטש,
אַ קליינער, דינער, שוואַרצער מענטש,
און דאָס בין איך.

אין שפּאַן פּאַמעלעך — צייט איז דאָ;
אי דאָ אי דאָרט איז ווייס און בלאָ,
דער ווייכער שניי פֿאַרשרייבט די טריט;
איך גיי!

איך עס די ווייסקייט, שלינג און שלינג,
איך טרינק ווי ווין דעם בלאָען רוים;
אָ, בלאָער, שטאַרקער, קאַלטער ווין —
פֿאַרשכור מיך!

נאָר ניין, מיין קאָפּ איז שלאַנק און שטייף;
ער מאַכט נאָר ליטערער דאָס אויג,
ער מאַכט נאָר פרישער דעם געדאַנק —
דער הימל־ווייַן.

און נעם איך לויפן ווייס איך ניט
וואו מזרח, מערב, רעכטס און לינקס,
צי איך יאָג נאָך, צי יאָגט מען מיך,
צי לויף איך כאַפּן זיך אַליין —
אין ווייסן סטעפּ...

איך לויף... און ס'בלייבט די בלאָקייט גאַנץ
און אומבאַרירט — דער ווייסער גלאַנץ,
און ערד און הימל — פול און קלאָר,
און איך בין שוואַרץ.

זיי ביידע בלייבן רואיק־גרויס,
און קליין און עלנד — איך אַליין:
אַ שוואַרצער פלעק, וואָס שאַטנט אָפּ
דעם ווייסן פּראַכט...

איך קוק אין וויטן האָריזאָנט:
איין טאָפּאָל דין ווי שפּינגעוועב,
און איבער אים שוועבט הויך אַ ראָב, —
אַ צווייטער פלעק.

אַ צווייטער, קליינער, שוואַרצער פלעק,
אַ פּינטל טינט אין בלאָען ים...
אוי, חבר, וואַרט! אויך איך בלייב שטיין,
אַ שאָד, אַ שאָד די האַרמאָני'ע...
ניט פלי אַוועק!

16. ביים פענצטער

דורך די ווייטע, הוילע צוויגן קוקט אַרויס די זון,
ווי דורך שוואַרצע, קונציק־אויסגעפּלאָכטענע וויניעטן,
און שמייכלט סודותדיק מיט קאַלטע פורפור־ליפּן.
און רויטע, געלבע, פּיאָלעטע פלעקן בייטן זיך און שוועבן
אויף די ווייסע דעכער.

עס קרויזט זיך שטאָלץ אַ רויך, אַ שלאַנקער, גראָער רויך,
און הויבט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם. אוי, ווער קען דאָס וויסן ?
אפשר גייט ער גלייך צו גאָט אַליין —
צו גאָט אַליין,
אים — באַגריסן מיט זיין אויסגעשנייטער ערד.

עס צינדט זיך אָן אין מזרח איין אַלטער, קלוגער שטערן
און ווינקט און שיט מיט זיינע אייביק־נייע קונצן :
אָט ווערט אַ סאַפיר, אָט ווערט ער אַ טאָפּאַז,
איין בליק — אַ דימענט, אַ גרין־גאָלדיקער שמאַראַנד,
און אין אַ רגע — אַ רובין.

דער טעלעגראַף ווערט פון פראָסט, און זיינע דראָטן
ציען זיך אַוועק, דערטרינקען זיך אין שאָטן,
און בלייבן דאָרטן הענגען אין דער לופטן
ווי פאַרקילטע בלייכע שטראַלן, —
לאַנגע, דינע, בלייכע שטראַלן.

טו, טו... וואָס איז ? עס פייפט אַ צוג ווייט־ווייט,
און קאַלט און שיין — זיין פייפן ווי דער ווינטער־אָוונט,
און צוגעפּאַסט צום אָוונט ווי אַ ניקל־גלעקל
צום אָרקעסטער.

... אַ סטרונע ציטערט שטיל, און ס׳טרילט אַרויס פּאַמעלעך
דער אַלטער, ליבער, מאָנאָטאָנער ניגון,
דער ווינטער אָוונט־ניגון ;
ער טריפט פון הימל, פון באַשנייטע דעכער,
פון ווייטע, דאַרע בוימדלעך, פון דעם פּלי פון ראָבן :
מען קען אים הערן, הערן מיט די אויגן,
מען קען אים פילן, פילן מיט די לאָקן
און קיינמאָל ניט געדענקען.

ער קילט דאָס הייסע בלוט דער ווינטער אָוונט־ניגון,
ער בויגט דעם קאָפּ מיט זיינע לייכטע, קאַלטע טענער.
און ווי שטיקלעך פראָסט אין פענצטער — פינקלען שטום אין מוח
קליינע, קאַלטינקע געדאַנקען :
ווי רייך דער ווייסער־טויט, ווי אָרעם דאָס לעבן,

און מיר ווי בעטלער קלייבן אויף די ברעקלעך,
און פֿול די טאָרבעס פּיצלעך ברעקלעך שײַנקײט,
און דאָס איז קראַפֿט און ציל, און דאָס איז רײַכטום ?...
און איז — די ברייטע ערד, און שטאָל — דער בלאָער הימל !

וואַרשע, 1909.

17. אַ סאַזשעלקע אין מיטן שטאָט

1

אַ סאַזשלקע אין מיטן שטאָדט... בײַטאָג,
שטייען אַרום איר די ווײנענדיקע ווערבעס
און קעמען זיך די גרינע שווערע צעפּ,
פֿון נאַקן, איבערן קאָפּ אַראָפּ, אין וואַסער.
זיי האָבן זיך, ביים צוואָגן, ווי רוסאַלקעס,
פֿאַרקוקט אין ציטערדיקן שפּיגל
און שטיין געבליבן מיט צעלאָזטע צעפּ.
אַ האַלבן זומער באַלד אַזוי,
אַליין פֿאַרגאַפֿט פֿון זייער שײַנקײט.
צי וואַרטן זיי דאָס ניט אויף אַ בן־מלך ?...
ער דאַרף אַרויפֿשווימען פֿון גלעזערנע פּאַלאַצן,
און וועט צענעמען זייערע גרינע צעפּ,
ווי מען צענעמט אַ שווערן פֿאָרהאַנג, —
אַרײַנקוקן אין די געהיימניספֿולע פּנימער —
די צווייגהאַפֿטיקע, שאָטנדיקע, ברוינע...
און די וואָס וועט אים מער געפֿעלן ווערן
וועט ער אַראָפּציען צו זיך אין נאַסן קעניגרײַך,
און באַצירן זי מיט ראָזע מײַערקעפּלעך
און מיט וואַסער־ליליעס באַקרוינען.
אַזוי טרוימען, דאַכט זיך, ווערבעס־מכשפֿות,
דאָס צוואָגן זיך — אַ האַלבן זומער ניט געענדיקט ;
און שמייכלען פֿאַר־זיך מאָדנע פֿרעמד און גרין, —
אַ פֿלאַנצן־שמייכל ניט פֿון ד ע ר וועלט...

נאָר איבער אָט די גרינע, ווײַבערלעכע ווערבעס
שטייען טאָפּאָלן, ווי די יעוונוכן,
הויך און דאַר און שטרענג,
און גיבן אַכטונג... וואַרפֿן קרומע בליקן

מיט די „ווייסלען" פֿון די שפּיצעדיקע בלעטער,
און מורמלען בייזלעך־טרוקן:
געוואָג וועט זיין צו קאַקעטירן!
פֿאַרפֿלעכט די צעפּ, פֿאַרעדקט די העלזער!
ניטאָ קיין נסים מער, ניטאָ קיין פּרינצן.
ערד איז ערד, און וואַסער — וואַסער.
און זשעדנע וואָרצלען זיינען דאָ.
און ס׳קומט אַ יום־הדין, אין האַרבסט,
ווען בלעטער פֿאַלן, קודלעס קריכן אויס,
דאַן זיינען שיין און מיאוס גלייך
אין זייער נאַקעטקייט. און רייך און אָרעם —
וויקלען זיך אין טויטן־העמד פֿון שניי...

2

פֿאַרנאַכט —
די זומער־טונקלקייט קומט אָן,
פֿאַרזונקען טיף, אין זיך אַליין, די ווערבעס;
זיי זעען מער ניט קלאָר אין וואַסער שפּיגל.
אַ נעפּל ציט אַדורך, פֿאַרהויכט דעם שקיעה־גלאַנץ
פֿון ציטערנדיקן פֿלאַך;
ווישט אָפּ, ווי מיט אַ שוואָם, דעם שיין פֿון טאָג;
פֿאַרשווינדט.
דאַן הייבן אָן צו שפּרינגען קאַלטע פֿונקען
פֿון בלאַסן שפּיגל־פֿלאַך,
און קיצלען אים... דאָס וואַסער מאַכט: „כי־כי"
און שיט מיט זילבערדיקע רעדלעך;
איין קרייזל קרייזלט אינעם צווייטן,
איין רינגל רינגלט אינעם אַנדערן.
דאָס זיינען קליינע פֿישעלעך, וואָס בענקען
צו פֿליען אין דער הויך ווי שוואַלבן.

מיליאָנען יאָרן שפּעטער וועלן זיי געוויס
אַרומפֿליען באַפֿליגלטע און פֿרייע;
זיי האָבן אָבער קיין געדולד צו וואַרטן מער
אין קאַלטן, נאַסן גרונט.
אַרויס אַט שוין, אַט שוין אַרויס! און ווערן זאָל
געפֿליגלט אין דעם גרינלעך־בלאָען הימל;

וואו שוואַלבן פֿלייסן זיך אין שווימענדיקן פֿלי
מיט פֿליגעלעך פֿאַרבראָכן, — טונקל בלאָע פֿישלעך,
מיט ווייסע בייכלעך, אין דער לופֿטן.
אָט זיי, די שוואַלבעלעך, האָבן לאַנג שוין דורכגעמאַכט
דעם גרויסן וועג פֿון טאָפּן, קריכן, שווימען,
פֿון פֿאַלן אויף צוריק און גיין פֿאָרויס;
ביז זיי האָבן זיך באַפֿרייט פֿון וואַסער־קייטן,
וואָס האָבן זיי, אויך זיי, אַמאָל געפּענטעט;
באַזיגט די שווערקייט פֿון דער ערד.
און אָט אַרויס מיט פּיפּס און צוויטש, אין לופֿטן,
אויף לייכטע פֿיילן־פֿליגלען...

3

און ס׳קומט די נאַכט. דאָס בולטע ווערט פֿלאַך.
שטריכן שמעלצן זיך, פֿון אויסדרוק בלייבט אַ פֿלעק, —
ווערט פֿון גרינע ווערבעס — אַרום דער סאַזלקע —
אַ ריזן קראַנץ פֿון שטרויס־פֿעדערן פֿאַרגרויטע.
און אונטער זיי — אַ צווייטער קראַנץ פֿון שאָטנס
אויסגעבעט ווי שטאָף. איין ראַם אין צווייטער ראַם,
שוואַרץ און גרוי... אַזוי פֿאַרשלינגען זיי די ברעגעס.
און נאָר דאָס מיטן וואַסער לויכט נאָך, זילבערדיק,
ווי פֿליסיקע פּלאַטין.
צוויי שוואַנען שווימען דאָרט, פֿאַרסודעט שפּאַלטן זיי,
ווי אין בעקלינס בילדער, לופֿט און וואַסער.
מיט זייער ווייסן שוואַנען־שטאָלץ.
אויף האַלב־אויפֿגעשטעלטע פֿליגלען פֿירן זיי
אַ טרומנע פֿון אַ טרוים צו קבורה,
איינגעדעקט אין ווייכע פּוך־תכריכים.
און ס׳לויכט דער סליאַד נאָך זיי קוועקזילבערדיק,
צוטענצלט און צושפּריצט...

אַצינד זעט אויס די סאַזלקע ווי אַ לעגענדע,
אין מיטן האַרטער שטאָט — אַ שטיק לעגענדע
אַראָפּגעפֿאַלן און צעגאָסן זיך;
אַן אינזל, צאַרט און פֿליסיק, אין אַ ים
פֿון שטיין און פֿון אַספֿאַלט.
און ס׳דאַכט זיך, אַז דאָ הינטערן וואַנט פֿון ווערבעס

לויערט נאָך אַ גליק ווי אין ראָמאַנען.
גאָר נאָענט און פֿאַרשלייערט זיצט דאָרט
אַ געליבטע אָן אַ נאָמען,
און גאַרט נאָך אונדז — פֿאַרהאַוועטע און פֿוילע,
קוקט גרין אַדורך מיט איין יאָהאַנעס פֿייער־ווערעמל:
— ווי זעט ער אויס?

פּאַריז, 1927.

ה. שטעדט

1. אין וואַרשע אויף דער גאַס

אין וואַרשע אויף דער גאַס
לויפֿט אום, פֿאַריאָגט, אַ פֿאָלק
מיט קליינע היטעלעך
און לאַנגע רעק...
די פּנימער פֿאַרזאָרגט,
די אויגן ברענען טיף
מיט צער פֿון פֿאַרגאַנגענע
מלחמה־טעג.

די שטאָדט־ווענט זיינען קאַלט,
דער ברוק איז האַרביק־האַרט.
מ׳ציט קדוש־ווייַן פֿון שטיין,
חיונה פֿון די ווענט.
ביים „שפּע־האָרן" זיצט
אַ שליאַכטע בייז און שטייף.
שטרעקן זיך צו איר
פֿאַרקראַמפּטע יידן־הענט.

נאָר טעכטער האָט דאָס פֿאָלק —
געקומען אויף דער וועלט
צווישן שרעק און נויט,
אויף פּעדערן און אויף שטרוי.
די ליפּן — קאַרשן־זאַפֿט,
די אויגן — שאָקאָלאַד.
דאָס פּערל־הויט באַדעקט
מיט יוגנטלעכן טוי.

פֿון צווישן קאַלטון־בערד
און שייטלעך שיינען זיי,
ווי ראָזעווע לבנות
אין טריבנע וואָלקנס — האָר;

אַ מחנה פֿעניקס־פֿויגלעך,
מיט וואונדערלעכע פֿאַרבן,
צופֿליִען זיך פֿון אַש
ביים אָפּגעברענטן דור.

די האָפֿענונג שטראַלט פֿון זיי.
אָ, ניין, „ישראל־סבא״
ער איז נאָך גאָר ניט אַלט.
ער איז נאָך גאָר ניט מאַט!
אַט פֿליִען זיינע טויבן
פֿון „קאַסטנס״ נאָכן מבול
צום פּראַכט פֿון מאַרשאַלקאָווסקע
און פֿון נאָווי־סוויאַט...

וואַרשע, 1929.

2. ווילנע

(קאַפּיטלעך פֿון אַ פּאָעמע)

ווילנע, דו באָבישע שטאָלצע,
מוטער און שטאָדט אין ישראל!
אַ צווייטע ירושלים אין גלות,
אַן־אינזל פֿון מזרח אין צפֿון־לאַנד...
דיין הייבל, פֿאַרלאַטעט און גרוי,
ווי דער דאַך פֿונעם אַלטן „בית־מדרש״,
האָט אויסגעזעצן רייכער, דערהויבענער
אין די אויגן פֿון דיינע מוזיניקלעך,
ווי באַגילדעטע קאַסקעס און הערבן
פֿון רונדע און שפּיציקע טורעמס.
מיטן אָבגענוצטן פֿאַרטוך, געהאָפּטן
מיט לייבן און הירשן און קרוינען,
אין געשטאַלט פֿון אַן אַלטן פּרוכת —
ניט איינמאָל געווישט האָסטו טרערן.
מיט פּורימדיקע טייגלעך — באַרימט,
מיט פּסחדיקע מאַנעלעך, איינגעמאַכץ,
פֿאַרזיסט האָסטו זייערע צרות;
פֿאַרוויגט מיט דער הויכער מליצה
פֿון דיינע לאַנגבערדיקע שרייבער.
אפֿילו די האַלצהעקער דיינע

און די, וועלכע טראָגן דיין וואַסער,
האָבן אייזערנע סוגיות [1] געשפּאָלטן,
געעמערט אין קוואַלן פון לומדים.
יעדער שטיין דיינס איז אָנגעזאַפּט, דאַכט זיך,
מיטן ריח פון תורה און טשאָלנט.
די שטייגערלעך פון „ווילנער באַלעבעסל״ [2]
זשומט נאָך די ווילִיע אויף שטיינדלעך;
מיכהיוסף׳ס [3] עלעגיעס גראַמען נאָך
די לינדן ביי דיר, ווען זיי שעפּטשען...
און דאָס פרומע געזיכט פונעם גאון,
מאַנטעפיאָרעס גוטהאַרציקן פּנים
באַגעגענען געסט מיט אַ שמייכל,
פון מזרח־וואַנט ביי יעטוועדער ווילנער.

2

כ׳געדענק נאָך דיין גענאַד און די ליבע
פון דיינע הייסאויגיקע טעכטער, —
ס׳שפּאַצירן און טרוימען מיט זיי
אין דיינע אָרומיקע טאָלן.
און מיטאָגצייט — אַ שאָס פון הארמאַט,
וואָס פאַלט אומגעריכט פון דיין „שלאָסבאַרג״ [4]
אַ ליבער, ברייטהאַרציקער דונער,
„אַ גאָט־העלף אייך, יהודים און בירגער!
דער טאָג איז נאָך לאַנג, און נאָך לענגער
די אַרבעט... זייט מונטער ביז אָוונט!״
און יענער משונהדיקער בוים
אויף דער גרוב פון פּאָטאָצקי גר־צדק [5] —
אַ ריזיקער, אייביקער אָבל
מיט לאַפּעס צעוואָרפן פאַר ווייטאָק;

1) סוגיות — שווערע שטעלן אין דער גמרא.

2) ווילנער באַלעבעסל — באַרימטער וואונדער־חזן, געגאַנגען יונג פון דער וועלט.

3) מיכה־יוסף — באַרימטער העברעאישער פּאָעט, אַד״ם הכהן לעבענזאָנס זון.

4) שלאָסבאַרג — אַ באַרג אין מיטן שטאָט, מיט רעשטלעך פון אַן אַלטן טעמפּל פון די אַמאָליקע ליטווישע געצנדינער.

5) פּאָטאָצקי גר־צדק — גראַף פּאָטאָצקיס זון, וואָס האָט זיך מגייר־געווען און איז פאַרברענט געוואָרן אויף אַ שייטערהויפן. דער וואונדערלעכער בוים, וועגן וועלכן דאָ רעדט זיך, איז אָפּגעשניטן געוואָרן בשעת דער מלחמה.

אַט באַלד וועט ער אַ בראָך־טאָן די צווייגן,
פֿאַרגיין זיך אין מענטשלעכן יאָמער...
מתּתיהו סטראַשונס ביבליאָטעק[6] —
איין גרויסער, פֿאַרשטיינערטער מח:
געדאַנקען צעזייטע פֿון בוך־פֿאָלק
און וואַנדער־פֿאָלק האָט ער פֿאַראייניקט;
ווי ביינער, אין טאָל ביי יחזקאלן,
האָט ער זיי צוזאַמענגעצויגן,
מיט ליבע אין רייען געמושטערט —
האָבן אויפֿגעלעבט גאַנצענע מחנות...
פֿאַרשוואונדן שוין לאַנג אַלע קעפּ,
וואָס האָבן די ביכער געשאַפֿן, —
און ער, דער פֿאַרשטיינערטער, טראַכט נאָך
און חזרט און בלעטערט דאָ איבער
געדאַנקען פֿון אייביקן פֿאָלק,
אין דער אייביקער שפּראַך פֿון דער ביבל.

3

כ׳געדענק די געשטאַלטן פֿון דיינע
פּרנסים מיט ליכטיקע שטערנס;
אַ שיין פֿון משׂכּילישע צייטן
שפּילט נאָך אין זייערע אויגן;
זיי האָרכן און שאָקלען דעם פּליך
צו דער גרויסער און נאָענטער „צוקונפֿט",
וואָס צאַפּלדיקע יידישע בחורים
זאָגן־אָן פֿאַרן רוסישן פּויער.
און — דיינע קבצנים, וואָס רייסן
די פּאָלעס ביי יעטוועדן אורח,
אַט טאַקע, ווי דאָס וואָלט געקומען
אַ פֿעטער אַ רייכער, וואָס קליגט זיך
מעביר־נחלה־זיין אָרעמע קרובים,
שטעלן זיי איין זייער לעבן,
און טענהן, און מאָנען, און זיפֿצן
צום גאָסט און צו גאָט און צו לייטן:
מען טאָר אַזאַ זאַך נישט דערלאָזן!
און הימל און ערד זיינען עדות...

---

6) מתּתיהו סטראַשונס ביבליאָטעק — איז איינע פֿון די באַרימטסטע ביבליאָטעקן נישט נאָר אין ווילנער געגנט, נאָר אין גאַנצן יודנטום.

4

הײנט דײַנע געשמאַקע און פֿולע
עפּל, װאָס װערן געהאַנדלט
מיט קולות און פּרסום, װי פֿלעשער
פֿול אַלטע און טײַערע װײַנען.
און „באָבעס" געקאָכטע און אַרבעס,
װאָס געלבן אין קערב אַפּעטיטלעך,
און מאַניען פֿאַרשמאַכטע פּאַסאַנטן
דערכאַפּן דאָס האַרץ נאָכן דאַװנען.
עס דאַכט זיך — דו האָלסט אין אײן פֿײַערן
אײן גרױסן „בן־זכר", אָן ענדע,
און װער ס'װיל — לאָזט זיך קאָסטן אַ גראָשן
און האָט אי אַ טעם, אי אַ מצוה.
צום גוטן זאָל זײַן אױך דערמאָנט
דאָס אָרעמע שװיץ־פּאַראַכאָדל,
װאָס שלעפּט זיך און הינקט אינעם פֿלאַכן
שטראָם פֿון דער שטײניקער װיליע,[7]
פֿאַרקריכט אַלע װײַלע אױף זאַמדבענק,
און סאָפּעט און פֿײַפֿט מיטן פֿײַפֿער.
און ײדן, פֿאַרבײַנקט נאָך די װײַבער,
װאָס װאַרטן אױף זײ אין די דאַטשעס, —
ציען די העלזער פֿון לעכער,
װי די עופֿות אין נחס קאָסטן: —
ערב־שבת קומט אָן, די היץ שטיקט,
צו ליכט־בענטשן בלײַבט נאָך אײן װײַלע...
שטרעקט אױס ס'קאַפּיטאַנדל דעם קאָפּ
און בײזערט זיך אָן פֿון זײַן בוידעם:
„זיצט רואיק און צאַפּלט נישט, ײדן!
אַז ניט... קערט־זיך־איבער מײַן „דאַמפּער"...

5

אין װילנער גאַסן

ס'פּלעגט טרעפֿן — איך בלאָנדזשע אַלײן
אין װילנער פֿאַרשלאָפֿענע געסקעס:
אַ ליטװישער מאָרגנשײַן טריפֿט
גרױ־גרינלעך אױף קרומלעכע ראָגן;

---

7) װיליע — דער טײַך, װאָס פֿלײצט אין װילנע.

כ׳פֿלעג אָנקוקן יידישע קינדער
און זעען זיי לויפֿן אין חדר,
צאַרט־פּנימדיק, דאַר און דינהאַלזיק,
מיט גרויסע פֿאַראומערטע אויגן.
די אָרעמקייט האָט זיי פֿאַרמיאוסט;
דורך איר, ווי דורך ברודיקן טיול,
לויכט־דורך אַ פֿאַראיידלטע הויט,
מיט אָדערלעך גרינע דורכשפּונען.
זיי האָבן מיר אויסגעזעען, דעמאָלט,
ווי פּרינצלעך פֿון לאַנד פֿון יהודה,
וואָס זיינען געפֿאַנגען געוואָרן
צווישן פּלאַקסקעפּיקע גויים.
און בלאַס זיינען זיי און דינפּיסיק,
ווי יונגינקע, קרענקלעכע פּאַלמען; —
פֿון וואַרעמען זאַמד אויסגעוואָרצלט,
דורך לאַפּעס ברוטאַלע און פֿרעמדע;
פֿאַרפֿלאַנצט מיט געוואַלט אין דער ליטע
אין זומפּן פּאַליעסער אויף אייביק;
בייִנקען זיי, לויפֿן אין חדר...
דאָרט זוכט, אומבאַוואוסט, זייער בייִנקשאַפֿט
דאָס זונליכט פֿון גליל, וואָס האָט זיך
אין שוואַרצינקע אותיות באַהאַלטן; —
פֿאַרנעמען, אין חומש־געבלעטער,
דעם שאָרך פֿון לבנון און גאַרבן;
אונ ציען דעם ריח פֿון ים
און פֿון בערג אין פֿאַרגעסענע מעשות.

6

ס׳האָבן אַלטיטשקע לייט מיך גערירט
ביז טרערן, ווען כ׳האָב זיי געזעען
אַנטבלויזן אום־ווינטער די קעפּ,
די אָרעמע, סיווינקע פּליכעס,
אין דורכגאַנג פֿון „אָסטראַ־בראַמאַ״ —
די טויער פֿון גוישער הייליקייט.
עס בויגן זיך דאַרינקע נאַקנס,
אַ ביטערער נאָגן אין האַרצן;

און פונקט ווי זיי גייען דורך שורות
פון שאַנד־סלופּעס, אויף וועלכע די טאַטעס
און זיידעס — מאַרטירער און הייליקע —
האָבן אין בלוט זיך געצאַפּלט...
זיי גייען אַן היטלען און זיפּצן,
און עס באַגלייטן זיי שטענדיק,
די האַרטע און שפּאָטישע בליקן
פון הערשער און פיינט — קאַטאָליקן.
די פיינטלעכע הייליקייט יאָגט זיי
און שטעכט זיי, פון מיטלסטן טויער,
מיט גלאַנצן פון גויישקן זילבער,
מיט שרעק פון באַגולדעטע צלמים.

7

נאָר הינטער דעם דאָזיקן טויער
קלאַפּט דער אלמנה׳ס[8] דרוקאַרניע,
זי רוט ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט;
די יידעשע, עכטע נקמה
זידט דאָרט און גיסט זיך אין בליי,
צעגיסט זיך אין גייסטיקע גבורות,
אויף צולהכעיס דער קריסטלעכער גאוה,
צולהכעיס דעם פינצטערן גלות.
לויפן זיי וועט־געלאָף ביידע,
איין הערשאַפט ביים זייט פון דער צווייטער:
די קלינגלט און קלאָגט אין די גלעקער,
די שטורעמט מיט דרוק־רעדער שווערע;
און ס׳ברויזט אַ מלחמה אין פרידן,
עס שטערט ניט איין קעגנער דעם צווייטן.
אָן אויפהער באַגראָבט נאָך די „בראַמאַ"
איר טויטן... און קען ניט באַגראָבן;
אָן אויפהער זעצט אותיות ד׳אלמנה
און דרוקט און פאַרשפּרייט אין מיליאָנען,
אַלץ יידישע ספרים, וואָס זיינען
פאַרוואָגלט, ווי זייערע שעפער; —
אין וועג, צווישן לענדער און פעלקער,
איין טאָרבע, איין מזל, איין אייביקייט...

8) אלמנה און געברידער ראָם.

8

אויפֿן שלאָס־באַרג

כ׳האָב ליב געהאַט, ווילנע, דיין אָנבליק
פֿון ליכטיקסטן זע־פּונקט — דער שלאָסבאַרג:
געביידעס און טורעמס געהורבעט
אין גאָלדענעם שטויב און אין בלויקייט.
איז דאָס ניט דער שטויב פֿון לעגענדן,
וואָס שוועבט אין דיין לופֿט און צוגייט ניט?
איז דאָס ניט דער בלוילעכער רויכל
פֿון פּאַטאַצקיס פֿאַרברענטן קערפּער?
אָדער דאָס רייטן אין נעפּל
די באַנדעס כמעלניצקיס — דיך ראַבעווען?
אָדער די פֿערד באָנאַפּאַרטאַס [9]
פֿאַרעגן אין פֿראָסטביים אַנטלויפֿן.

9

פֿאַרנאַכטלעך — פֿון אויבן געזעען
קאַטוילישע פֿרומע פּראָצעסיעס,
וואָס ציען ביים ברעג פֿון דער ווילִיע,
אין שוואַרצן און ווייסן געשלענגל; —
אַ שטיק מיטלאַלטער פֿאַרבלאָנקעט,
מיט פֿאָנען־געפֿלאַטער און ווייררויך.
דער כאָר, אַזוי זיס מעלאַנכאָליש,
קלינגט גרויזאַם דעם יידישן אויער.
מען האָט אונדז באַרויבט די הנאה
שוין לאַנג... און ניט מיר זיינען שולדיק —:
אונדזער בלוט האָט אויף אייביק דערשראָקן
דאָס הייליקע זינגען פֿון קרייצפֿאָרער,
און ס׳האַרץ האָט, ווי מעסער, צעשטאָכן
דער בליאַסק פֿון געהוידעטע צלמים.

10

אינעם פֿליך פֿון שלאָסבאַרג דאָרט שטאַרן
ווילד־שטייניקע ווענט פֿון אַ חורבה,

---

9) נאַפּאָלעאָן־באָנאַפּאַרטאַ. אַנטלאָפֿן דורך ווילנע, נאָכן אונטערגאַנג פֿון זיין אַרמיי אין רוסלאַנד, אין 1812.

פֿון טעמפּל פּערונס [10]... אים צו בויען
האָט מען אָנגעזאָגט געדימינען [11] אין חלום.
דאָרט האָט מען פֿאַרברענט, מיט גרויס פּאָמפּע,
די ביינער פֿון לֿיטווישע קניאַזן;
מיט נאַקעטע טענץ און מיט אָפּפֿער —
אַ וואָרע געמאַכט די פֿאַרשטאָרבענע;
און ס'האָט פֿון „טיעלֿיאַטניק" [12] געענטפֿערט
אַ רעווען פֿון קעלֿבער — קרבנות.
אָבער פֿאַלֿד איבער פֿאַלֿד האָבן זיך אָנגעהויפֿט
די טויטע, פֿאַרגאַנגענע צייטן;
פֿאַרווישט יעדער סלֿיאַד פֿונעם אָפּגאָט,
באַגראָבן די אַלֿטע מנהגים.
און ביים רעשט פֿון פֿאַרזונקענעם טעמפּלֿ,
אויפֿן אויבערשטן פֿאַלֿד, שפּילֿן אינגלֿעך
„קראָקעט"... עס צעבלֿיען זיך בעקלֿעך
אין געלאַף און געקוויטש און געלעכטער.
זעט דאָס אויס, פֿאַרן אויג פֿון אַ טרוימער,
ווי זאַפּטיקע האָפּן, וואָס קלֿעטערן
און שפּייזן זיך מיט פֿויל'ניש פֿון געטער,
מיט אַש פֿון געוועזענע תאוות;
און ווי סערנעס וואָס שפּרינגען און בוקען־זיך
ביים ראַנד פֿון פֿאַרלֿאָשענע קראַטערס.

11

איך לֿעכץ נאָך דאָס שטעטעלֿע טראָקי [13]
צווישן די בערג דיינע, ווילֿנע!
מיט אָזערעס זיבן אַרומגעזוימט
שפּיגלֿט עס זיך, קען זיך ניט אָנשפּיגלֿען.
דאָרט וואוינען די שטיף־ברידער אונדזערע —
קאַראַאימען מיט ברוינע געזיכטער;

10) דער זון־גאָט פֿון די אַמאָליקע ליטווינער.

11) געדימין — אַ ליטווישער קעניג.

12) „טיעלֿיאַטניק" — אַ סקווער אונטערן „שלאָסבאַרג". אַמאָל האָט מען דאָרט געפֿיטערט די קרבנות פֿאַר „פּערונס" מזבח. אַצינד — אַ שפּאַציר־גאָרטן.

13) אַ קאַראַאימיש שטעטל ניט ווייט פֿון ווילנע. „איך הער דיך ווי אין טראָק" שטאַמט אויך פֿון ווילנער געגנט אין באַצוג צו טראָקי...

14) בועזעס־אייניקלעך מיינט — יידן. „רות", ווי באַקאַנט, האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט בועזן — נעמיס קרוב.

עפּעס יידן ניט יידן... מיט אויגן
בולטע, טאָטעריש־שוואַרצע,
קוקן זיי אָן אונדז, און מאַכן
אַן אָנשטעל, אַז מיר זיינען „פרעמדע".
אַ ליבלעכקייט פון „רות" — אונדזער גרטע
ליגט אויסגעגאָסן אויף זייערע טעכטער,
אָבער די זיינ׳ ניט ליבלעך, ווי יענע
מואָביטקע, צו בועזעס אייניקלעך[14]...
עס שוועבן די פּסוקים פון תהילים
אויף זייערע בלוט־פולע ליפּן,
און ס׳זוכן די איילבערטן־אויגן
נאָר שקצים — די בלאָנדע ליטוואַקעס.

12

אין קאַראַאימישער שול ווערט געדאַוונט
גאָר מאָדנע, מיט ספרדישע עברי;
ס׳געבעט הערט זיך אָן ווי אַ קלאָג־ליד —
האָפערדיק־שטאָלץ אויף איר אָרעמקייט.
זי נאָגט מיט איינטאָניקע פּתחן,
מיט אַן אויסשפּראַך געציקלט־געפּאָנפּעט —:
אַ קול פון אַ גליד, וואָס איז אָפּגעטרענט
פון „עמך"... און צוקט נאָך עד־היום.
ניט לעבן ניט אָפּשטאַרבן קען דאָס,
און צאַפּלט... ווער זאָל דאָס פאַרהיילן?
אַ געדאַנקל בליצט דורך און דערפרייט דיך.
גלייכט אויס דיר דיין יידישן רוקן:
אויב אָפּגעטרענט דיאַוועט נאָך ס׳ביינדל —
ווי שטאַרק איז דאָס לעבן אין קערפּער?
אויב אָפּגעהאַקט שפּראָצט נאָך דאָס צווייגל —
ניט אומזיסט האָפט דער אוראַלטער ווייַנשטאָק!

פּאריז, 1929.

3. ניו־יאָרק

ניו־יאָרק ריזיקער! פון דיינע האַרטע גרונטן
רייסט זיך שטאָלץ דיין געניוס צום הימל
אין הונדערט־שטאָקיקע געביידעס; ווען אים איז
ענג געוואָרן אין ים־פייכטקייט און שימל.

ווי קאַקטוסן, פֿון שטאָל און ציגל און בעטאָן,
ציען זיי די פֿענסטערדיקע העלזער צו דעם קילן
און בלויען אויבן; צו די בלויע־ווינטן —
וואָס אונטן האָבן זיי אָבגעסמט אַטאָמאָבילן.

און שטאָקן איבער שטאָקן, ווי די בינען־סאָטעס, —
ביי טאָג — מיט אַרבעט פֿול, ביי נאַכט פֿול ליכטער;
אַ צעוואַקס פֿון קופּאָלן, אַ צעברויז פֿון קוימענס,
אַ פֿאָן פֿאַר נייע מאָלער, א ליד פֿאַר נייע דיכטער.

און אין די גאַסן אַ געשמעלץ פֿון פֿעלקער־טיפֿן:
ברוינע אַנגלאָ־זאַקסן, בלאָנדע שפּאַניער־יונגען...
און מולאַטקעס — ווי מיט שוואַרצן האָניג אויסגעשמירט,
פֿאַראיידלט און מיט גלוטן דורכגעדרונגען.

אויך ישראל סבא האָט זיך דאָ צעבליט,
בראָנקס פֿאַרפֿלייצט און ברוקלין מיט זיינע זין און טעכטער.
געדייט און וואַקסט איר אייניקלעך פֿון אַלטער היים!
געזעץ און פֿרייהייט זיינען אייערע וועכטער.

ו. סטודיעס

1. אַ צווייגל בעז

שאָקלט זיך אַ צווייגל בעז
איבערן הייסן אָוונט־גאָלד
פֿון מערב־הימל, —
אַ לאַנגער לילאַ־בלאָער זאַנג.
רויט און הייליק ברענט דער הימל,
ווי דער באַלקן פֿון אַ טעמפּל:
שטיל־באַשיידן בוקט זיך אים
דער לילאַ־צווייג און בענטשט:
— געלויבט איז גאָט,
דער זומער איז געקומען!
פֿאַראיאָרן האָט מיין מאַמע דאָ געבליט
און געשאָקלט זיך ווי איך,
איבעראַיאָר — מיין זון אַזוי ווי איך —
אַ פֿרישע לילאַ־צווייגל,
וועט זיך בוקן דאָ, ווי איך אַצינד,
דער אָוונט־זון און זאָגן איר:
„אַ גוטע נאַכט!“...
געלויבט איז גאָט,
דער זומער איז געקומען!

2. אַ ציגענער נחת

אַ ווייסע ציג, אַ ציגעכע,
שטייט און מעלה־גרהט
אין גאָטס וועלט אַריין.
דאָס ווייבעריש בערדל שאָקלט זיך,
די וואַטאָווע אוירינגלעך באָמבלען זיך:
אין די שמאָלע, ברוינע שוואַרצאַפּלען —
אַ ציגענע צופֿרידנקייט.
איר בת־זקונים׳ל

טאַנצט אַרום, ניט ווייט פֿון איר,
לערנט זיך אַליין אַ מענועט.
הערנערלעך האָט זי שוואַרצינקע
מיט שפּיצעלעך ווי שרייפֿעלעך,
אין העלצלעך איינגעפּאַסט, —
זי זאָל ניט מזיקן.
טאַנצט זי פֿאַרזיך, איינע אַליין
נויגט קונציק מיט דעם קעפּעלע;
אַ בוק נאָך רעכטס, אַ בוק נאָך לינקס,
א שלענגל מיטן האַלדז,
אַ דריי זיך גראַציעז
אויף די הינטערשטע קאַפּיטקעס.
גיט אַ שימער, איין רגעלע,
ווי אַ קליינע באַלערינע
אין איר לייב־טריקאָ...
און באַלד צוריק אויף אַלע פֿיר,
צוריק אַ ציגעלע.
אַ בוק אַהער, אַ בוק אַהין,
צו יעדן ביין, צו יעדן שטיין;
און: — מע—ע—ע!
זע, מאַמע, וואָס איך קען,
איך קען שוין... קוק, איך קען!

טראַכט די מאַמע, קוקנדיק אויף איר:
איינע, נעבעך, איינע אַליין.
די ווייסע ברידערלעך האָט מען אַוועקגעטראָגן,
אַ פֿאַרשמאַלצעוועטער מענטש מיט רויטע אויגן
האָט זיי קאָפּ אַראָפּ אַוועקגעטראָגן;
פֿון זיינע פֿלייצעס, הענגענדיק, האָבן זיי געמעקעט:
מאַמע, מאַמע, מע — ע — ע —
אַ מאָדנער ריח האָט פֿון מענטש געשלאָגן,
אַ שווערער און אַ שרעקלעכער;
זי וואָלט געשוואָרן: יאַטקע... פּגר...
ניט היינט געדאַכט, ניט דאָ געדאַכט!
עס האָט זיך דענסטמאָל איר פֿאַרגלוסט
שטעכן מיט די הערנער אַרום זיך,
בריקען מיט די פֿיס

און שרייען ציגענע געוואַלדן פאַר גרויס שרעק. —
האָט מען באַלד אַ קלייען־פאַליע איר געשטעלט
זי אָפּצוגאַרן, צו פאַרשכורן;
האָט זי הוסטנדיק געשלונגען און געוואָרגן זיך.
דאָס ציגענע האַרץ האָט אָבער ווי געטאָן,
אַפילו אין ס׳פינצטערע שטעלכעלע ביינאַכט
האָט עס ווי געטאָן.
דער ווינט האָט געוואָיעט אין שפּאַלט:
— מע־ע־ע...
פון גערעגער און פון שטרוי האָט זיך געדוכט
דער וויסטער, קוילער־געסל ריח
פון פאַרשמאַלצעוועטן מענטשן...
אַלע ווילע איז זי אויפגעשפרונגען: מע־ע?...
אפשר זיי, די ווייסינקע, די קליינינקע?
ניין, ניטאָ. ביז היינט ניטאָ.
צעגאַנגען ערגעץ־וואו, ווי פלעקן שניי
סוף ווינטער...
געבליבן איר איז נאָר דאָס טעכטערל.
אָט שטיפט זי דאָ און חנדלט זיך
פאַר זיך אַליין. ניטאָ קיין ברידערלעך...
געלויבט איז גאָט פון פרישע צווייגן
און געמייזאַכצן!
געלויבט איז ער דערפאַר.

3. אַרבעטער און רעגן

זעקס אַזייגער האָט געשלאָגן אויפן טורעם,
ס׳איז הייס און נעפּלדיק,
עס דונקלט און עס רעגנט;
טעמפע, ווייטע דונערן ברומען —
גראָבע ליידנשאַפטן אינעם בויך פון שטאָדט.
פענצטער און מאַנסאַרדעס עפענען זיך
איבערן טיפן, אַלטן הויף.
די מענער ערשט געקומען פון דער אַרבעט,
אַרבל אויפגעקאַטשעט. בלאָס און מיד די הענט.
גרינע אָדערן בלאָזן זיך אויף זיי.
פאַרשוויצטע קעפ מיט רויכערדיקע ליולקעס

ציען זיך אַרויס געלאָסן פֿון די פֿאַרטקעס,
קוקן טרוימעריש און שעפּן לופט
פֿון טיפֿן הויף, ווי פֿון אַ ברונים.
אויפֿן דנאָ פֿון טיפן ברונים
בויגט זיך קראַנק אַ דאַרע ליפּע,
נעצט דעם פּליך אין רעגן: —
אין שטיין פֿאַרשפּונען האָט זי מער קיין כח ניט
צו אויפֿנעמען גאָטס ברכה.
אויגן קוקן און עס שפּיגלט זיך אין זיי
דער רעגן און אַ ביינקשאַפֿט:
דער בראַוער פּויער האָט זיך אויפגעכאַפּט,
די ליבע צו דער ערד...
אָ, די האָט דאָך אַמאָל געציטערט, זעענדיק,
ווי דער רעגן זעטיקט גרינעם קאָרן,
ווי עס פאַלן אָפּגעבליטע עפּל קוויטן.
נאָר די האַרטע שטאָדט האָט זי געפאַנגען
מיט שטיינערדיקע נעצן,
צו קאַלטע רעדער פון מאַשינעס צוגעשמידט,
צו הייסע, בייזע קוימענס.
אָט רעגנט עס אַצינד... און ערגעץ וואו
זעטיקט זיך דער גרינער, ליבער קאָרן,
פאַלן אָפּגעבליטע עפּל־קוויטן;
נאָר „זי", אין אייזן און אין שטיין פֿאַרשפּונען,
האָט שוין מער קיין כוח ניט, —
ווי די קראַנקע ליפּע דאָרט אין הויף,
צו אויפנעמען גאָטס ברכה.

4. אַ קאָמאַר

אין וואַרעמען חשך
טראָמבעט אַ טראָמבעלע,
אַ פאַסקודנינק נגונדל
שטייגט אַלץ און שטייגט:
— זמ...ז..זאן־זאן־זאן.
ביז ער אַנטפּלעקט זיך
דאָס אָרעמע ריטערל.
דאָס וואָגלענדיק בלוט־זוכערל.

פֿליגלען האָט דאָס לייכטינקע,
וואָס צאַפּלען ווי אַ מילכעלע;
אַ שנאָבעלע — אַ שאַרפינקן,
פֿאַרוואָרפן ווי אַ שפּיזעלע
איבערן קאָפּ און אַקסעלע;
אַ קולכעלע — אַ נודנינקן.
האַלב פֿון אַ בעטלערל,
האַלב פֿון אַ חוצפּהניק.
עגבערט עס און נודיעט
וואו א מענטשן־אויער דרימלט:
— זמ...זמ... זאַן־זאַן־זאַן!

סטאָפּ. בלייבט שטיין אַ רגלע,
טאַפּט די דעקע פֿאַרזיכטיק,
מיט לאַנגע שפּינען־פּיסלעך:
און הויבט באַלד ווידער אָן
ציען זיין זמרל:
— זמ...זמ... זאַן־זאַן.
שאַט!.. אָט ליגט אַ האַנט,
מיט גאָלדיקן פּוך באַוואַקסן,
אָדערן פרישע, בולטע:
פֿאַר אונדז — אַ האַנט,
פֿאַר אים — אַ הויכער באַרג
מיט לעבעדיקע פלייש,
מיט וואַרעמע בלוט־קוואַלן,
ברויזנדיקע, רויטע...
פון באַרג שלאָגט אַ דאַמף
באַרוישנדיק און זיס.
אַך, ווי עס שווינדלט און הונגערט! —
זמ... זמ... זאַן־זאַן.
זוכט ער און זוכט אויס, דאָס גנבל,
אַ הייס־אָדערל, וואו בולטער;
די פיסלעך צעשפרייט ווי אַ דרייפוס,
שטעלט ער זיך אָפּ מיט סכּנת נפשות
צווישן דריי גלאַטע און גלאַנציקע פאַלמעס —
דריי האָר.
הויבט אויף דעם האַרבאַטן בעטלער־רוקן,

לאָזט אַראָפּ פֿון פּלייצקע
זיין גנביש געצייגל
צום איינברעכן אין פֿרעמדן לייב אַריין.
און עקבערט געשמאַק.
ער לאָזט זיך אַראָפּ
אַלץ טיפֿער און טיפֿער.
האָ — האָ!
דערגראָבן זיך צום קוואַל,
צום רויטן, צום זיסן, צום זעטעקדיקן.
פֿאַר מתיקות אַזש און אָנשטרענגונג
הויבט אויף דאָס אָרעמע ריטערל
דאָס לינקע פּיסל אין דער הויך,
ווי אַ פּראָווינץ־מעקלערל
ביים טעלעפֿאָנירן...
און זויגט און זויגט.
אַך, ווען ער וואָלט געקענט זען, דאָס מנוול׳ע,
וועלכע צוויי ריזיקע מענטשן־אויגן
עס באַטראַכטן אים אַצינד
מאוים׳דיק און נייגעריק, —
וואָלט אים דער אַפּעטיט פֿאַרגאַנגען.
נאָר פֿאַרשכורט איז ער,
ער פֿילט ניט.
דאָס נאַטור־געפֿיל, דאָס צאַפּלדיקס,
מיט מענטשן־בלוט פֿאַרזויפֿן...
זיין בייכל נאָר דאָס וואַקסט,
אָט איז עס נאָר אַ פּענכערל,
באַלד אַ ראָזיק ווייַנפּערל,
מיט דורכזיכטיקע גרויע רייפֿעלעך.
„אַצינד בין איך זאַט!‟ טראַכט דאָס שנאָרערל
— רבותי, מיר וועלן בענטשן!
איינס... צוויי...
און ציט צוריק דאָס שנעבעלע,
דאָס גנב׳ישע געצייגעלע
פּאַוואָלע, ס׳זאָל ניט אָפּברעכן.
נאָר דאָ הויבט זיך אויף עטוואָס מוראָדיגס,
אַ שאָטן פֿליט דורך...
אַ צווייטע, וואַרעמע פֿלייש־באַרג

פֿאַלט, שווער ווי אַ גורל, אַראָפּ
פֿון קאַמאַרן־הימל :
— פּאַטש !
ניטאָ מער קיין מוק...
נאָר אַ גרויע שמאַטקעלע וואַלגערט זיך,
אין טראָפּן בלוט איז אויסגעגאָסן
אויף דער געשטאָכענער מענטשן־האַנט.

5. לעבן גאַניק פֿון בית־מדרש

לעבן גאַניק פֿון בית־מדרש ליגט אַ ריזן־שטיין
אַ כמורנער און אַ קיילעכדיקער :
אַלע זקנים פֿון שטעטל קענען אים
פֿון די קינדער־יאָרן אָן,
אַזוי האָט דעמאָלט דאָ געהויערט,
אַזוי ליגט ער שווער אַצינד.
אָך, ווי קומט ער דאָס אַהער,
אַזאַ גרויס־געוואַקסענער,
אין דער פֿלאַכער ליטע־לאַנד ?
וועלכע וואַסערן האָבן אים געקייקלט ?
וויפֿיל שטורעמס האָבן אים געשלייפֿט
און געשטויסן און דערשטופּט
ביז צום גאַניק פֿון בית־מדרש ?
נאָר ער, דער שטיין אַליין, ער ווייסט עס
און שווייגט.
ליגט ווי אַ גרויסער, פֿאַרעקשנטער קאָפּ, —
אַ קאָפּ אָן אַ גוף.
טראַכט זיך זיין שטיינערנע מחשבה.
ווער זאָל טרעפֿן וואָס ער טראַכט ?

פֿאַרנאַכט —
פֿריי פֿון חדר, שפּרינגענדיק,
קומען ווייסע חברהניקעס אָן
מיט מעסערלעך — אַליין געמייסטרעוועט :
פֿון דער באָבעס קרינאָלינע אויסגעבראָכן,
אין בעזים־העלצלעך איינגעפּאַסט,
און האַקן זיי און שאַרפֿן זיי

אַז האַרטן פּליך פֿון שטיין:
— צאַסס, צאַסס...
העגטעלעך שלאָגן, ראַז, ראַז,
אייזנדלעך רונדן זיך.
שטרייפֿן זיך פֿייערדיקע צייכנס אין דער פֿינצטער,
רויטע פֿונקען שיטן זיך פֿון שטיין...
שטאַמלט ער דאַן אין דער נאַכט אריין
הברות שאַרפֿע, ברענענדיקע.
זעט דאַן ווער עס זעט, אַז ער באַהאַלט אין זיך
טאָן און וואָרט און פֿייער פֿון זיין יוגנט,
אפֿשר פֿון וואולקאַנען־צייט...
נאָר קיינעד, קיינער פֿון די שטיפֿערס
ווייסט ניט וואָס ער רעדט, דער שטיין.
— צאַסס, צאַסס!...
הענטעלעך שלאָגן: ראַז, ראַז!
מעסערלעך רונדן זיך.

6. אַ זשוק אין גראָז

גראַבלט זיך אַ זשוק אין גראָז,
מיט אַלע זעקס רגלים, —
אַ גראָבינקער מיסט־באַלעבעסל
מיט שמאָלע מכנסים.
דאָס „זומער־שניידערל" האָט ס'אים פֿאַרשמעלט
מיט טאָשמעס האָריקע באַשווערט;
קוים אַ טראָט צו טאָן. דערצו נאָך שלעפּן
אַזאַ קיילעכדיק נגידיש בייכל...
אַ רעקל טראָגט דערפֿאַר דער נגיד־זשוק
אַ ברייטלעכן,
מיט אַ דייטשישן שפּאַלט פֿון הינטן, —
האַלב־פֿראַק האַלב זשופּיצע;
באַדעקט מיט בלויען גאָלד־לאַק,
לויט דער לעצטער מאָדע.

גראַבלט זיך מיין זשוק. די גראָזן
שטעלן זיך אַקעגן,

ווילן פריי דעם וועג ניט לאָזן,
טוט ער זיך בלאָזן.
איז בייז.
האָפּ!
דאָ פאַלט ער אויפֿן קאָפּ,
דאָ — אויפֿן רוקן.
זשומזשעט ער און שטרעקט
זעקס הענט און פֿיס צום הימל:
— געוואַלד געשריען!
מיין נייעם פֿראַק פֿאַרפֿלעקט
אין גרינס און שימל;
צען גילדען אַן אייל סחורה...
געדאַרפֿט נאָך צאָלן טייערער
דעם זומער־שניידערוק!
ז ז ז ו!... אין אַלע כף־הקלען,
מיט זיין געניייעכץ,
מיט זיינע מאָדע־זשורנאַלן!
אָט פלאַצט מיר שוין אַן עלנבויגן,
אָט אַ קני.
רויך אים אין די אויגן,
וואַסער אין די פֿליגלען ... ווי?
ווער מאַכט עס דאָ „כי־כי?״

דאָס לאַכן גרילן,
די גרינע לאַבוסעס, די שפרינגער;
אַ לוסטיקע כאַליאַסטרע
פֿון הונגעריקע ליבע־זינגער:
— כאַ־כאַ און סאַ־סאַ־סאַ!
וואָס זאָגט איר אויפֿן גראָבן בויך, —
פֿול מיט יוך?
— פֿע!... אַזאַ נייע, בלעכערנע קאַפּאָטע
איינגעשמירט אין גרינער בלאָטע?
— קוק, קוק! ער קריגט די פּאַפּלעקסיע,
ער איז אַזש בלאָ...
— קריך גיכער, רב אייזשוק!
— ברוך הבא!
— שאַ, שאַ!... דער טרעמבאַך גייט אויף רייזן;

— סאַ־סאַ!... ער וויל אונדז קונצן ווייזן,
וויל האָפּקען פּונקט ווי מיר...
כאַ־כאַ און ציר־ציר־ציר.

קאָכט אינעם זשוק דער באַליידיקטער האָנאָר:
— זזו זזו...
טאָמער וועניק די מיאוסע גראָזן —
נאַ דיר נאָך אַ צוגאָב „גרינע האָזן"!
זזו... אין זייער טאָטנס טאָטן!
פּוסטע־פּאָסניקעס, לײַדאַקעס,
דיכטערלעך אין צעריסענע הויזן.
רק מען קנאַקט שטראָם־גראָם פֿון זון און רויזן
און עסן עסט מען מכות.
קוש־קוש אַ גאַנצן טאָג.
און אין קעשענע אַ קלאָג...
פֿאַר כעס און פֿאַר אויפֿרעגונג
שאָקלען זיך אים מוראדיק, דעם זשוק,
די דראָטענע פֿאַרדרייטע וואָנצעס —
אַ־לאַווילהעלם דער צווייטער.
„אוף, אַ חמימה!" קייכט ער,
אויפֿעפֿענענדיק דעם שפּענצער ברייטער.
שפּאַרן זיך אַרויס און פֿלאַטערן
די ציצית פֿון זיין טלית קטן
פֿון אונטער ראַצעמאָרענעם מלבוש מיטן שפּאַלט
האַלב־פֿראַק, האַלב־זשופּעצע.

און ווידער אַרויף און ווידער אַראָפּ:
האָפּ!
— אין דער ערד מיטן קאָפּ!
שוין ווידער אַ סלופּ?
— טפֿו!
אַ גרוב?
— טשאָרט!
און גרילן חוזקן: „נו, נו!
שטעלט פּיס, רב אייזיק פּופּ!
טופּ־טופּ, טופּ־טופּ!..."
פֿאַרלויפֿן אַנדערע דעם וועג:

„גרילץ־גרילץ, זעג־זעג!...
ניט דאָ דיין אָרט!
קריך, קריך,
אויף גיך,
מיט פראַק און פאַק
און פרענזעוואַטע שיך —
צום שליאַך, צום שליאַך,
פון פוסט צו וויסט!
אין פערדן־מיסט!...״
און אַ געלעכטער שיסט:
כאַ־כאַ און סאַ־סאַ־סאַ!

7. אַ ליטווישער גאָרטן

וואַקסט אונטער גאָטס זון און רעגן,
אין דער ליימיקער ליטא־ערד,
אַ יידישער גאָרטן.
מאַכט די ריבן: „מיר איז זיס״.
קרעכצעט דער רעטעך: „מיר איז ביטער״.
וויינט דער כריין מיט ביטערע טרערן:
„קיינער הערט ניט, קיינער זעט ניט,
ווען מען ליגט, ווי איך, באַגראָבן
נייען איילן אין דער ערד...״
די יונגע אוגערקע מאָזלט נאָך
מיט גרינע, שטעכיקע בלאַטערלעך;
די אַלטע בלאָזט זיך לעבן איר,
און ס׳פּלאַצט אַזש פון נגידישקייט
איר צוקער־קראַנקע, געלבע הויט.
נאָר דער קירבעס איז צופרידן,
פּאַטשט זיך שטיל אין בייכל
מיט גרינע אָדערדיקע בלעטער:
— מיר איז גאַנץ נישקשה!
דער פּאַסטערנאַק — אַ יאָלד
איז זיסלעך־בלאַס, סענטימענטאַל,
מיט לאַקריצע געווירצט, —
שטייט און קוקט אויס אויף אַ שידוך;
שדכנט זיך פּאַוואָליע צו דער מערן:

— מיר זיינען, דאַכט מיר, עפּעס קרובים?...
אָבער זי, די דיקע מערן —
רויט און קרעפּטיק ווי אַ דאָרף־מויד,
זיצט זאַפּטיק, מיט איר זיסן גוף, אין בייט,
גרייזלט שיינע, גרינע שפּיצן אין דער לופט
און וויל פון יאַלד ניט וויסן.
די ציבלקע שטייט לאַבוסדיק
אויפן פלאַכן, יונג־פאַרגרויטן קאָפּ
פאַרריסן, אָן אַ פּיצל בושה,
די גרינע, אָנגעבלאָזענע
קלאָון־הייזלעך אין דער הויך;
וויגט מיט זיי און כאַפּט אַ קוק פון בייט:
וואָס זאָגן שאַר־ירקות צו די קונצן?
די בעבלעך דראַפּען זיך אויף גלייכע ווענט,
אויף צוים און שטעקנס;
קוקן ממזריש אַראָפּ מיט גרינע הילזן:
ווער קען העכער?
די קרויט, זינט פרילינג ביז אַצינד,
וויקלט טאָג און נאַכט מגילות;
דער רוח ווייס וואָס ס'שטייט אין זיי געשריבן!
אפשר ווייסט דאָס נאָר דער קרוים־וואָרעם דער מתמיד,
וואָס קריכט און לערנט זיי אָן אויפהער
און לעכערט זיי אין זיין קורצזיכטיקייט...
טיף־פאַרקלערט אין זיך אַליין
שטייט יעדער קרויט־קאָפּ,
און ס'זעצן דיקע טראָפּנס שווייס אַרויס
אויפן ווייסן, אַדערדיקן פליך
פון טיפע נאַכט־מחשבות:
און וואָס איז גליק — זיך ניט דערטראַכט.

בעט דער גאָרטן שטיל צו גאָט, —
און זיין געבעט איז געלב און צניעותדיק,
ווי דאָס שפּעט־בליעכץ פון דער אוגערקע,
און שוואַרץ־געפּינטלט, ווי די באָב־קוויטלעך:
„איין רעגן פאַלט דאָך אויף אונדז אַלעמען,
אויף וועמען — ווי האָניק,
אויף וועמען — ווי גאַל.

גלייך זיינען מיר אַלע פֿאַר גאָט,
אָבער ניט גלייך פֿאַרן מענטשן..."
— זייט רואיק אַ, קינדער!
באַלד קומט דער האַרבסט,
וועט מען אייך ציען פֿון דר'ערד און אַנטוואוינען
פֿון איר שוואַרצער און זאַפֿטיקער ברוסט
און אין קעלער באַהאַלטן;
דאַן וועט איר אַלע זיין גלייך
פֿאַרן ליכטיקן שבת.
דו, מומעשי־ריבן, אויף צימעס!
און דיך, רעטעך־סערדצע,
וועט מען זאַלצן און שמאַלצן — אַ מאכל!
דיך, ציבעלע־לך, וועט מען האַקן מיט אייער,
וועסטו שיינען אַזוי אַפּעטיטלעך
און געלב, ווי ציטרינען, פֿון טעלער.
דיר, אָרעמער כריין, וועט מען רייבן די ביינער
און מאַכן דיך שוואַמיק און צאַרט,
באַגיסן מיט בוריקעס־בלוט —
וועסטו פֿאַרשיינען דעם טיש און די לייכטער
פֿון דער גלעזערנער כרייניצע,
מיט דיין ליבלעכער, מילכיקער רויטקייט;
און ביי די פֿיש די געפֿילטע
וועסטו, ווי קיינער, דיין תיקון געפֿינען.
דו, פֿאַסטערנאַק, וועסט שווימען אין יויך
מיט דער מערן צוזאַמען,
און ליבע אין אויוון געשלאָסן —
וועט איר ביידע זי זיסן אוןווירצן.
דו, קנאָבל, אַריין אין פּעטשאַ!
וועסט דאָרטן צעגיין ווי אַ תענוג:
וואו ביסטו, ר' קנאָבל? ניטאָ.
נאָר דיין חסידישער טעם איז געבליבן.
איר, בעבלעך — צום טשאָלנט!
אויף אייך וואַרט אַ שמאַלץ־גרוב:
אויף די מאַרכיקע פּיאַליקע ביינער
וועט איר שפּילן מיט טעם
און מיט מראה און ריח
צו דער נשמה־יתרה.

דיין נגידיש־צופרידענעם בייכל
וועט מען שפּאַלטן, אָ, קירבעס!
מ׳וועט דיר פליקן די געלבע גערערים, —
דאָרט ליגן אין נעצן פאַרפלאָנטערט
אַ סך ווייסע קערלעך.
מען וועט זיי, די שליימיקע, טריקענען...
און שבת־בייטאָג וועלן מיידלעך
זיי קנאַקן און שעמעוודיק פלוידערן
פון ליבע, פון חתונה־קליידער.
איר, אוגערקעס, קרויט —
פאַרזויערט און דורכזיכטיק־קיל,
מיטן דופטיקן סוד פון דעם קעלער
וועט דערקוויקן דאָס האַרץ און דעם גומען —
פון שבת־פּראַכט מאָט,
צו שלש־סעודות...

נאָר ניט געזאָרגט,
נאָר ניט געזיפצט, גרינע קינדער!
איר אַלע זייט אָנגעזעגן, גלייך
ביי דעם ליכטיקן, ליטווישן שבת.

8. הינערשע סליחות

פאַרטאָג. אַז אָסיען־רעגן טריפט.
שטייט אַ ראָבע־הון,
אונטער אַ שינדל־סטרעכע
אויף איין פיסעלע;
דאָס צווייטע — טיף פאַררוקט
אין איר פוכאָווע מופטל,
ביים אויסגעפּליקטן בייכל.
אַ דיקע, פרומע הון;
די אויגן האַלב געשלאָסן
פון אונטן אַרויף;
די פעדערן אָנגעבלאָזן
ווי ביי אַ קוואָקעכע,
שטייט זי זיך אַזוי
און ציט אַ זמרל,

אַ שטימונג־לידעלע
זיס־זויער און פֿאַרקלערט:
„בראַג־באַג, בראַג־באַג
און בראַק און פּאַקפּאַק־פּאַק...״
זי זינגט און גלאָצט צום הימל,
און דער — איז שמוציק־גראָ
און נאַס, ווי די פּאַדלאָגע
אין שטיבל נאָך אַ שניי.
זינגט די הון: פּאַק־פּאַק,
די סטרעכע טריפֿט צום טאַקט,
די בלאָטע בולבולט צו:
בלאָק, בלאָק.

אַלטע טירן קרעכצען,
שאָטנס רוקן זיך אַרויס:
יידן שפּרייזן שטיל אין שול אַריין
צו די ערשטע סליחות.
די הענט פֿאַררוקט. ניטאָ קיין הענט,
נאָר צונויפֿגעוואַקסענע, וואַטאָווע אַרבל,
ווי איין גרויסע שלאָס־מם, הענגען
פֿון די שמאָלע פּלייצעס.
אין רוקן — קאַלטע מוראַשקעס,
דער פֿאַרשטערטער שלאָף —
עסט, ווי ראָסט, די ביינער.
און דאָ שטייט זיך אַ הון אַ צנועה
אויף איין פֿיסעלע,
געפֿעדערט האָט זי זיך
און זאָגט שוין סליחות זינט פֿאַרטאָג
און מאַכט אַ חשבון־הנפֿש:
— בראַג־באַג און פּאַק־פּאַק־פּאַק,
אומשטיינס געזאָגט,
מה אָנו, מה חיינו?
אַ לעבן פֿון אַ בידנעם עוף
און נאָך אַ הון דערצו...
בראַג־באַג
און נאָך אַמאָל: פּאַק־פּאַק!
אַז אָך און וויי

צו אונדזערע הינערשע נשמות!
געווען אַ זומער... וואו איז ער?
געגראָבן זיך אין הייסן זאַמד,
געלעגט דאָרט אייער וואַרעמינקע,
ווייסע, שיינע, לאַנגינקע;
וואו זיינען זיי?
אָץ־קוצק, ווי געשריען, —
אונדזערע הינערשע חטאים!...
פּיסקליאַטעס אויסגעזעסן
מיט קוואָקצן און מיט מאַטערניש.
דעם פּוך פֿון בויך זיך אָפּגעפּליקט,
די שפּיצן פֿליגלען אָפּגענוצט,
געהאָדעוועט, געפּילנעוועט;
אַצינד, אַצינד... וואו זיינען זיי?
צעלאָפֿן זיך אויף פֿרעמדע הויפֿן,
צעפּיקעט זיך אויף ווייטע מיסטן;
די מאַמע־הון אַליין
און עלנד ווי אַ שטיין,
אויף איין פּיסל טוט זי שטיין:
בראָג־באַ־אַג...

שפּרינגט פּלוצים צו אַ האָן,
אַ שוואַרצער דאָן־זשואַן;
דער גאָלדענער פֿעדערן־קאָלנער
אָנגעקראַכמעלט
לויט דער אַלטער ריטער־מאָדע;
דער אַטלאַס־מאַנטל גלאַנצט,
די ברייטע אָרבל פֿלאַטערן,
דאָס רויטע צווילינג־בערדל באַמבלט זיך,
די ביסטרע אויגלעך פֿאַרהולטאַיעוועט.
זיין פּורפּור־קאַם — אַ רוימער־קאַסקע —
שטאָלץ פֿאַרוואָרפֿן
און פֿאַרדרייט וואוילינגיש אויף אַ זייט;
די גרינע פֿעדערן פֿון עק
פֿאַרקאַטשעט ווי אַ פֿעכער אויפֿן רוקן.
אַ שאָר מיט איין פּיסל — אַ פֿראַנט,
אַ קלונג מיט די שפּאָרן גאַלאַנט,

אַ נייג טיף דאָס קעפּל שאַרמאַנט:
„קאַ־קאַ... מאַדאַם! איך האָב די ערע
מיך פֿאָרצושטעלן:
התרנגול הגדול הגבור והנורא,
דער שנאַבל־באָקסער פֿון פֿיר הויפֿן,
דער סולטאַן פֿון פֿינף פּאַפּליצן,
דער שחרית־קאַנטאָר פֿון דריי געסקעס,
דער זיגער פֿון צען הענער־דועלן,
אַן איין קראַץ אויפֿן קאַם...״
און איידער די ראַבע רביצין
קומט צו זיך פֿאַר שרעק —
לאָזט אַראָפּ דער הייסער ריטער
איין אַטלאַס־פּאָלע ביז דער ערד,
און וויגט קאָקעטיש, אונטער איר,
מיטן העלדן־שווערדל:
— קאַ־קאַ און זשע־וואו־פּרי...
צי דאַרף איך אַנגאַזשירן אייך, מאַדאַם,
צום ליבע־מענועט?

בלייבט שטיין די סליחה־זאָגערן
ניט־טויט ניט־לעבעדיק:
אַ קוק אים אָן מיט ס׳לינקע אויגל
פֿון אונטן אַרויף,
און באַלד אַ גלאָץ מיט ס׳רעכטע אויגל
פֿון אויבן אַראָפּ
און שטאַמלט קוואָקצנדיק:
— ווערליק... מיין ווייבערשן... פֿאַרשטאַנד
דאַכט זיך מיר... איר מיינט...
אָץ־קוצץ־לקצץ... ווי?

ווערט דער גאַלאַנטער קאַוואַליער
מלא רציחה:
— מע רעדט מיט אייך דבורים קלאָרע,
געגוג צו זאָגן תחינות,
געגוג צו נודיען די נשמה.
נו, זייט־זשע מוחל, יענטע איינע, נו!
אַט שוין, קאַ־קאַ!... איר הערט?

שפּרינגט אָפּ די צנועה גאַנץ פֿאַרגאַפֿט:
— סטייטש, היתּכן?
ווי שעמט זיך דאָס אַ מאַנסביל ניט
אין טיפֿן האַלדז אַריין?
סליחות־צייט,
פֿאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע...
מענועטן... וויי איז מיר,
און ליבע־טענצלעך... ווינד איז מיר!
בראָג־באָק.

„רעד ניט אַזוי פֿיל״,
ווערט גראָב דער שוואַרצער ריטער,
„פֿאַרמאַך דיין מענה־לשון!״
און גיט אַ טרייסל מיטן הויכן קאַם,
אַ שויבער־אויף די פֿעדערדיקע פֿליודערן,
און אַ שפּרייט־אויס די פּיסלעך ווי צום רייטן,
„אָט לעג איך דיך,
אָט פּיק איך דיך,
אָט טו איך דיר אַ מעשה אָן!״...

לאָזט זיך לויפֿן אונדזער הון,
און פּלאָנטערט זיך פֿאַר שרעק
אין ראָבן, לאַנגגן פֿעדערן־קליידל
מיטן שלומפּער...
עפֿנט אויף אַ פּיסק און שרייט
מיט אַ קול פֿון „הנערה־המאורשה״,
און שילט און זידלט לויפֿנדיק:
„העזן אַ העזה, העזן אַ גראָבקייט,
פֿון אַ קאַטוך־זינגער,
פֿון אַ ווערים־שלינגער,
פֿון אַ ברעקלעך־כאַפּער,
פֿליגן־קלאַפּער...
בראָג־פּאָק... געוואַלד געשריען!
יידן ראַטעוועט! אַ הולטיי...
איך בין איינינקע אַליין אין פֿעלד...
אוי, טאַטעלעך, אוי מאַמעלעך,
דער אָטעם גייט מיר אויס... איך פֿאַל!

ער יאָגט מיך אָן. ער כאַפּט מיך.
אָט איז ער שוין אויף מיר,
אַ־וואָ אַ חרפּה!
ער האַלט מיך שוין ביים שייטל.
אָ־אָ... איך חאַ־אַ־לעש...
איך שטאַ־אַרב!
בראָג־אָג...״

יידן גייען דורך גאַנץ רואיק,
איין וואַטאָווער אַרבל אינעם צווייטן,
דער ראָסט אין די ביינער, —
און הערן ניט און זעען ניט
ווי אַ האָן אַ קאַזאַק טוט געוואַלט אָן
אַ פֿרומער הון אין מיטן גאַס.
פֿון סטרעכע קאַפּעט טרויעריק:
טיפּ קאַפּ.
די בלאָטע שפּריצט צום טאַקט:
בלאָק־בלאָק —
צום גראָען סליחות־הימל.

9. בנימינקע

אַ קאָטערל געווען אין טאַטנס שטוב —
שוואַרץ און גלאַט ווי אַטלאַס,
די אויגן ווי באַלויכטענע שמאַראַגדן,
די וואָנסעלעך און ברעמען — ווייסע שטראַלן,
דער עק — ער אויך געלאַטעט ווייס.
עס האָבן טאָג און נאַכט אין אים געקושט זיך,
די פֿלינקייט פֿון אַ שאָטן — ווען ער שפּילט,
און די געלאַסענע פֿאַרסודעטקייט פֿון אַ מכשף —
ווען ער שפּרייזט פּאַמעלעך.
און פֿיינט האָט ער געהאַט מיך, שוין איינמאָל פֿיינט!
איך ווייס עד היום ניט: פֿאַרוואָס? פֿאַרוועז?
מיין אינגסטן ברודערל, דערפֿאַר,
האָט ער אָנערקענט, געהאַלטן פֿאַר זיין גלייכן;
געשפּילט מיט אים און קיינמאָל ניט געדראַפּעט.
און איך, ווי כ׳טרעט נאָר צו, מיר שטעקן שוין אַקעגן,
פֿון סאַמעט־הענטשיקלעך, די שאַרפֿסטע נעגל.

נאָר איינמאָל איז געשען אַ זאַך — דאָס חיה־הערצל
האָט זיך געעפֿנט אויף פֿאַר מיר.
אַ בלעטל סם האָט מען אין שטוב אַוועקגעשטעלט,
באַנעצט, און מיט אַ רויטן אויפֿשריפֿט:
„אַ טויט די פֿליגן!"
ניט געלערנט לייענען האָט אונדזער קאָטערל,
און ווי נאָר ער האָט דורשט געקראָגן, —
האָט ער דאָס אויסגעזליאָקעט ביזקל דעק
און אויסגעלעקט דעם בלאָט.
אַ קעם־געטאָן די וואָנסעלעך. פֿאַרטראַכט זיך.
און פּלוצים — האָפּ! אַ שפּרונג. געפֿאַלן.
אַ קאָרטשען האָט אים אָנגעכאַפּט.
דאָס קעפּעלע, ווי אַ קליינער עובר־בטל,
אַהין אַהער געשאָקלט, און נאָך הילף,
מיט אַ פֿאַרכלינעט קוויטשיקל, גערופֿן.

מיין ברודערל האָט גלייך דעם קאָפּ פֿאַרלאָרן,
אַרומגעפּאַדיעט און געהאָלפֿן קוויטשן;
שיער ניט ווי זיין אָפּגעסמטער חברל מיאַוקעט.
קאַלט און פֿאַרזיכטיק בין איך אַליין געוועזן
דעם גוסס אָנגענומען, ווי מ׳נעמט אָן
אַ שונא, ווען זיין וואָפֿן איז געבראָכן...
ער האָט געוואָרפֿן זיך, געצאַפּלט און גערדראַפּעט,
עס האָט אים ניט געהאָלפֿן.
מיט גוואַלט זיין פּיסק געעפֿנט —
אַ קליינער אָפּגרונט ראָזיק־רויט
מיט נאָדלען פֿאַרצעלייענע אַרומגעזוימט;
און אין זיין טיף — אַריינגעפּליוכעט זויערמילך,
מיט אויל און קוילן־מעל געמישט;
אַזוי אים אָפּגעראַטעוועט.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געלעגן אויף דער סאָפּקע,
די אויגלעך, אויסגעלאָשן, מאַט,
אין זיך אַליין געוועגדעט.
די לאַפּקעס ווייך, די נעגל אומבאַהאָלפֿן.
און ס׳בייכל, ווי אַ קליינער בלאָזאַק,
אַרויף, אַראָפּ באַוועגט זיך... מיט איין אויער

אַפּילו ניט אַ ריר־געטאָן, ווען מ׳האָט געטומלט.
צי שעמט ער זיך אַזוי פאַר זיין אַריינפאַל?
צי שרעקט אים אָפּ די נישטיקייט פון לעבן,
דער טויט וואָס לויערט פון אַ פייכט פּאַפּירל?
אָדער טראַכט ער גאָר פון מיר — זיין רעטער?
אַך, ניין! ער איז נאָר שטאָלץ, דער קליינער מזיק!
פון איצטער אָן וועט ער מיך דאָפּלט האַסן,
אין זיין קעצישער אומדאַנקבאַרקייט.

נאָר אין דער זעלבער נאַכט, אויף מיין געלעגער,
האָב איך דערהערט אַ שטילן בורטשן, —
אַ טויבן־וואָרקען ווען זיי ליבן זיך.
און אַ וואָרעם־מאָרדעלע, אַ קליינס, אַ האָריקס, —
וואָס רייצט צו ליבשאַפט, האָט אָנגערירט מיין קין,
דאָס איז געווען דער קאָטערל. ער האָט
איינגאַנצן ווי אַ קליינע האַרף געברומט,
געציטערט פון פאַרליבטקייט.
און אַ טיפער דאַנק, אָן ווערטער,
האָט געזונגען אין זיין איינגעפאַלן בייכל.
און מיין אויער האָט ער אָנגעטאַפּט אין חושך,
מיט זיינע וואָנסעלעך, מיר איבערגעבנדיק
ס׳עלעקטריש־ציטערן פון זיין זיידיק פעלצל:
„מרו, מרו!״ ס׳הייסט: איצטער ווייס איך...
אַצינד — דערקענט דיך!
זיי מוחל, דו!...
און בורטשנדיק אַזוי צעלייגט זיך, לייב צו לייב,
און רואיק איינגעדרעמלט.
האָב איך געדאַכט, אַז ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט
אַ ברודערל אַ קליינער, אַ פאַרכשופטער,
וואָס איז פאַרפאַלן, מיר און אַלעמען, געגאַנגען,
שוין לאַנג, גאָר לאַנג... איך ווייס ניט ווען,
אין די אור־נעפּלען פון דער נאַטור,
אין גרויסן טומל פון דער וועלט.
און וויינען האָט זיך מיר פאַרגלוסט ווי יוספן,
ווען ער האָט זיך געלאָזט דערקענען
זיין ברודערל בנימין, אין דער פרעמד...
נאָר כ׳האָב זיך איינגעהאַלטן. פעסט פאַרשנירט

די ליפּן אין דער פֿינצטער. ס׳פּאַסט דאָך ניט —
דערוואַקסענע, צווייפֿיסיקע זאָלן וויינען,
איבער אַ שטומען דאַנק פֿון אַ פֿירפֿיסיקן
אין מיטן נאַכט, אויפֿן געלעגער.

10. פּרשה בשלח

ליגט דאָס שטעטל טיף פֿאַרזונקען
אין לינדן שניי און שבתדיקער רו;
אויף זויבערן שניי נעבן פּליט —
אַ הייפּל שוואַרצע טשאָלנט־קאַשע,
אַביסל ווייטער געלבט זיך איינגעקאָכטע אַרבעס, —
באַשפּרענקלט ברוין מיט פֿעטע קוגל־רעשטלעך.
שטייט אַ ראָב מיט אַ פֿאַרברעכערישן פֿלאַכן שטערן
און פּיקט;
אויגן — גנבישע,
אַ גראָער שינעל פֿון אַ קאַטאָרזשניק
מיט איינגעזעצטע שוואַרצע אַרבל;
אַ שנאָבל אַ גזלנישער,
די פֿאַרדעכטיקע לאַפּעס באַשמוצט;
אַ פּיק און אַ קוק, אַ קוק און אַ פּיק,
שנאָבל אויף, שנאָבל אָפּ.
אַזאַ גנב פֿון זילבערנע לעפֿל,
אַזאַ מתים־שענדער!
אַ גאַנצן יאָר, ביי גאָט אַ יאָר,
האָט דאָס נבֿלות וטרפֿות געפֿרעסן,
נאָר לכּבֿוד דעם יידישן שבת
און פּרשה בשלח
האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אין ס׳יידישע געסל
פֿאַרזוכן אַ הייפּעלע כּשרס.
ער פּיקט און די צוויטשערנדיקע וואָראָבייטשיקלעך
טענצלען אַרום אים ווי גראָע מייזלעך;
ער אַ פּיק און זיי פּיק־פּיק,
ער אַ טראָט און זיי שפּרונג־שפּרונג.
ער קוקט אויף זיי קאַלט און פֿון אויבן אַראָפּ,
ווי אַן אָסטראָזשניק אויף יונגע גנבימלעך;
שפּרייזט זיכער און פּיקט זיי אַוועק

דאָס בעסטע שטיק קאַשע
פֿון אונטער די שנעבעלעך,
אַפּנים ער מיינט, אַז נאָר צוליב אים
איז געגרייט דאָ די סעודה אין שניי...

פֿרעגט אַ וואָראָבייטשיקל, אַ דרדקי:
וואָס שטופּט זיך דאָ צווישן אונדז אַזאַ משומד?
וואָס קאָכט ער זיך אַזוי אין כּשרס, דער טריפֿעניאַק?
ענטפֿערט אַ וואָראָבייטשיקל אַ חכם,
אַ געניטער האָבער־כאַפּער
פֿון פֿערדן־מיסט אַרויס:
— טשיריק, טשיריק!
ס'איז אַן אַלטע מעשה, יונגערמאַן,
אַלע אַפּיקורסים און טריפֿענע העלדזער —
גייט אויס דאָס חיות נאָך אַ ביסן קוגל,
טשיריק... און נאָך געפֿילטע כרעמזלעך...

גייט אַרויס פֿון שטוב אַ חדר־אינגעלע,
אין זיינע ברוינע, דורכזיכטיקע אויגן
בלאָנדזען אום די מעשות פֿון חומש,
אַ בענקשאַפֿט שוועבט אויף זיין געזיכט;
קוקט ער אָן מיט באַוואונדערונג די פֿויגעלעך,
וואָס כאַפּן ציטערנדיק די רעשטלעך טשאָלנט.
ער זעט אין זיי נאָר אָרעמע נשמות
וואָס קלייבן ברעקלעך פֿון גאָטס תּורה,
שיריים פֿון געבענטשטע פֿרומע טישן.
אַפֿילו דער נבלה־פֿרעסער זעט אים אויס
ווי איינער פֿון די שוואַרצע פֿויגלען, וועלכע האָבן
געשפּייזט אליהון אין דעם מדבר.

פֿאַרשעמט זיך דער באַפֿליגלטער פֿאַרברעכער
פֿאַר דעם ריינעם קינדער־בליק
און פֿליט,
מיט אַ בויך פֿול בשלחדיקע קאַשע:
קראַ, קראַ!
אַוועק איבער ווייסע פֿעלדער,
איבער אייז־באַגלאַזטע וועלדער
און דערציילט זיי, אויף זיין גנבישן זשאַרגאָן,
פֿון יציאת מצרים.

11. אין מיטן ברכות זאָגן

זיצט די געלע קאַץ גאַנץ פֿרי
אויפֿן מילכיקן טיש,
ביים אָפֿענעם פֿענצטער,
און זשמורעט זיך פֿון מאָרגן־שיין.
אויף די הינטערשטע לאַפּקעס טוט זי זיצן.
מיטן וויידל — זיך אַליין אַרומגענומען,
אויף דער לינקער־פֿאָדערשטער אָנגעלענט
און מיט דער רעכטער לאַפּקע וואַשט זי זיך:
שפּייט אָן אין פֿויסטעלע,
גיט אַ וואַש דעם כאָכעלטשיקל;
אַ לעק און אַ שמיר, אַ שפּיי און אַ וואַש.
אַלע רגע, פֿאַר גרויס בריהשאַפֿט,
פֿאַרטשעפּעט זי דאָס לינקע אויערל,
פֿאַרטשעפּעט עס און טרייסלט אָפּ.
אויגעלעך מאַכט זי פֿרומינקע,
דאָס סמאַרקאַטע נעזעלע רויטלט זיך;
און דאָס גאַנצע פּרצוף־פּנימל
האָט אָן אויסזען פֿון אַ גבאיטע, —
אַ זיסינקע פֿרומאַטשקעלע;
כאַטש נעם און גיב איר אַ נדבהלע
פֿאַר אָרעמענקע קעצעלעך.
פֿעלן פֿעלט איר נאָר אַ ברודיק הייבעלע
מיט אַ קליינינקן פֿאַרוקעלע
איבערן קאָפּ און אויערלעך...

אַ לעק און אַ וויש, אַ שפּיי און אַ וואַש.
מיטן שפּיץ עקעלע וועדזלט זי
און ציט, האַלב־גענעצנדיק, האַלב־מרוקנדיק,
אַ צניעהדיקן זיסן „מיאָו".
„... מודה אני! אָן ענטעלע, אַ מייזעלע...
געלויבט זאָל זיין דער אויבערשטער,
וואָס האָט מיך מזכה געווען צו זיין
אַ קאַץ אין אַ יידישן הויז,
מיט כשרע מייז אין די לעכער;
וואָס גיט מיר כח, אַלע טאָג,

צו פֿעדערן זיך גאַנץ פֿרי
און אָפּגיסן נעגל־וואַסער
מיט אַלע גוטע, פֿרומע יידן גלייך.
און...״ האַ?
וואָס איז געשען דער מומע־קעצעלע?
די נעגל־וואַסער ברכות
געבליבן שטעקן איר אין האַלדז.
גאָר פּלוצים האָט זי זיך אויסגעצויגן
האַלב־געשלענגלט האַלב־געשפּאַנט;
די קורצע חיה־אויערלעך שפּיצן זיך,
די אויגעלעך — ברייט געעפֿנט:
שטאַרק־פֿאַרוואונדערט לוגן זיי,
גלאַנצן זשעדנע צו איין פּונקט.
אַזוי קריכט זי פֿלאַך און כיטרע שטיל אַראָפּ,
פֿון מילכיקן טיש — אויפֿן פֿענצטער,
פֿון פֿענצטער אויף דער העלער גאַס...

אויפֿן גאַס שפּאַצירט אַרום אַ טויב,
ווי אַ פּרינצעסעלע באַוועגט זי זיך;
באַגאָסן מיט מאָרגן שיין בלאַנקט זי
מיט אַלע אירע טייערע צירונגען:
דאָס קעפּל מיט דער זילבערן פֿעדער־קרוינדל
שאָקלט זיך מלכותדיק;
די רובינען אויגעלעך — געלב אַרומגעזוימט —
קוקן ליבלעך אויף דער וועלט.
דער פֿעכער־עק — אַ שלעפּ־קלייד —
פּוצט דעם זאַמד נאָך אירע טריט.
איר האַלדז מיט גרינעם גאָלד באַלייגט,
דער שנאָבל, פֿון קאָראַלן אויסגעשניצט, —
געמירמלט בלאָס און רויט.
די פֿיסלעך אין סאַפּיאַן געשוכט,
די פֿליגלען־פּלייצעס — ברוינער זילבער.
גיט אַ גיי און גיט אַ פּיק בנעימותדיק
און מאַכט דערביי אַ רעווערענס...
אָט צו איר, צו דער בת־מלכהלע,
גנבעט זיך דאָס איצט די טוקערקע,
די פֿרומע לאַפּקע לעקערן.

אַט מאַכט זי זיך געפּגרט, ליגט אין קרענק,
און באַלד — אַ ווייכן, פּלאַכן שפּרונג...
די גוישע רציחה,
וואָס אירע קעצישע עלטער־עלטערן
האָבן פון מדבריות געבראַכט, —
האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איר.
פאַרגעסן מיט איין מאָל די יידישע דערציאונג,
פאַרגעסן אַלע מעשים־טובים
פון פרומען, גוטן הויז.
אַט קריכט זי, קריכט די גזלנטע,
און די רציחה אירע שאַרט זיך,
ווי אַ כיטרע שלאַנג, פאַראויס,
אַלץ נאָענטער און נאָענטער צום קרבן...

פלי־פלי! אַנטלויף מיין טויב! —
צו שפּעט.
איין ווייכער שפּרונג.
אַ גרינער בליץ פון חיה־אויגן.
כאַפּ!
אַ פליגל־פּאַטשעריי,
אַ וואָרקנדיקער ווי־געשריי
און פוכעלעך פליען,ווירבלען זיך;
און פונצע טראָפּנס בלוט באַנעצן שוין,
צבועצקע לאַפּקעלעך, וואָס האָבן
אָקאָרשט אָפּגעגאָסן „נעגל־וואַסער".

12. דאָס טינטערל

אין אָרבעטס צימער, אויפן גרינעם טיש,
שטייט אַ טינטערל
פון געשלייפטן, קאַנטיקן קרישטאָל.
די דינסטמויד האָט אים היינט, גאַנץ פרי,
מיט טינט געפילט;
שטייט ער זיך פאַרסודעט, כמורעט זיך:
„איר ווייסט, וואָס איך פאַרמאָג?
אַ רעשטל תוהו־ובוהו —
געבליבן ערב שבת פון גאָטס שאַפן.
קאָסמאָס פליסיקן צוים איך אָפּ מיט גלאָז

פֿון גאַר דער וועלט;
ער זאָל ניט פֿלייצן, דער געפֿערלעכער,
ער זאָל ניט קאַליע מאַכן, ניט פֿאַרווישן
דעם אַלטן שטעמפּל פֿון „ויכלו״;
ער זאָל ניט דורכברעכן די שיינע גרענעצן
צווישן שטח און אומענדלעכקייט. —
יעדע טראָפּנדל אין מיר
איז אָ נ ה ו י ב,
יעדע שפּריצל — אַ געדאַנק.
אין מיין ברוגזדיקער טעמפּער שוואַרצקייט
דרעמלען ווייסע וועלטן;
מיין שמאָלער מיילכל איז די הינטער־טיר
צום שאַפֿונג־טעמפּל,
די גליטשיקע און קלעפּעדיקע שווינדל־טרעפּ
צום הויכן טורעם פֿון חלומות.
דער חשכדיקער כּף־הקל, מיט וועלכן דאַנטע
איז אין גיהנום אַראָפּ...״

אין מיטן דער נאַכט, —
דער זייגער שלאָגט שלעפּערדיק צוועלף,
אַלע דרעמלען געשמאַק אָדער אומרואיק;
וואַך זיינען נאָר טייכן
און דיכטער־פֿאַנטאַזיעס.
דאַן עפֿנט זיך אויף שטיל אַ טיר,
צום גרינעם טיש שלעפּט זיינע שטוב־שיך:
אַ יונגער מכשף.
די קודלעס — אַ בלוי־שוואַרצער וויכער —
שטורמען די בלאַסקייט פֿון פּנים,
ליפּן — צוזאַמען־צו־גיסן זיך
מיט די טיפֿע און טונקעלע אויגן.
ער זעצט זיך געבויגן. עס דריקט אים
אַ מאַכט, וואָס מען זעט ניט...
זיין שטערן — אָט־אָ באַוועלקט ער זיך
און אָט לויכט ער אויף.
שוואַך צוקן די ליפּן און שעפּצען —
אַ שם? אַ באַשווערונג?
הויבט אויף דער מכשף זיין שטעקעלע
מיטן שטאָלענעם צויבער־שפּיץ,

באַרירט קוים דעם פֿליסיקן כאַאָס
איבער דעם גלעזערנעם תהום,
צערייצט עס... פֿאַרטראַכט זיך... און פּלוצים —
עס הויבן אָן פֿליען פֿון אָפּגרונט
באַפֿליגלטע גייסטער,
עס ציען זיך טויאיקע פֿעלדער, באַלויכטן
מיט רויכיקן, בלויען לבנה־שיין,
עס וויגן זיך פּאַוועס אויף זילבערנע דעכער.
אַ שטערן פֿליט דורך און צעווײנט זיך
איבער פֿרומע און שלאַנקע ציפּרעסן.
צעלאַכן זיך קינדער. פֿאַרשווינדן.
עס קומען אָן באַרוועס נביאים פֿון מדבר —
דער ריח פֿון זאַמד אין די פּאַלעס,
די אויגן — ווי שטערן.
עס צאַפּלען זיך קדושים אויף הויכע שפּאַטן,
עס לוגן פֿאַרברעכער אין הייליקע מאַנטלען,
עס בויגן זיך קעפּ פֿון סיבילן
אונטערן לאַסט פֿון נביאות,
און שווערע געפֿלאָכטענע צעפּ...
דעספּאָטן — אין רייכע, משוגענע קרוינען
מיט בלוט און רובינען באַשפּרענקלט;
און קנעכט — קעפּ אויף קעפּ, ווי די זאַנגען,
פֿאַרנייגן זיך זיי ביז דער ערד.
קומט אָן, ווי אַ שטורעם, דער גורל,
פֿאַרווישט זיי... און קייקלט זיך ווייטער.
צערוישן זיך אוראַלטע וועלדער,
אַט ברומען זיי הייליק און ווילד,
ווי ריזיקע אָרגלס פֿון גאָט, —
און אַט פֿאַלן זיי, קרעכצן,
פֿון אייזן געשאָכטענע,
אין קלאָרן און פּעכיקן בלוט;
און ס'לויפֿט, איבער זייערע פּגרים,
דער זיגער אין פּאַרע און רויך...
עס פֿליען פֿון שוואַרצינקן תהום
חוהס טעכטער, —
פֿון ווייטע און נאָענטע לענדער און ראַסן:
ווייס און וואַרעם ווי העלפֿאַנד־צאָן

און דופּטיק און געלב, ווי ציטראָנען;
ווי קופּער געגאָסענער רויט
און שוואַרץ ווי געלאַקטער סאַנדאַלן־האָלץ.
זיי טאַנצן אין נאַקעטער שיינקייט,
און ס׳לויפֿן זיי נאָך גאַנצע דורות פֿון מענער
מיט אָפֿענע, שליימיקע מיילער;
אידיאָטן, חכמים און פּרינצן און בעטלער —
מיט איין דורשט אין די אויגן.
און ענג ווערט אין צימער... עס שטופּן זיך גייסטער
מיט שאָטנס און ביכער און וואָזן,
און שרייען אַ שטומען געשריי.
זיי גלוסט זיך אַרויס אויף גאָטס וועלט,
דאָרט אויפֿשרעקן אַלץ, וואָס עס שלאָפֿט,
מיט מענטשישע הערצער זיך שפּילן...
און שלאָגן זיך אָפּ אָן פֿאַרגליווערטע ווענט,
און גליטשן זיך אויס אויף די שוויציקע שויבן,
ביז זיי ווערן פֿאַרמאַטערט און לייגן זיך ווייך,
פֿאַלד אויף פֿאַלד, אויפֿן טיש,
אויפֿן גרינעם געוואַנד.
דאָס זיינען דעם צויבערערס טרוימען פֿאַרלאָשענע,
וואָס די וועלט האָט אין הונדערטער יאָרן דערלעבט —
ליידט ער דורך אין איין נאַכט.
ווי תקופֿות פֿאַרגאַנגענע לייגן זיך
פֿאַלדן אויף פֿאַלדן —
אַלץ ווייסינקע, קאַלטינקע, לאַנגיקע בלעטלעך,
באַפֿליטערט מיט שוואַרצע, פֿאַרסודעטע צייכנס.
דער יונגער מכשף ווערט בלאַסער,
בלויע שאָטנס באַזוימען זיין אויג;
ס׳גרויט שוואַך אַ באַגינען אין פֿענצטער,
דער לאָמפּ ווערט אַלץ עלנדער, קלענער.
הויבט זיך אויף דער מכשף אַ מידער,
פֿאַרשווינדט.
בלייבט דער טיש, מיטן גרינעם באַדעק,
פֿאַררוקט אין אַ ווינקל אַליין.
דאָס טינטערל לײדיק און פֿינצטער... ער וואַרט,
מע זאָל פֿון דאָס ניי אים דערגיסן
מיט אַ רעשטעלע „תוהו־ובוהו“.

פּאַריז, 1922.

13. דער ווייסינקער

א מעשה אין גראַמען

ביי בענצין אין שפּייכלער... איר הערט דאָך אַ נייס!
האָט מויזיכע געבוירן אַ מייזל אַ ווייס.
הוראַ, הוראַ! — אַ מייזל אַ ווייס.

מיט רויטינקע אויגלעך, מיט שניי ווייסע האָר —
אַ תכשיט אין גאַנצענעם מייזישן דור.
הוראַ, הוראַ! אין מייזישן דור.

די עלטערן גרויע — פֿאַרגאַפֿט און פֿאַרחושט,
דאָס טאַטעלע גלעט אים, דאָס מאַמעלע קושט.
הוראַ, הוראַ! — דאָס מאַמעלע קושט.

פֿאַרגינען ניט ברידער זיין ווייסינקע פֿעל,
ער קומט צו זיי שפּילן — אַנטלויפֿן זיי שנעל.
אָי ווי, אָי ווי! — אַנטלויפֿן זיי שנעל.

האָט מוטערל געטרייסט אים: ניט זאָרג זיך, מיין קינד!
וועסט וואַקסן און לויכטן און זיי וועט זיין ווינד.
הוראַ, הוראַ! — און זיי וועט זיין ווינד.

געלערנט אים, אַגב, צו גריזשען אַ ליכט,
צו לעקן און שמעקן פֿון יעדן געריכט.
אָי ווי, אָי ווי! — פֿון יעדן געריכט.

צו לעכערן קאָלבאַס און צוקער און קעז,
און בענציכן לאָזן „מיט נעז״.
הוראַ, הוראַ! — צו לאָזן מיט נעז.

האָט בענצי דערזען אַז זיין שפּייז איז צעקרעלט —
אַ פֿאַסטקע געקויפֿט און אין שפּייכלער געשטעלט.
אָי ווי, אָי ווי! — אין שפּייכלער געשטעלט.

האָבן מייזלעך געמאַכט אַן אַסיפֿה אין לאָך,
צו ברענגען אויפֿן ווייסינקן ברודער אַ בראָך.
אָי ווי, אָי ווי! — אויפֿן ברודער אַ בראָך.

— דו זעסט דאָרט אַ קעסטל, אַן אָפֿענע טיר?
לויף ברענג אונדז דאָס וואורשטל! מיר טיילן מיט דיר...
הוראַ, הוראַ! — מיט טיילן מיט דיר.

דער ווייסער — איין שפּרונג, און געגעבן אַ צי
די פּאַסטקע פֿאַרהאַקט זיך. עס העלפֿט ניט קיין מי...
אַי וויי, אַי וויי! — עס העלפֿט ניט קיין מי.

פֿאַרגייט זיך דער ווייסינקער, קוויטשעט פֿאַר שרעק,
די ברידערלעך שיטן אים זאַלץ אויפֿן עק.
אַי וויי, אַי וויי! — אים זאַלץ אויפֿן עק.

דו, וואַרט קאָרשט! וואָס שרייסטו? ר׳ בענצי קומט באַלד,
און שינדט אָפּ דיין פֿעלכל... דאַן שריי דיר געוואַלד!
אַי וויי, אַי וויי! — דאַן שריי דיר געוואַלד.

און אָפּנעמען וועט ער, מיט ליכווע, פֿאַר אַלץ,
פֿאַר צוואָרעך און חלה, פֿאַר זייף און פֿאַר שמאַלץ...
אַי וויי, אַי וויי! — פֿאַר זייף און פֿאַר שמאַלץ.

צו מאָרגן — אַ טומל... וואָס איז דען דער מער?
ר׳ בענצי שרייט: „קינדער, קומט גיכער אַהער!”
הוראַ, הוראַ! — קומט גיכער אַהער.

„געזען אַזאַ שקאָץ”? אַזוי לאַכט ער צו זיי,
ניט אויגן — קאָראַלן, אַ פֿעלצל ווי שניי...
הוראַ, הוראַ! — אַ פֿעלצל ווי שניי.

„אַ, שענק אים אונדז, טאַטע!...” און ער, כּלומרשט, שילט;
— שקצים, עכּברושים, נעמט טוט וואָס איר ווילט!
הוראַ, הוראַ! — נעמט טוט וואָס איר ווילט.

מען שלעפּט דעם געפֿאַנגענעם פֿון שפּייכלער אין הויז,
און מ׳גיט אים פֿיל וואוילטאָק... ער בליט ווי אַ רויז.
הוראַ, הוראַ! — ער בליט ווי אַ רויז.

דער שטופּט אים אין פּאַסטקעלע פֿלאָדן מיט וואורשט,
דער לעשט מיט סמעטאַנקע זיין מייזישן דורשט.
הוראַ, הוראַ! — זיין מייזישן דורשט.

מען פליסט זיך, מען לאַכט, מען באַוואונדערט, מען קוועלט, —
פאַר אַ שפּילכל אַזאַ — אַ כּפּרה די וועלט!
אַי ווײַ, אַי ווײַ! — אַ כּפּרה די וועלט.

פאַרוואָרפן די העפטן, פאַרגעסן די שול
און מאַכן די מאַמע און דינסטמיידל דול.
אַי ווײַ, אַי ווײַ! — און דינסטמיידל דול.

„אַט דאָס איז אַ תּכלית?...״ ווערט בענצי אין כּעס,
און נעמט און פאַרשענקט דאָס אַ קבצן פון גאַס.
אַי ווײַ, אַי ווײַ! — אַ קבצן פון גאַס.

פאַרשענקט דאָס אַ בעטלער, אַ זשוואַווען בעל־מום,
וואָס שפּילט קאַטערינקע און הינקעט אַרום.
אַי ווײַ, אַי ווײַ! — און הינקעט אַרום.

דער בעטלער האָט ס'מייזל גענומען צו זיך
און קוויטלעך צו ציען געלערנט עס גיך.
הוראַ, הוראַ! — געלערנט עס גיך.

באַצירט אים דאָס העלזל מיט גלעקל און באַנד,
געוואָרן זיין חבר, געשפּייזט פון דער האַנט.
הוראַ, הוראַ! — געשפּייזט פון דער האַנט.

באַרייזט מיט אים לענדער: רומעניע, טערקיי, —
און פוילן און טשעכיען און די סלאָוואַקיי.
הוראַ, הוראַ! — און די סלאָוואַקיי.

אין דעכל פון שפּילקאַסטן, ווי אַ מאַגנאַט,
לעבט זיך דער „ווייסינקער״, נאַשט דאָרט צו זאַט.
הוראַ, הוראַ! נאַשט דאָרט צו זאַט.

דער שפּילקאַסטן שפּילט, ער ציט קוויטלעך אַרויס
און טרעפט צו דער זאַך, זאָגט דאָס מזל פאַראויס.
הוראַ, הוראַ! — זאָגט דאָס מזל פאַראויס.

אַט דער וועט זיין אָרעם און יענער — שטאָק־רייך!...
דו היט זיך פאַר פייער! און דו — פאַר אַ טייך!
אַי ווײַ, אַי ווײַ! — און דו פאַר אַ טייך.

אויף דער וואַרט אַ גראַף און אויף יענער — אַ קאָד!
און מוידן און יונגען זיי לויפֿן אים נאָך.
הוראַ, הוראַ! — זיי לויפֿן אים נאָך.

און כאַפּן די קוויטלעך — אַ צווייער אַ קוויט,
דאָס בעטלערל הינקעט און שפּילט זיי זיין ליד.
הוראַ, הוראַ! — און שפּילט זיי זיין ליד.

*

און וואָס איז דער סוף פֿון די ברידער געווען?
אַ שלעכטער... מען זאָל דאָס ניט הערן, ניט זען.
אָי ווי, אָי ווי! — ניט הערן, ניט זען.

געפֿינצטערט אין שפּייכלער, געגנבעט, געלאָפּט,
קראַפּירט פֿון אַ סם, פֿון דעם קאָטער געכאַפּט.
אָי ווי, אָי ווי! — פֿון דעם קאָטער געכאַפּט.

אַזאַ סוף די רשעים פֿון אונדזערער צייט,
און לויכטן ווי טאָג זאָלן הייליקע לייט!
הוראַ, הוראַ! — זאָלן הייליקע לייט!

ניו־יאָרק, 1943.

14. אַ קאַרעהאָד ליד

מייזעלע, מייזעלע —
גרויאינקער רעקעלע,
לאַנגינקער עקעלע,
כאַפּ־צו אַ ברעקעלע,
לויף אין דיין קלייזעלע!

דאָרט אין דיין שפּעלטעלע
איז דיין קליין־וועלטעלע, —
מוטערל, פֿאָטערל...

קומט אָן אַ קעלטעלע —
וואַרעמען גלידערלעך

שוועסטערלעך, ברידערלעך.
און דאָס בייז־קאָטערל
שאַרפֿט דאָרט ניט ציינדעלעך
אויף דיינע ביינדעלעך.

דאָרט אין דיין דירהלע —
מייזישער נעסטעלע,
האַקט ניט־צו טירעלע
פֿאַסטקעלע־קעסטעלע;
פֿאַקט ניט ביים פּיסעלע,
שליסט ניט אין תּפֿיסהלע.

מייזעלע, מייזעלע —
גרויאינקער רעקעלע,
כאַפּ־לאַפּ אַ ברעקעלע,
לויף אין דיין קלייזעלע!

ז. גלות און גאולה

1. דער פֿאָדים

דאָס לעבן רופֿט... מיר ווילן לעבן!
דער גאָלדענער פֿאָדים, וואָס מיר וועבן
פֿון אַלטע צייטן ביז אַצינד, —
ברומט טיף און צאַרט אין שטורמווינט.
מיר האָרכן צו פֿון גרויס ביז קליין:
דאָס זינגט די אייביקייט אַליין;
עס זשומט און וועבט זיך פֿון איין שטיק,
פֿאָראויס — און קיינמאָל ניט צוריק.
מיר האַלטן פֿעסט אָן אים און שאַפֿן,
און — הערשער מיט זיין זכות און שקלאַפֿן.
ווער ווייסט וואוהין דער פֿאָדעם פֿירט?
פֿאַרלאָרן איז ווער אים פֿאַרלירט...

מיר שלענגלען זיך אין לאַבירינט,
דער וועג איז זומפּיק, שוואַרץ ווי טינט.
אָ, ווײן ניט קינד און קרעכץ ניט ווייב!
עס שרייט נאָך גראָבן גליק דאָס לייב; —
דאָס פֿלייש איז שוואַך, דער חוב איז אייזן.
מיר וועלן קיינמאָל אים צערייסן,
אַפֿילו אינעם טויטנטאַנץ;
ער מוז, ער מוז אונדז בלייבן גאַנץ.
ער פֿירט נאָך איצט, דורך בלוט און רויך,
צום נייעם סיני — ווייט און הויך;
אַ נייער נביא וואַרט שוין, דאָרט,
אין פּורפּול־וואָלקן אויפֿן שפּיץ, —
און קריצט פֿאַר אונדז אַ נייעם וואָרט,
און יעדער אות — אַ בלויער בליץ.

2. אַ שליאַך!...

אַרבעט־ליד אין ארץ־ישראל

רוימט אָפּ דעם וועג און לייזט אייך אויס!
משיח וועט אייך ניט אויסלייזן...
שוין לאַנג געקומען — צו דער וועלט
און אונדז געשיקט אַ בליק אַ בייזן.
פֿאַר ווילדע פֿעלקער גאָט אַנטפּלעקט,
צו אונדז די האַנט ניט אויסגעשטרעקט;
געמאַכט זיך קאַלט, פֿאַרשטעלט זיך פֿרעמד...
שטרעקט איר אַליין די יונגע הענט
און בויט דעם שליאַך!

רוימט אָפּ דעם וועג! ווער נאָך מיט אונדז?
דער אַלטער תשבי וועט ניט רוימען.
שוין טויזנט מאָל גערופֿן אים,
געענטפֿערט האָט אַ ווינט אין קוימען.
ער איז צום גוי אַוועקגעריטן,
און גאָט און שטויב־מאַנטל געביטן...
פֿאַרגעסט אָן אים! ער איז געשמדט.
דער פֿיינט איז שטאַרק, דער פֿריינד איז מאַט —
בויט איר דעם שליאַך!

אַ שטויב פֿליט־אויף אין וויסטן־זאַמד, —
עס לויפֿן פֿאַגראַמירטע יידן!
עס וואַגלען אַלט און יונג פֿאַרשמאַכט,
אַ שאָטן זוכן זיי און פֿרידן.
פֿון ברונימער, אין שטיין געהאַקטע,
לעשט אָפּ דעם דורשט פֿון זון צעבאַקטע!
קיל־וואַסער יידישלעך און זיס
פֿאַר די וואָס פֿאַלן פֿון די פֿיס
אויף אונדזער שליאַך!...

3. פֿעלקער־דעמערונג

ווי אַ גסיסה מיט טראַמייטן זעט דאָך אויס
אָט די טרויעריקע אויפֿלעבונג;
דאָס קראַנקע רויטלען זיך פֿון מ ז ר ח — שיינט.

ווי אַן אונטערגאַנג.
אַזוי דעמערט נאָר אַ פֿאָלק פֿון צרות עובר־בטל,
ס'פֿאַרגעסט זיין שפּראַך ביים שאָל פֿון גאולה־שופֿר;
ווי אַ זינדיקער פֿאַרגעסט, פֿון שרעק, זיין נאָמען,
ווען דער מלאך־דומה טוט אַ רוף:
„ווי הייסטו?"

צי איז עס ניט אַן אָנדייט אויף אַ סוף —
אָט די מידקייט פֿון „די אויסדערוויילטע",
אָט דאָס צערינען פֿון אַ אור־שטאָף?
אַ וועלט־קולטור גייט אונטער!...
אַפֿילו שצורעס קוויטשן אויך:
„די קאָץ־גערעכטיקייט איז גוסס, —
וואָס האָט ביז איצט פֿאַרצוקט געמיינהייטן
פֿון גאָר דער וועלט".
דער נאָכגעביקער שוואָם איז האַרט געוואָרן,
ער ווישט ניט מער דעם ברודנעם שוים
פֿון קאָכעדיקע פֿעלקער־טעפּ.
דאָס זאַלץ וואָס קאָנסערווירט די קולט־נבלות
פֿוילט אַליין.

צו קבורה לױפֿט שוין, גרעבסנדיק, דער גרויסער גולם,
מיט אַ פּסולען שם־המפֿורש אונטערן צונג.
און מיטלאַלטער־גייסטער שטייען אויף;
זיי שפּירן בלוט און נעפּל — קריכן זיי,
ווי שדים, פֿון די אַלטע ברונימער.

געוועזן זיינען אונדזערע מאַרטירער אומעטום
די וועג־ווייזער — אויף הויכע עשאַפֿאָטן;
די ברענענדיקע קדושים — פֿאַקלען,
אין אַלע פֿעלקער בלאָנדזשעניש;
און אונדזער פּיין — אַ מוסטער אויסצוהאַלטן
אַלע פּרואוואונגען, און בלייבן גאַנץ.
אומזיסט!... מיר שטייען ווידער אין אַ מדבר
אָן לוחות און אָן פֿאָטערלאַנד.

און ווידער רויטלט זיך אַ בין־השמשות, —
אַ מיטלאַלטער־דעמערונג;

עס פֿליען אַוויאָנען — גרויסע פֿלעדערמייז.
פֿאַר אונדז אַלעמען — אַ לאַנגער צאַפּלען זיך,
אַ נייער קריכן און אַ נייער טאַפּן...
און פֿאַרן שר־פֿון־פֿעלקער איז עס נאָר —
נאָר בלעזלעך, פֿאַרבנשפּיל
אין טאָפּ פֿון עקספּערימענטן.

פּאַריז, 1928.

4. עלילת־דם

באַלאַדע

ביים פּערטן כוס רופֿט פֿאָטער אויס:
„אַך, קינדער, ס׳פֿעלט אונדז וויין!
נעם, טאָכטער־ליב, דעם זילבער־קרוג,
שעפּ אָן און ברענג אַריין!"

דאָס מיידל — בלוט־און־מילך און שיין,
אין ווייסן אויסגעפּוצטע, —
נעמט אָן דעם אַלטן קרוג, וואָס ווערט
אין סדר־נאַכט באַנוצט.

און ווי אַ יונגע ציג שפּרינגט זי
אַראָפּ די קעלער־טרעפּ;
עס הילכן פֿריילעך אָפּ איר שפּרונג
געוועלבן, פֿעסער, טעפּ.

און פּלוצלונג, האָרך! אַ גרויס געשריי,
דאָס מיידל לויפֿט צוריק;
ניט בלוט־און־מילך — נאָר בלוי־און־קאַלך,
און שטאַר איר שוואַרצער בליק.

„וואָס איז דיר, טאָכטער? ציטער ניט!
ווער האָט דיר שלעכטס געטאָן?"
דאָס מיידל עפֿנט אויף אַ ליפּ,
עס קלאַפּט איר צאָן אָן צאָן: —

„אין קעלער... דאָרטן... צווישן וואַנט
און פּסחדיקער פֿאַס...

אַ, פֿאָטער־קרוין, אַ קינד ליגט דאָרט,
אַ פּגר... רויט און בלאַס..."

דער פֿאָטער כאַפּט זיך אָן ביים האַרץ,
די מוטער שרייט פֿון שרעק;
מען קריכט אין קעלער, ווי אין תהום,
מען גלאָצט צום ווייסן פֿלעק.

צעוואָרפֿן הענטלעך, פֿיסלעך־קליין
ליגט טויט אַ נאַקעט קינד,
צעשטאָכן ריפּעלעך און האַלדז,
צעשונדן ווי אַ רינד.

דאַן קרעכצעט דער פֿאָטער, ווי פֿון היץ:
„אַן אומגליק איז געשען!
מיר זיינען אַלטע לייט. נאָר איר...
לויפֿט, קינדער, ווער עס קען!"

נאָר מוטער פֿליקט די גרויע האָר
פֿון אונטערן ווייסן הוב:
אַ, קינדער, קינדער! ס'איז צו־שפּעט,
באַלאַגערט איז די שטוב...

.1934

5. משיח האָט אונדז אויסגענאַרט...

משיח האָט אונדז אויסגענאַרט...
ער האָט אונדז אויסגענאַרט דער אַלטער!
דעם בעסטן גלויבן אויסגעשנאַרט ביי אונדז,
אַרויסגעזויגן אונדז די בעסטע האָפֿענונג:
די ריינסטע טרערן ווי פּערל אונדז באַגנבעט, —
ביי אַלט און יונג: ביי באָבעס אויף די תחינות,
ביי זיידעס איבער די צעפֿליקטע, געלבע גמרות,
ביי טאַטעס אויף באַגילדעטע השכלה־ביכער,
ביי אינגלעך אין די זיסטע חדר־טרוימען...
און פֿרעמדע פֿרייהייט־פֿענער האָט ער רויט געפֿאַרבט
מיט ס'לעצטע בלוט פֿון אונדזערע בלאַסע זין

און ציטעריקע טעכטער;
און זיין געשוואָרענע גאולה ניט געבראַכט...

ער האָט שוין לאַנג געפּעלשט אין זיינע שליחות
דער גאָטס־געזאַלבטער! —
זינט די מאַמע־ערד איז אונדז געשטאָרבן
האָט ער אַל־דאָס טייערסטע ביי אונדז אַוועקגענומען,
פאַרשווענדט אונדזער גרויסע ירושה אויף דער וועלט,
און פרעמדע פעלקער אויסגעלייזט מיט איר
און ווילדע פאַסטוכער באַשענקט מיט גאָט און היים. —
און טריט ביי טריט אַוועק צו זיי אינגאַנצן,
אַ פרעמדן גלויבן אָנגענומען,
געשלאָסן בלאָט מיט אונדזערע פאַרפאָלגער;
און אונדז — אים אָנגעטרויטע פאָלק יתומים —
געלאָזן אומעטום פאַראָרעמט און אַליין.
און ווען ער האָט אויף פרעמדע חתונות געטאַנצט
זיינען מיר פאַרשלאָפענע אין קעלט און אַנגסט געלעגן,
פאַרוויגט אין אונדזער פאַרמעטענעם וויגל,
באַדעקט מיט שטויב און שפּינוועבס פון לעגענדן.
און האָבן מיר געוויינט אין שלאָף, אָן אויג געעפנט,
מיט בלאַסע הענט געטאַפּט אין חשך, —
האָט ער שטענדיק אונדז באַרואיקט פון דערווייטנס
מיט זיין לידל — הייזעריק און אויסגעדראָשן:
„שלאָפט רואיק, יידעלעך!
„האָפּט, האָפּט, יתומימלעך,
„איך גיי, איך גיי, איך קום!...״
און טעג פון גאולה האָבן אויפגעלויכט און באַלד אַוועק
און יאָרן פון פאַרצווייפלונג האָבן זיי פאַרביטן,
און ווייטער, זעלטענער איז אַלץ געוואָרן
דאָס נודנע לידעלע פון אייביק האָפן,
ביז עס האָט אויפגעהערט אינגאַנצן.
און שאַ... אַ שווערע שטילקייט איז געקומען,
אַ שוויגן פאַר אַ שטורעם.

און אָנגעפלויגן איז דער לאַנג־געוואַרטער שרעק,
דער שטורעם פון משיח־צייטן. עס קרעכצט די ערד,
עס רויכערן די הימלען;

עס פֿאַלן קרוינען, תּורות ברענען.
און ראַסן גליען רויט און ווילד פֿאַר שנאה,
און טויט און לעבן פֿלייסן זיך און שמידן גרויזאַם, —
אין געפֿילדער פֿון נצחונות און מפּלות —
נייע וואַרהייטן און נייע מענטשן...
דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעוואַכט
און בענקט און וויינט און רופֿט אויף אַלע זייטן:
— „משיח!"
„וואו ביסטו? קום! מיר האָבן מורא...
„שטיי אויף און העלף! געקומען איז די צייט..."
משיח ענטפֿערט ניט. משיח איז ניטאָ.
ווער ווייסט? ווער קען אונדז זאָגן? ער איז אפֿשר
אונדז צוקאָפֿנס קיינמאָל ניט געזעסן...
שרייט העכער! אפֿשר וועט ער אונדז דערהערן,
קוקט בעסער! אפֿשר וועט איר אים דערזען:
צי האָרכט איר ניט דאָס שפּרינגען פֿון זיין פֿערדל?
— ניין.
דאָס קלאַפּן דריבנע־טרויעריק אין ווינט
די לעצטע שינדלען — פֿויל און אָפּגעריסן —
אין דאַך פֿון חרובֿן בית־מדרש...

אָ, רופֿט אים מער ניט, ברידער! וואַרפֿט אַרויס
זיין שיינעם נאָמען פֿון די אַלטע תּפֿילות,
פֿון האַרצן רייסט אַרויס זיין צויבער־בילד
און מעקט זיין זכר אויס פֿון סדורים.
צו ווייט איז ער אַוועק אין קאַלטע צפֿון־לענדער,
צו טיף איז ער געזונקען צווישן גויים...
ער שעמט זיך קומען, אונדזער גרויסער אַפּטרופּוס,
ער האָט ניט מער מיט וואָס צו צאָלן זיינע חובֿות,
וואָס ער שולדיקט אונדז אַזויפֿיל לאַנגע יאָרן
און וואָס ער האָט פֿאַרלעבט מיט גאָר דער וועלט.

אַ נייעם גאָט־געזאַלבטן ווילן מיר אַראָפּברענגען,
אַ נייעם אויסלייזער באַשאַפֿן מיר אַליין!
פֿון אונדזער טיפֿער בענקשאַפֿט וועלן מיר אים קלעפּן
פֿון צאָרן — אייביק שטום אויף זיך אַליין,
אויף אַלע פֿעלקער;

פון אונדזער ביטערסטער נקמה קעגן י ע נ ע ם,
וועלכער האָט אונדז אַזוי ווייט און טיף פאַרפירט...
און אַ גייסט אַריינבלאָזן אין אים אַ גרויסן
אונדזער אייביקן ניט אויסגעשעפּטן דראַנג
צום לעבן און אומשטערבלעכקייט.
מיט פלייס אים אָנקליידן און אָנגאַרטלען מיט ווילן,
און דערהויבן צו אַ קייזערלעכער שיינקייט
דורך יידישע גאונים: דיכטער, קינסטלער
און דערפינדער.
פון זיך אַליין גענומען — ווילן מיר
אים מאַכן קיניגן אויף זיך אַליין;
און מיט אַ נייעם אמת קרוינען פאַר דער גאַנצער וועלט
זיין הויכן, שטאָלצן שטערן.
און זאָל ער רייטן, ציען אונדז פאַרויס
אויף הייסע פליגלען דאַמף, אויף אייזן און בענזין, —
זיי טראָגן גיכער ווי אַ ווייסער אייזל
אין דער צוקונפט...
און זאָל ער ברייגען אונדז... ער מוז אונדז ברענגען
וואו העלער שיינט דער טאָג, וואו פולער שוימט דאָס לעבן.
אָט דאָרט, צוזאַמענברעכנדיק אין שאַפונג־פרייד,
וועלן מיר אַנידערפאַלן, זיך צוטוליען צו אים
און אויסרוען צו זיינע שטאַרקע פיס, —
ווי שאָף פאַרוואָגלטע אין שאָטן פון אַ באַרג;
און אָפּכאַפּן אַ קורצן אָטעם פון אייביק נע־ונד זיין,
און אָפּשפּאַנען אַ צוויי טויזנט־יאָריקן געדולד,
וואָס האָט שוין באַלד געפּלאַצט אינגאַנצן.

און וועט זיך יאָ אַמאָל דערמאָנען, אונדז צו אויסלייזן,
דער אַראָפּגעזעצטער, לאַנגפאַרגעסענער משיח,
און אָנקומען גאָר אומגעריכט צו גאַסט
אויף זיין פאַרעלטערטער געלב־ווייסער שקאַפּע,
און אָנזאָגן זיין קומען פון דערווייטנס
מיט הייזעריקע תקיעות פון פאַרדאַרטן שופר, —
וועט אונדז זיין רוף שוין מער ניט רירן,
ניט פאַרפירן מער, מיט קראַנקע טרוימען.
און בטל ווערן וועט זיין שאַלן, דער פאַרשפּעטיקטער,
אין פייף פון יידישע פאַבריקן, שיפן, באַנען,

אין רויש פֿון נייע ווייסע שטעט און פּאַלמען־וועלדער
וואָס שפּיגלען זיך קאַפּויר אין מזרח־ים; —
אין בריל פֿון טשערעדעס, אין זינגען און אין טאַנצן
פֿון אויפֿגעלעבטע שולמיתלעך אין גערטנער;
אין פֿריילעכן הו־האַ פֿון שולן, אָנגעפּילטע
מיט ברוינע קינדער אין בונטע מזרח־קליידער. —
און דער שאָטן פֿון משיחס ווייסער שקאַפּע
וועט צום לעצטן מאָל צוגיין, אין בלאָער וויטקייט,
צוזאַמען מיט די לייכטע וואָלקנדלעך, וואָס וועלן שוועבן
איבער ידישע פּאַרזייטע זומער־פֿעלדער.

בערלין, 1917.

6. ידישע געזאַנגען

למה רגשו...

(למה רגשו גויים ולאומים יהגו ריק...

תהילים: ב׳ א׳.)

וואָס יאָגן פֿעלקער מיט געשריי,
וואָס ליאַרמען זיי, וואָס פּלוידערן זיי?
„אָוועק! ס׳איז אונדזער ערד און הימל,
ס׳איז אונדזער זאַנג און אונדזער בלימל!...״
און לאַנג די הענט און לאַנג די צינגער,
אַן אַלטע ליד מיט נייע זינגער.
זינגט, זינגט... מער פֿייער, מער געפֿיל!
מיר וויכן, לויפֿן אָן אַ ציל. —
די וועלט — איין אָפּגעברענטע הויז,
און ס׳הונגערןביידע: קאַץ און מויז;
און ס׳בלייבט גערעכט ביים לעצטן ביין
נאָר דער, ווער נעגל האָט און ציין.

מיר ווייסן אָבער: רויט און שטום
פֿליסט אונדזער זאַפֿט אין אייער בלום;
און אונדזער טרער מאַכט גלאַנצן רייך,
ווי גלאָז און גינגאָלד אייער טייך;
פֿון יעדן פּאַלאַץ־ווינקל לויערט
אַ קינד פֿון אונדז אין שטיין פֿאַרמויערט.
איר האָט אונדז לייב און זעל צעפֿרעסן
און גרויס געוואָרן און פֿאַרגעסן, —

ווי יעדער שכור נאָכן זויף,
ווי יעדער משרת וואָס קומט אויף.

אויף אהרונס ציץ און כהונה־קלייד
האָט איר אַ צלם אָנגעגנייט;
באַקרוינט דעם פּאָפּסט זיין פליכן־קאָפּ
און אָנגערוקט דעם פּעטן פּאָפּ.
אברהמס שטאַם־בוים אָפּגעשיילט,
זיין יחוס ברייטהאַרציק פֿאַרטיילט, —
פֿונעם נעגער ביזן צפֿון בער,
וואָס שנאַרכט און זויגט זיין לאַפּע שווער...
אין אייערע כאָרן, טיף און מיד,
קלינגט עד היום נאָך דודס ליד;
די כאָגע־מעסעס מורמלען אייך
פֿון ירדנס פֿאַליעס — הייליקער טייך,
פֿון דעם לבנונס לעצטע בוים
און פֿון כנרת גרינעם־שוים.
דעם משכנס זילבערנע טראָמייטן,
מיטן פֿרייען מדבר־שאַל און ברייטן
האָט איר פֿאַרשמאָלצן אין אַ גלאָק;
בים־באָם... האָרכט צו! ער קלינגט און שרעקט:
די וועלט איז זינדיק און פֿאַרפֿלעקט,
דער ייד ער איז דער זינדן־באָק!...
איר האָט מיט גראָבער פּורפּור־העמד,
באַדעקט דעם טרויער פֿון דער שכינה —
געצווונגען זי מאַכן פֿאַלש אַ מינע,
פּונקט מיר און זי — מיר זיינען פֿרעמד.
זי קוקט אונדז אָן, ווי מיר געפֿאַנגען,
באַטויבט פֿון קריסטלעכע געזאַנגען:
נאָר אין דער שטיל, אין מיטן נאַכט,
צערייסט זי איר מאַדאָנאַ־טראַכט
און וויינט אַ ביטערן געוויין,
אויף אונדז, איר פֿאָלק, אויף זיך אַליין.

איר האָט באַמיסטיקט יעדן לאַנד
מיט אונדזער מוח. יידן־שאַנד
האָט אייער ערע זאַט געשפּייזט.
וואו ב י י ע צ י י ט שטייט אויף און שפּרייזט, —
זיינ׳ אונזערע קדושים אירע בריקן,

אויף תהום און זומפּ, אין וויסטע ערטער:
זי שפּרייזט און טויבט מיט הויכע ווערטער
איר מאָרדן, ברענען און דערשטיקן.
קיין נייער נאָמען ברענגט אונז נייהייט
פֿאַרצייטן גאָט, אַצינדערט — פֿרייהייט.
דאָ הייסט עס: פֿאָטערלאַנד, דאָרט — זיג,
און דאָרטן — אַ פֿאַרשפּילטער קריג.

אַצינד האָט אייער ריטער־האָרד
אויף אונז געבראַכט אַ ברודער־מאָרד,
מיט גאולה־דרשות פֿון די טראָגנען.
איר האָט מיט אייערע בונטע פֿאָנען,
די קלאָרע אויגן אונז פֿאַרבונדן,
די וועלט אין קריג אַרומגעצונדן;
און ווי אין רוימער־צירק געהייסן
זיך וואַרפֿן ווילד אין קאַמף, אין הייסן,
איינער אויף צוויי און צוויי אויף איינעם,
געלעבט צעשפּרייט, געפֿאַלן אינ'איינעם:
פֿאַר דייטשלאַנדס גראָבן אַפּעטיט,
פֿאַר פֿלאָט און האַנדל פֿונעם בריט:
פֿאַר פֿראַנקרייכס ערע און רעוואַנש,
פֿאַר עסטרייכס פֿעלקערלעך־מעלאַנזש;
פֿאַר רוסלאַנדס שכרות, רוסלאַנדס זינד,
פֿאַר פּוילישן האָנער — רויך און ווינד:
פֿאַר אַלעמען און אומעטום,
נאָר ניט פֿאַר זיך... אָ, קוקט זיך אום!
זיי ליגן שטיל, זיי הוילערן שטום,
אין פֿעלקער־יאַטקע — גרויס און ברייט,
אויף יעדן גרענעץ, יעדער מיסט,
צעריסן, אָנגעהויפֿט, צעזייט:
די מיילער — וועלק, די אויגען וויסט
אָן הענט און פֿיס, אָן רוק און לענד,
געטויט פֿון בלינדע ברודער־הענט.
אַ סך אַברהמלעך, יוספֿס, רפֿאלס,
נחמיהס, שמעונס און ישראלס...
אַלץ „שונאים" פֿון צעקריגטע לענדער
אין בונטע, זעלנערשע געוואַנדער.
די גופֿים — שטאַר, די גייסטער לעבן,

זיי פֿלאַטערן אין לופֿט און שוועבן, —
באַפֿרייט פֿון קערפּערלעכע קייטן,
און בעטן מחילה מתביים צווייטן
און ברעכן אָפּגעוועלקטע הענט:
אָ, זייט אונז מוחל, אויב איר קענט,
פֿאַר אונזער שרעקלעכן פֿאַרברעכן!
מיר זיינען אָפּפֿער פֿון אַ ליג.
דער בלוטיקער מלחמה־געץ
וויל יהוה׳ס וואָרט און ליכט פֿאַרשוועכן. —
פֿון אַלטן, רוימישן געטער־גלאַנץ,
איז ער... נאָר מ אַ ר ס, געבליבן גאַנץ.
און נעמט פֿון אונז ביז איצטער ראַכע,
פֿאַר אַלע געצן קרומע, שוואַכע,
וואָס מירן וואָגלענדיק צעטראָטן
מיט יהוה׳ס קרעפֿטיקע געבאָטן...

דאָס לעבן ווערט אונז שווער און שווערער,
איר באַרגט און רויבט אַלץ מער און מערער,
און גרויזאַם, פֿינסטער וואַקסט די שולד,
איר באַרגט גאונות, פֿלייס, געדולד,
גאולה־טרוימען, לעבנס־גלוט;
מיר שרייבן רעכענונגען מיט בלוט.
די גאַנצע ערד איז באַלד פֿאַרשריבן,
און איידער אָנגעקלאָגט — פֿאַרטריבן...
באַנקראָט, באַנקראָט די גאַנצע ערד!
אום אויסצוקויפֿן אונזערע ליידן,
מוזט איר, איר פֿעלקערליעד, פֿאַרזעצן
קיסרים־קרוינען, פֿישער־נעצן,
דעם אַקער ווי דעם העלדן־שווערד.
נאָר, אום דעם משפּט אויסצומיידן,
דער י ו ש ר זאָל דאָס האַרץ ניט זויגן,
שעכט איר איר אויס, אָ, ריטער־פֿיינט!
די מאַנער פֿון אַמאָל און היינט,
מיט זייערע מאַטע מזרח־אויגן...
און שאָבט און שמירט און ווילט פֿאַרמעקן,
מיט פֿרישע בלוט, די אַלטע פֿלעקן.

קאָפּענהאַגען, 1919.

7. זאָג זיי . . .

1

אָ, זאָג זיי, זעער, וואָס מען טראַכט
ביי אונז אין פֿאָלק, ווי עס פֿאַראַכט,
אַ טרייער צי ניט־טרייער ייד,
דעם גאַנצן גויאישקן יריד;
ווי אַלע קוקן מיר אַראָפּ,
און שטאָלצער, העכער מיט אַ קאָפּ, —
פֿון אַלע וואָרהייטן און ליגן —
וואָס קוויטשן נאָך אין פֿעלקער־וויגן.
מיר האָבן אַלץ שוין דורכגעלעבט,
מיט נייע בלוט און פֿלייש פֿאַרוועבט
אין גרויסן וועב־שטול פֿון דער צייט.
צו קלוג צו איבערקייען שטרוי,
צו לערנען ליבע ביי דעם גוי
און ג׳נאָד — ביי זיינע פֿרומע לייט.

און זאָג זיי, אַז מיר טראָגן נאָך
אַ גלויבן אונטער אונזער פֿאָלע;
עס איז אונז טייער, זיס זיין יאָך,
ער דריקט אונז שטענדיק ווי אַ קללה:
עס קומט צוריק דער מדבר־גאָט,
דערן גאָט פֿון ראַכע: בלוט פֿאַר בלוט
און צאָן פֿאַר צאָן און גוט פֿאַר גוט!
עס רויכערט וואו ער טוט אַ טראָט,
זיין אָטעם בליצט אין שטורעם־ווינד.
ער צאָלט פֿאַר עלטער־זיידעם זינד,
און טרעט די שענסטע בלוט אין שטויב
וואָס בליט פֿון מענטשן־שוויס און רויב.
ער גייט... זיין הייסע שטימע שאַלט:
„זייט, קינדער, מענטשלעך! איך האָב פֿיינט
מלאכים אין אַ פֿלייש־געשטאַלט,
רק מאָרגן, מאָרגן... קיין מאָל — ה י י נ ט.
אין גלות האָבן קראַנקע יידן
מיך אויף אַ קריסטן־גאָט פֿאַרביטן
און רק געצויגט די לינקע באַק,
ווען מ׳האָט די רעכטע זייט געשלאָגן;

און מיך געלויבט מיט תהילים־זאָגן,
מיט העלזער אויסגעשטרעקט צום האָק;
געזען, דאָס אייביקע מענטשן־גליק,
פון הויכע תליות, אויפן שטריק.
אַ, אָרעמע העלדישקייט פון שוואַכע!
דאָס מוחל־זיין איז אייער ראַכע,
איר צאַפּלט, שטאַרבט אין קדושה־פיבער
און לאָזט מיין וועלט די טמאים איבער.

מיין וועלט איז אַלט, זי איז פאַרביי,
שמעלצט אַלע איבער אויף דאָס ניי
די קרוינען, וואָרהייטן און שאַצן!
אין גיהינום־טיגל זאָל עס פּלאַצן.
אַלץ וואָס פּוסט איז, אויפגעבלאָזן,
די אַלטע גבורה, אירע פּאָזן,
די אַלטע קדושה אויפן קרייץ,
דאָס פאָטערלאַנד — זיין פוילער רייץ.
עס ווערט פאַרברענט דער פאַלשער גלאַנץ,
דער קרן בלייבט דאָך אייביק גאַנץ...״

2

פון אַלע גדולות, זיג און צאָרן
איז אַש און רויך און שמוץ געוואָרן,
אַ נייע צוקונפט ווערט געבאָרן, —
עס גייט די אַלטע וועלט צו קינד;
עס איז איר ווי, עס איז איר ווינד,
פאַרגייט אין בלוט, פאַרגייט אין רויך;
עס שרייט ס׳מוזיניקל פון בויך...
דער בן־זקונים איז צו גרויס
פאַר אַזאַ אָפּגעלעבטן שויס,
פאַר אַזאַ קראַנקע מוטער־וועלט.
ער רייסט איר אָדערן און קוועלט,
די אַקושאָרן — שטורעמס, דראַנגען
העלפן ציען אים מיט צוואַנגען.
איר שרייען שלאָגט אין הימל לעכער,
דער בן־זקונים ברילט נאָך העכער.
איר האָרכט דעם וויטאָג, האָרכט דאָס שרייען?

קומט אַלע לאָמיר זיי באַפרייען!
דען אויב מיר וואַרטן נאָך אַצינד —
פאַרלירן מיר אי וועלט אי קינד.

3

... האַרכט פעלקער, ס׳גייט אויף אייך אַ בראָך!
אין צפון, אין אַ וויסטן לאָך
דאָרט לעבט אַ שמשון, ער איז בלינד.
די זיילן טאַפּט ער נאָך אַצינד, —
די פוילע זיילן פון דער וועלט:
מלחמה, הערשאַפט, גלויבן, געלט...
צי איר מאַכט חרוב, צי איר שאַפט —
איר שפּירט דאָך אומעטום זיין קראַפט
און שפּיצט די אויערן... קיינער ווייסט
וואו ר׳וועט זיך ווייזן, ווי ער הייסט.
ער טאַפּט, דער בער... זייט אַלע עדות!
שוין ציטערן די וועלט־יסודות.
איר גייט ניט ווילנדיק אַהין,
אַלץ נאָענטער צום יום־הדין.
אייך טרייבט אַ ווילן, און איר שפּירט —
די וועגן אַלע זענ׳ מיגירט;
קיין בוים שטייט פעסט, קיין שטיין איז האַרט,
ווי דעם וואָס לויפט און דעם וואָס וואַרט!
דער אָטעם פרעסט אַלץ מער און מער...
וואו ביסטו, שמשון? גיך, אַהער!
דיין פאַקל ברענט, די אויגן גליען;
צינד אונטער האַסטיק, מיט איין מאָל
דעם גאַנצן שיס־פּולווער, און זאָל
די וויסטע וועלט אין לופטן פליען.

בערלין, 1922.

8. דער מזרח שטייט אויף!

געפאַלן אַ שטיין אין אַ פאַרזשאַווערטער וואַגשאָל, —
דער מזרח שטייט אויף, דער מזרח דערהויבט זיך;
זיין גאָלדענע שאָל שטייגט פון אַפּגרונט אַרויס,
באַלאָדן מיט בונטע, געזונקענע שבטים; —
די אויגן ווי אָניקס, די הויט ווי ציטרין

און ווי קאַוועֿ... עס בליאַסקען די וועלפֿישע ציין.
פֿון די דרוזישע בערג ביז קירגיזישע סטעפּן,
פֿון ברודיקן ניל ביזן בלויען גאַנגעס,
פֿון נאַנקין ביז אַראַבישן מדבר, —
קרעכצט די וואָג און עס ציטערט איר צינגל...

דורכן ברום פֿון מאַשינעס, דורך טשאַד פֿון בענזין,
דורך שטיק־גאַז און בראַנפֿן־געדאַמף, —
דערגרייכט שוין אַ געגעצן, האַרכט מען אַ ניסן,
אַ רייבן די אויגן,
און באַרוועסע טריט אין אַ פֿרעמדן פֿרימאָרגן:
די פֿלייסיקע גייען... און די וועלכע ס׳זעטיקט
אַ הייפֿעלע רייז און אַ בעכערל מילך.
יאַפּאַנישע אויגעלעך פֿאָרשן שוין אויס,
מיט אַן ענטעלשן קוק, דעם פֿאַרפֿרעסענעם מערב.

די שנאה פֿון הינדוס, אין שוואַרצאַפּלען, גלאַנצט,
ווי גיפֿט־פּרות שוואַרצע, צווישן די פּאַלמען.
כינעזער, ווי מוראַשקעס, שטורעמען אַן
דעם באַגולדעטן ים־לייב פֿון אַלביאָן.
ער שנאָרכט און ער שוימט מיט די גומענע לאַפּעס
און שלאָגט און דערשלאָגט ניט... צו גרויס אַנז זיין וואָפּן,
צו דריבנע — דער שונא.
די פֿעסקע טוט אויסעט דער האַלב־ווילדער קורד
און זיין הערשער — דער טערק... זיי פֿאַרמישן זיך שלוי
אינעם באַל־מאַסקאַראַד פֿון קולטור און פֿון שלום;
ווי רויבער פֿאַרשטעלטע, וואָס האָבן געשוואוירן
פֿאַרכאַפּן אַן אָקרענט אין אָפֿענעם ים,
אַט ווי נאָר די לויכטורעמס וועלן פֿאַרשווינדן...

באַהאַלט זיך אין שפּאַלטן פֿאַרצערטלטע פֿעלקער,
פֿאַרבאָרגט זיך אין לעכער, איר קינדער פֿון מערב!
וואו מיסטישע שאָטנס און פֿלעדערמייז הויערן,
וואו ס׳קייקלען זיך קריסטלעכע געטער אין בלוט,
וואו ס׳שימערן ביינער פֿון „גלויבנגענאָסן״.
דו, אַלטע אייראָפּע, פֿאַרבאָרג דיין געזיכט,
דיינע בריסט, די פֿאַרוועלקטע, פֿאַרדעק!

די טריפֿהנע הנדלעך פֿאַרפֿירן מער קיינעם,
אַמאַליקע ליבהאָבער קרימען די נעז,
די קרומע און פֿלאַטשיקע — פֿון וועלכע דו האָסט
דורות־לאַנג אָפּגעלאַכט... און נאָר זיך אַליין
און דיין חוצפּה באַוואונדערט אין שפּיגלען פֿון זילבער,
אין בליאַסק פֿון קאַנאַנען...
מען גנבעט דיין וואָפֿן, מען קויפֿט דיינע סודות
פֿון פֿייער און מאָרד. דיינע צירונג און חן;
דיין פֿאַרב אויף די ליפּן — די לאָזט מען דיר איבער.
מען וועט סיי ווי סיי
שפּעטער אָפּנעמען אַלץ און דיך לאָזן אַליין
אַ נאַקעטע ליגן, פֿאַרשפּאָט און פֿאַרגעסן,
אויף דיין ברייטן און שווער־פֿאַרפֿומירטן געלעגער,
מיט דיין ליבע אויף באָרג, מיט דיין פֿרייהייט אין שטייג —
אַ פֿויגל מיט פּוסטע געגאָרגלטע ווערטער; —
מיט דיין פֿעדערן־רעכט, מיט דיין וואַטע געזעץ,
פֿון טויבן געפֿליקטע און שעפּסן געשוירענע,
וואָס דו האָסט געשטאָפּט אָן די זיידענע קישנס
און אויסגעבעט דיין הויכן געלעגער פֿון זנות; —
מיט דיינע דערפֿינדער — די שענהייט־דאָקטוירים,
וואָס גלעטן מיט אויל און מיט דאַמף דיינע קנייטשן
און זאָגן אַז אייביקע יוגנט דיר צו; —
מיט אַלע דיינע טענצער און זינגער און הינט
וואָס חנפֿענען דיך און וואָס לעקן דיין עלטער.

פֿונעם הייסן און זוניקן אָטעם, וואָס בלאָזט
פֿונעם ווייטן און נאָענטן מזרח,
צעפֿאַלן די פֿריצישע פֿאַלדן אין שטויב,
ווי שפּינוועבס צעקריכן די טייערע שפּיצן,
פֿאַרבלאַסן געפֿעלשטע עקזאָטישע פֿאַרבן
אויף דיינע געוועבן, אייראָפּע!
דיוואַנעס פֿון מזרח — זיי קריכן ניט אָפּ,
וואָס עלטער אַלץ איידעלער לויכט זייער פֿאַרב,
און זייערע קווייטן, אָן אינהאַלט,
זיינען פֿול מיט נירוואַנאַ,
ווי בליענדע בעכער — מיט דופֿט...
זיי לויפֿן צוזאַמען, אין שטילן געיעג,

צו איין פֿאַרביקן אַנהויב,
צו איין ליכטיקן תּוך:
און קיין תּוך איז ניטאָ, און קיין אָנהויב — ניטאָ...
אָ, דו מיט דיין זשעדנעקייט וועסט שוין קיין מאָל
זייער זוניקן סוד ניט אַנטפּלעקן,
די צילן פֿון זייער געלויף ניט דערגרייכן.

דו שמייכלסט?... געמאַכט איז דיין שמייכל,
עס בלאַנדזשעט דיין קוק!
אַ שרעק קריכט צו דיר אויף דיין וויכן געלעגער —
אַ צוקנדער שטראַל, ווי אַ גאָלד־געלבע שלאַנג...
אַ קלונג פֿון מאַנעסטן אויף זוניקע העלזער
און באַרוועסע פֿיס אין אַ ווייטן פֿרימאָרגן —
דער מזרח שטייט אויף!

פּאַריז, 1928.

9. אַללאַס קללה

און צו די רוצחים האָט גערופֿן אַללאַ,
אַזוי צו זאָגן:
— קין, וואו איז הבל, דיין ברודער?
— כ'וויס ניט! כ'בין ניט מיין ברודערס שומר.
— און די וואַנט, אָט די, די אַלטע עדות וואַנט,
צווישן יצחק און ישמעלן?
און אָט די גמרות פֿון ישיבה־בחורים
אין זיידן־אַברהם'ס בית־המדרש?...
בלוט זע איך אויף זיי!
— אויסער אַללאַ איז קיין גאָט ניטאָ
און מחמד — דער נביא זיינער!
— שוויג, דו לעסטערער!
באַריר ניט מער דעם שטויב פֿון מיינע פֿיס
אין אַמאַרס הייליקטום, שווערפֿיסיקער פֿעלאַך!
און דו, פּרא־אָדם — בעדואין, פֿאַרדעק זיך ניט
מיט דיין נאַכט־אַבאַיע פֿון שוואַרצע ציגן־האָר!
איך זע איך דורך און דורך, ישמעאלס זין.
פֿאַרבלוטיקט שטעקט דיין טעמפּער מעסער
אין דיין גאַרטל, ערדיקער פֿעלאַך!

אַ, ניט פֿון האַרבצן ווייַנטרויבן איז ער רויט
און ניט פֿון שפּאַלטן צייַטיקע טאָמאַטן...
און דייַן געטשוועקעוועטער פּלאָקן, בעדואין —
פֿאַרוואָס ליגט ער באַהאַלטן אונטערן רייַט קישן,
אויף דייַן קעמלס האָרב?
וואו האָסטו אים פֿאַראומרייַניקט אַזוי,
אַברהם׳ס אייניקל?
געלערנט האָט איר בײַדע פֿונעם גרויסן זיידן
מכניסי־אורחים זייַן,
מיט קאָווע פֿרייַנדלעך אויפֿנעמען אַ וואָגלער,
מיט אָנגעשפּיזטע שעפּסן־פֿלייש.
און פֿון מדבר־שטן האָט איר אויך עפּעס געלערנט:
שפּעטער אָנצויאָגן דעם זעלבן „ליבן" גאַסט,
באַרויבן אים, —
ווען ער איז, באַגלייט מיט ברכות,
פֿון אייער גאַסטפֿרייַנדלעכן שוועל אַוועק.
אָבער זאָגט, פֿון וועלכן שטן האָט איר דאָס געלערנט,
אַ ברודער שחטן ווען ער רוט
ביי אייך אין לעכערדיקן בערג־געצעלט,
און זייַנע קינדער הרגענען אין מוטערס שויס?

איז הערט מייַן האַרבן וואָרט, איר ווילדע זין:
דערפֿאַר וואָס איר האָט אַזוי גראָב פֿאַרטויבט
דעם קלינגענדיקן גרוס, וואָס איז צו אייך געבראַכט געוואָרן
פֿון יצחק אייער ברודער:
דער גרוס פֿון אַקעראייזנס און פֿון וואַסער־רערן,
די רירעוודיקייט ביי דער אַרבעט,
די שפּאַנונג פֿון געדאַנק און אויפֿבוי,
די פֿריילעכע געלוסטן פֿון אַ נייעם לעבן:
זיך ניט באַנוגענען מיט אייַן אייַנגעדאַרטער טייטל,
מיט אייַן גערשטן מצהלע אויסגעבאַקט אויף קוילן;
דערפֿאַר וואָס איר האָט אָט די נייע שפּע
ווי וואַלד־חזירים ווילד צעפּרעסן
און מיט די קלאָען מערדערלעך צעטראָטן,
דערפֿאַר זאָלן די רויטע פֿלעקן אייביק ברענען,
ווי קיַנ׳ס צייכן, אויף זייַן קאָפּ־טוך, בעדואין!
אין זאַמד פֿון מדבר אויף דייַן קעמלס הויקער

זאָלסטו אייביק נע ונד זיין!
קיין־מאָל מער ניט צואוואַקסן צו שוואַרצע ערד,
ניט ציען, ווי פֿון מוטערס ברוסט,
אירע שמעקנדיקע זאַפֿטן נאָך אַ רעגן.
נאָר קלייבן ברעקלעך זאָלסטו אייביק,
אַ מדבר־בעטלער פֿון געבורט, —
אַרום פֿעלדער יידישע,
מיט גאָלד און ברויט באַגאָסן.
און דו, פֿעלאַך, אַ שבת־גוי זאָלסטו פֿאַרבלייבן
אַ דינער פֿון דיין ברודערס גייסט;
פֿון דיין האַנט־מילכל זאָלסטו זיך אָפּרייסן ניט קענען
אַפֿילו ווען דיין ברודערס גרויסע דאַמף־מילן
וועלן אויפֿשטורמען מיט זאַטקייט אַרום דיר.
און מיט דיין אויל־לעמפל, פֿון גרויע, ווילדע צייטן,
זאָלסטו אַרומפּאַדיען פֿאַרבלענדט,
פּינטלענדיק מיט קראַנקע חיה־אויגן,
אין די ווייסע ריזן־ליכטער
וואָס די ירדן־וואַסערפֿאַלן וועלן שיקן
פֿאַר גאַנץ ארץ ישראל.

10. אַ קאַרעהאָד

אַ קאַרעהאָד, אַ קאַרעהאָד
אַרום די געקוילעטע יידעלעך!
שיקסעלעך מיט פֿאַרטוכלעך,
שקצימלעך מיט פֿידעלעך.

אַ קאַרעהאָד, אַ קאַרעהאָד
אַרום געשענדעטע ווייבעלעך!
פֿרומאַקעלעך מיט צלמלעך,
מאַנאַשקעלעך מיט הייבעלעך.

אַ קאַרעהאָד, אַ, פֿעלקערלעך,
געננוג אייך שמידן שווערדעלעך!
אַרום דער ברענענדיקער שול
טאַנצט שלום מיט די מערדערלעך.

11. לעבן קלויסטער . . .

לעבן קלויסטער שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן:
הענגט אויף אים דער רב פֿון שטעטל
מיט אויסגעפּיקטע אויגן.

אָ, גאָט, גאָט, גויאישער גאָט,
צי שלאָפסטו אין די הימלען?
דיין זון איז טויט, דיין צלם פֿוילט
און דיינע וואָלקנס שימלען.

קום, נעם דעם ייד אַראָפּ פֿון בוים
און קרוין אים פֿאַר אַ פֿירער!
און זאָל די ניי־געטויפֿטע וועלט
זיך בוקן דעם מאַרטירער...

פּאַריז, 1940.

12. אַ נייער דין־תּורה פֿון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

א.

בשעת דעם לעצטן תּענית־ציבור,
ווען מען האָט אָנגעצונדן די נשמה־ליכט
פֿאַר די קדושים פֿון פּוילן און רייסין,
אין קלויז פֿון די חבדער חסידים —
האָב איך אַרויסגעבראַכט, מיט רוח־הקודש,
ר׳ לוי־יצחק בן שרה,
פֿון דער באַרדיטשעווער הייליקער קהלה,
וועלכע איז שוין אויך חרוב אַצינד.
און כ׳האָב געזאָגט צו אים: רעד,
האָב קיין מורא ניט!
דורך רוח־הקודש האָסטו אויפֿגעלעבט,
דער זעלבער גייסט וועט באַשיצן דיך.
ענדיק אונדזער דין־תּורה, ר׳ לייוויק,
מיטן רבונו־של־עולם!

ב.

האָט ער זיך צעשעפּטשעט דער אַלטיטשקער:
„איך קען מער ניט רעדן, מיין זון,
געשטאָרבן בין איך פֿאַר דער וועלט,
איך לעב נאָר אויף יענער וועלט!...״
— זאָג ניט, ר׳ לייוויק: „געשטאָרבן״, —
דו לעבסט נאָך ביז איצטער מיט אונז;
און דיין דין־תורה מיט דעם אויבערשטן
ראש־השנה אין יאָר תק״ן
לעבט נאָך אין אַלעמענס האַרצן,
קלינגט נאָך אין אונזערע אויערן,
מיט זיין שטאָלצן און ליבלעכן ניגון.
נאָר דו, דער שליח־ציבור,
דער פּאָעט פֿון אַ חסידישן דור
און מחותן פֿון בעל־„התניא״
האָסט זיך דערשראָקן און אויפֿגעהערט טענהן,
אין מיטן דעם גרויסן דין־תורה,
און מיט אַ „יתגדל״ פֿאַרענדיקט.
אָבער היינט, אין אַזאַ טאָג פֿון צער,
פֿון חרפּה און ניט־געוועזענעליידן,
ביים שיין פֿון די הויכע נשמה־ליכט,
צום אָנדענק פֿון מיליאָנען מאַרטירער,
נאָך אַ דריטן חורבן, פֿון וועלכן
טיטוס האָט קיין מאָל ניט געחלומט,
נאָך בלוט־בעדער, שטיק־גאַז און פֿייער,
נאָך לעבעדיק באַגראָבענע מוטערס
מיט קינדער צוזאַמען... אַצינד
זאָלסטו באַנייען דיין טענה, ר׳ לייוויק!
דיין דין־תורה מיט גאָט, וואָס דו האָסט ניט
פֿאַרענדיקט אַמאָל, ראש־השנה,
צוריק מיט דריי האַלבע יאָרהונדערטער.
ווייל צו קליין ביסטו אין דיינע אויגן געווען,
און צו גרויס און אומענדלעך — דיין ליבשאַפֿט
צום גאָט פֿון ישראל... אָ—מן!

ג.

האָט לוי־יצחק בן שרה אַראָפּגעריסן
די געלע תּכריכים פֿון פּנים,

די שוואַרצע ליפּן צעשאָקלט;
און זיין קול, ווי פֿון קבר אַרויס,
צעשפּילט זיך און שטייגט אַלץ, ביז וואַנענט
עס ווערט פֿון אים אַ געבעט
מיט אַ יום־כיפּורדיקן נעילה־געזאַנג:
— הנני העני...
כ'האָב זיך אומגעקערט, רבונו־של־עולם, צו דיר,
איך אַרעמינקער מענטש פֿון געבורט.
אַ נייער דין־תּורה וויל איך,
אַ דין־תּורה וואָס איז ניט פֿאַרענדיקט
ביים לעבן — מחמת יראַת־הכּבוד.
און נאָך מיר האָט זיך קיינער ניט דערוועגט מער.
צו אויפֿהויבן אַ קול קעגן דיר
און אַרויסרופֿן דיך אויף אַ משפּט.
איין מאָל שטאַרבט דיין מענטש, ניט צוויי מאָל!
אַצינד איז די מורא אַוועק,
כ'וועל דיין גרויסן נאָמען ניט שאַנעווען,
דיין פּאַרמעטענע, גאָלד־שווערע תּורה
זאָל ליגן אויפֿן טיש אַ צעקייקלטע;
זאָלן חסידים זיך זעצן אַרום
און דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל זיין עדות.

ד.

תּרי"ג מצוות האָסטו אונז געגעבן,
מיט זיבן פּירושים אויף יעדער...
מיר האָבן זיי אַלע ביז איינע
געלערנט, מקיים געווען
אין דיין פֿעלד־גרינעם פּרוזדור,
אונטער דאָס בלוי פֿון דיין הימל
אויף דער וועלט,
אַלע מאָל דאָ, אויף דער ערד.
אָבער דו, אַלמעכטיקער,
האָסט נאָר צוגעזאָגט, אַלע מאָל צוגעזאָגט
און דערווייטערט דיין שכר,
ביז אַ טרקלין, וואָס שוועבט אין דער לופֿטן
צווישן גאָלדענע וואָלקנס,
ביז צו יענער וועלט צוגעזאָגט;

אַלע מאָל, אַלע מאָל — יענע וועלט,
משיחס צייטן...
און אויך יענע וועלט, די צוגעזאָגטע
האָט נאָר איין איינגאַנג —
אַן אָפּענעם קבר.
דורך היילן קומט מען צו איר,
מיט אַ קלימפּער פון טרוקענע ביינער,
מיט מאַרטירער־געשריי אויפֿן שייטער־הויפֿן:
שמע־ישראל!
גענוג וועלן אונז זיין, דערבאַרעמיקער!
די עולמות, וואָס מירן געקויפט שוין,
מיט מקדש־השם זיין,
זינט דעם חורבן בית־המקדש
ביז די גזירות פון יאָר תש״ג...
אונזער עולם־הזה ווילן מיר! —
אַ שטיק בליענדיקע, ליכטיקע וועלט,
אַ באָדן אונטער די פיס,
אין קאָרב — בכּבודיקן ברויט;
און וויין צו דערפרייען
אונזערע ביטערע הערצער,
אויסגעקילט אין באַרג־קעלטער
און דערלאַנגט צום וועלט־טיש
מיט אַלע פעלקער צוגלייך.
זיי ניט בעסער צו אונז ווי צו זיי,
זיי ניט בעסער, דערבאַרעמיקער!

ה.

באַגלויבט ביזטו ביי אונז געווען
מיט יציאת־מצרים,
מיט בויען צוויי מאָל דעם בית־מקדש,
מיר האָבן דיין חתימה פאַרגעטערט
אין דיין פינפבאַנדיקער תורה,
און טויזנטער יאָרן אַרומגעשלעפט
אין טאָרבע; געגלויבט אַלץ, געגלויבט,
אַז דו און דיין וועלט וועט באַצאָלן
פאַר אונזערעליידן.
צען מאָל דיינע קוויטלעך פאַרלענגערט,

קיין משכּון גענומען.
אין נייע י ר י ע ו ת פֿאַרשריבן:
אין גמרא און פּוסקים
און אין יד־החזקה
פֿון ר׳ משה בן־מימון —
פֿאַרלענגערט, געדולדיק געוואַרט.
מען האָט אונז געשלאָגן פֿאַר זיי,
ווען מ׳האָט זיי געפֿונען;
געשפּייט אין געזיכט...
אַצינד... מיר קענען ניט מער,
מיר ווילן ניט וואַרטן.
באַצאָל דיינע קינדער
און גלייך אויף אַן אָרט!
אָדער מודה זיי זיך בפּהרסיא,
פֿאַרן גאַנצן הייליקן קהל,
אַז דו ביזט אָרעם געוואָרן, כּביכול,
פֿון דיינע גרויסע גיטער אָראָפּ.
אָנגעזעצט דער זינדיקער וועלט,
דיין אָרעמען פֿאָלק ישראל,
און זיך אין אַ וואָלקן באַהאַלטן.
מודה זיי זיך היינטיקן אָוונט,
ביים שיין פֿון די וויינענדיקע נשמה־ליכט!
מיטן אמת אַרויס!... און מיר
וועלן דיינע חובות באַצאָלן.
איך רבי לוי־יצחק בן שרה
פֿון דער הייליקער באַרדיטשעווער קהילה,
וועט סילוקן די ע ר ש ט ע צאָלונג.
די עטרה פֿון מיין אַלטן טלית:
אָפּגעבליאַקעוועטע גאָלדענע האָפֿטונג
און זילבער־בראָקאַט
וועל איך רייסן פֿון אים און באַצאָלן.
און דער גאַנצער הייליקער קהל,
וואָס שטייט הינטער מיר און ציטערט, —
וועט טאָן דאָס זעלבע וואָס איך;
אַלע ווי איינער,
איינערן ווי אַלע.
און אויב ווייניק וועט זיין — וועלן מיר צוגעבן

צוויי מאָל און דריי מאָל אַזוי פיל:
קידושין־פינגערלעך פון באָבעס,
אַנטיקע הבדלה־בעכער,
קרוינען פון ספרי־תורות,
דעם דם־התמצית פון האַרצן...
ווייל ליב האָבן מיר דיך נאָך איצטער,
ווי געשריבן שטייט: „ובכל מאודיך".
און נאָר ס'זאָל, חלילה, ניט פאַלן
אַ שאָטן פון קווענקל
אויף דיין ליכטיקן נאָמען,
אויף דיין חתימה פון אייביקן פייער
אין דיין פינפאָכער תורה.

ז.

און באַלד נאָך דעם היינטיקן תענית,
נאָכן מחדש זיין די לבנה, —
וועל איך אויסשרייען: „ייִדן, רחמנים!
העלפט מיר אַלע מציל־צו־זיין
דעם כבוד פון אונזער דערבאַרעמיקן,
וואָס באַהאַלט זיך אין וואָלקנס און וויינט.
מיט מיין צעפליקטן טלית וועל איך אָפווישן
די העלישע טרערן
פון דיינע אויגן, כביכול,
כ'וועל דיך אַריינגעמען אין אָרון־קודש,
דעם אויפגעבראָכענעם מיטן האַק פון מערדער;
אויף מיין צעפאָרענעם אַקסל — דיך אַנלאָדן,
און ס'גאַנצע פאָלק וועט מיר נאָכגיין.
אין דערוויילקן היים וועל איך דיך ברענגען
אין אַ הקדש אין עק־הימל...
דאָרטן וואו עס וואַלגערן זיך, ווי ברוכוואַרג,
אַלע משיחס־צייטן,
אַלע קרומע און לאָמע משיחים,
וואָס זיינען אויפגעשטאַנען און אומגעקומען,
פון בר־כוכבאס צייטן ביז אַצינד.
ויהי בנסוע האָרון —
אַז דער אָרון וועט אַזוי ציען,
מיט דיין אָפגעפאָרענעם כבוד אין אים, —

ווען דיין קנעכט ר׳ לייוויק באַרדיטשעווער
שלעפּנדיק און קרעכצנדיק אויסרופן:
„רו, גאָטעניו! און זאָלן צערינען
אַלע דיינע הבטחות אויף שפּעטער,
אויף משיחס צייטן;
דיינע חובות זאָל צעטראָגן דער ווינט.
מירן מער ניט וואַרטן אויף אים,
אויף דיין אויסלייזער!
מיר וועלן דאָס ווערן אַליין;
אַליין דער שופר, אַליין די תּקיעה גדולה
און אַליין די גאולה.
מיר וועלן ווי קנעכט זיך פאַרדינגען
ביי אַלע פעלקער פון דער ערד,
וואָס זיצן רואיק און באַטראַכטן
דאָס אייביקע שפּיל
פון יידישן גאָט און זיין פאָלק,
אַצינד — דאָס לעצטע שפּיל...
און דינען וועלן מיר, געפּייניקט ווערן,
טאָג און נאַכט ניט רוען,
ביז דער אַקראַייזן וועט טעמפּ ווערן
און דער האַמער — זיך איינקלעפּן
אין דלאָניע פון יידישן שמיד.
ביז אויסגעלייזט וועט ווערן דאָס לאַנד,
וואָס דו האָסט אין צאָרן פאַרוואָרפן,
ביז אויסגעבויט וועט ווערן אויף ס׳ניי
דיין דריטער בית־המקדש —
אַ הייליקייט פאַר אַלע פעלקער,
וואָס קענען דיך ניט אַצינד.
אַהין וועלן מיר דיך אַראָפּברענגען,
פון עק וועלט, פון גרויסן הקדש, —
און קרוינען דיך ווידער ביי אונז
מיט לוויים־געזאַנג,
מיט שאַל פון זילבער־טראָמפּייטן;
און קיניגן זאָלסטו ווידער,
ווי אין די חשמונאים־צייטן.
פאַרגעסן וועלן די קינדער,
אָ, גאָט, דיין באַליידיקטן כבוד!

זיי וועלן זיך אומקערן צו דיר
און דיך דינען מיט מורא,
מיט מורא און ליבשאַפט, ווי איך
לוי־יצחק־בן־שרה דיין קנעכט,
וואָס בויגט זיך פאַר דיר דאָ
אין לויב און געוויין:
יתגדל ויתקדש
שמיה רבא!

13. זיין וואָרט.

— פּאָעט, זאָג דיין וואָרט!
איצטער שווייגסטו נאָך אַלץ?
— אַלע סטרונעס געפּלאַצט.
— ניט באַזונגען דעם העלד?
ניט דעם קדוש באַקלאָגט?
— שטויב איז דאָס, וואָס איר שאַצט!

כ'זע איר קעמפּט נאָך מיט „שמע״
און מיט אָנבאָטן די
ניט־געשלאָגענע באַק...
ניין, דער טייוול פון היינט
האָט פאַר קדושה קיין אָנגסט, —
פאַר דער האַק, פאַר דער האַק!

און וואַקסט דעם שד אויס
נאָך אַ שנוק פון אַ וואונד, —
אויך ד ע ם האַקט אַוועק!
אַז בלייבן זאָל ער
אָן אַ שטאַם, אָן אַ שפּראַך,
ווי אַ שטיין אין אַ העק.

און ניט אָפּשרעקן זיך,
ווען ער נעמט פּלוצלינג אָן
אַ געשטאַלט פון אַ לאַם,
פון אַ פרומען מאַנאַך,
פון אַ מעקלער אין פּראַק...
ס'איז דער זעלביקער ס'ם!

און פֿאַראַכטן זאָלט איר
אַלע פֿלאָפֿלער ביי אייך,
וועלכע ריידן מיט גאָט;
און באַגלייטן, צום גראַם,
יעדן קדוש, געשלעפּט
צום מאַרטירער שאַפֿאָט.

וועלכע וויקלען זיך איין,
ווי אין פּורפּל, אין צער
און זיפֿצן מיט טראָפּ;
און שטאָלצירן מיט קרוין
פֿון באַדרוקטן פּאַפּיר,
אויפֿן קרעמערשן קאָפּ.

וועלכע שטעלן, אין שויב
פֿון רעקלאַמע, אַרויס
אַ פֿאַרסמאַליעט געביין,
אַ געשאָכטענעם פֿריינד...
און וויינען אין סטייק
מיט טרערן פֿון כריין.

זיי ווייסן אַז בלוט
איז אַ זעלטענער שטאָף, —
העלפֿט אין גייסטיקער נויט;
אַפֿילו מען מישט
דאָס מיט וואַסער צען מאָס —
שרייבט עס אַלע מאָל רויט.

דעצעמבער, 1944.

ח. מלחמה־לידער

1. דייטשלאַנד זינגט

שלאָגט אין די פּויקן
פֿון מענטשישער הויט!
די מלחמה גייט,
דער הימל איז רויט.
גרייט אָן וואָס מער
געלערנטע קעפּ, —
צו שפּאַלטן ווי קירבעס,
צו ברעכן ווי טעפּ.
און אַרבעטער־פֿינגער
פֿון דאַנציק ביז ברענער, —
צו שניידן ווי קראַפּיווע,
צו האַקן ווי שפּענער.

די מלחמה גייט!
דער הימל איז רויט.

קלינגט אין די גלאָקן,
וואָס שטומען שוין לאַנג
איבער קלויסטערס אָן גאָט,
איבער זייגערס אָן גאַנג!
און זאָגט אָן דער וועלט
מיט קופּערנעם ברום:
וואָס פֿול וועט זיין פּוסט,
וואָס גלייך — וועט זיין קרום.
צעטראָטענע מוטערס,
פֿאַרהונגערטע קינדער,
געפֿאַלענע פֿערד
און משוגענע שינדער...

די מלחמה גייט,
דער הימל איז רויט.

פֿאַראויס אַלע שטאַמען,
מיט קרוין און רוט, —
רייט אויף אַ חזיר,
די פּאַלעס אין בלוט, —
דער פֿאַטערלאַנד־אָפּגאָט,
דער העלד פֿון טאָג;
אַ הורא באַגלייט אים,
אַ כריוקען, אַ קלאָג.
טאָ מאַכט אים אַ וואַרע
מיט קנעכטישן בוקן,
מיט הינטישע ווידלען,
מיט חיהשע שנוקן.

די מלחמה גייט!
דער הימל איז רויט.

פּאַריז, ענדע 1933.

2. פֿון דער סטרעכע טריפֿט . . .

פֿון דער סטרעכע טריפֿט אַ טריף:
טיף־טיף, טיף־טיף!
ווער ביזטו, ווער?
— איך בין אַ טרער, אַ מאַמעס טרער;
איר איינציק קינד אין קריג דערשאָסן,
פֿאַר גאָרער וועלט זיין בלוט פֿאַרגאָסן.
ווייִנט זי אַלץ... איר וויטאָק גליט.
ווייִן איך מיט.
איך נאָג דער האַרטער ערד די ברוסט:
טריף־טריף!
נאָר זי איז פּוסט.
טריף־טריף, טריף־טריף!
קיין האַרץ ניטאָ דאָרט, אין איר טיף.

אַ גרויע האָר פֿליט אין דער לופֿט,
זי גלאַנצט, זי רופֿט.
ווער ביזטו, ווער?
— איך פֿלי פֿון אַ פּאָגראָם אַהער.

אַז ערל האָט מיך אויסגעפּליקט
פֿון באָרדביים זיידן... מיך געשיקט
פֿון דער אוקראַינע האָט אַ ווינט:
„פּלי־פּלי, דערציי̈ל די גרויסע זינד! —
עס רעוועט קיִן נאָך פּאָר וואוט,
און הבל צאַפּלט זיך אין בלוט.
זיצט פֿעסט דער מערדער אויפֿן לאַנד,
און אויסגעקריצט דער צייכן „שאַנד"
איז אויף זיין קרבן — ברוין און געל..."
פּלי־פּלי, דערציי̈ל! —

פּאַריז, 1927.

3. דאָס ליד פֿון ראַבֿע

וואַרשעווער געטאָ געווידמעט

מיר האָבן פֿאַרשפּילט מיליאָנען,
שיטער געוואָרן דאָס פֿאָלק; —
נאָר ניט די גרויסע מלחמה
און ניט די נקמה פֿאַרשפּילט.
עס וועלן נאָך בלייבן מאַרטירער
אין קעלערן און אין די וועלדער;
זיי וועלן אַרויסגיין די ערשטע
און, זינגענדיק, שלעפּן צו תּליות
די מערדער מיט חיהשע נעגל, —
אינעם ראָק פֿון זעלנער מאַסקירט,
צי אין פֿראַק פֿון שלום־זוכער...
מיר וועלן צו תּליות זיי שלעפּן
אַן מיטלייד; און זייערע קולות
וועלן זיין ווי מוזיק אונזער אויער —
פֿון „מאַמע"־געוואַלדן באַטויבט;
און זייערע טרערן — ווי טוי
פֿאַר אונזער פֿאַרטריקנטן לעבן.

קיין איינער זאָל בלייבן פֿון יענע,
וואָס האָבן מיט בלוט זיך דערנערט;
צי מיט מילך, וואָס זיי האָבן געירשנט

פֿון אונזערע געשחטענע קינדער.
און יאָרן־לאַנג זאָלן זיי ברעכן
אַלץ וואָס זיי האָבן פֿאַרשלונגען.
אַ ליידיקער זאַק זאָל נאָר בלייבן,
אַ קנייטשיקע הויט פֿון אַ פֿאָלק
וואָס האָט זיין נשמה פֿאַרשפּילט —
ירושה פֿון בעטהאָווען, געטע,
פֿון העלמהאָלץ און פֿון קאַנט;
פֿאַרגאַנגנהייט און צוקונפֿט פֿאַרשפּילט
פֿאַרן רויב און פֿאַר פּוסטער ממשלה.
אַ ליידיקער זאַק זאָל נאָר בלייבן
מיט לעכער פֿון וואַנעט עס פֿאַלן
אין תהום אַלע מענטשלעכע ווערטן.

קיין שטיינקויל, קיין נאַפֿט און קיין אייזן
זאָל מער דער מערדער ניט האָבן!
קיין האַמער — קייטן צו שמידן
פֿאַר ניט־באַוואָפֿנטע פֿעלקער;
קיין ניי־מאַשינען צו שטעפּן
זעלנערשע רעק פֿאַר ממזרים,
וואָס זיינען צו רויבער דערצויגן;
קיין וואַרשטאַט פֿאַר קנעפּ און קאָקאַרדעס
און אַנדערע שמאָכטעס... וואָס זיינען
באַשטימט צו גלאָריפֿיצירן
שענדונג און מאָרד פֿון מיליאָנען.

ניו־יאָרק, 1943.

4. פֿליענדיקע פֿעסטונגען

נאָך אַ שווערן טאָג פֿון זאָרג און אַרבעט,
ווען ס׳באַפֿאַלט דער ערשטער דרימל, —
וועקט מיך אויף, פֿון אויבן,
אַ ברומיק זשומזשען,
ווי פֿון גיפֿט־בינען גיגאַנטן.
זייערע זילבערדיקע פֿליגלען
שניידן, אָן באַוועגונג, ווי ביי אָדלער,
די האַרבסטיקע הימל־לופֿט.

זיי פֿליען איינציקווייז,
זיי טראָגן זיך אין סטאַיעס
איבער די וואָלקנקראַצער,
איבערן דאַך־שפּיץ פֿון מיין הויז;
באַלד שלעפּן זיי אים, דאַכט זיך, מיט
אין שטאָל־און־אייזן־זאַווערוכע;
באַלד רייסן זיי דעם קוימען אָפּ.
זיי וואָיען אין אים דראָענדיק;
עס ציטערן די ווענט, און פֿענצטער
גלאָצן נאָך מיט שרעק...
אָ, איר רויב־פֿייגל געהאַמערטע!
פֿון אייזערנע נעסטן קומט איר אָן,
נאָכן שונאס לענדער ציט איר,
שטאָלענע אייער טראָגט איר, —
טויט־שטראָף פֿאַר פֿאַרברעכער, —
דערלייזונג פֿאַר פֿאַרשקלאַפּטע.
ברומט, ניט שווייגן זאָלט איר, —
באַפֿליגלטע, שטרענגע ריכטער!
בלאַנק אַנטבלויזט, ווי שווערדן,
שפּאַלט די הימל־בלויקייט,
וועקט אַלעמען פֿון שלאָף, צעשטערט
די רו פֿון מיליאָנען!
ס'טאָר קיינער איצט ניט שלאָפֿן —
ערב דעם גרויסן משפּט.
ווי פֿיילן פֿון איין ריזן־בויגן
שיסט דעם ים אַריבער, —
פֿיילן פֿון אונזער צאָרן.
פֿאַרוויסטונג ברענגט און בראַנדען
אין לאַנד פֿון פֿעלקער־פֿרעסער!
ברעכט־איין די שטאָלענע שאָלעכצן
פֿון געפּאַנצערטן, ווילדן שרץ,
אַנטבלויזט זיין טרפֿהנעם לייב
זיינע גיפֿט־ציינער רייסט אויף!
קיין איי און קינד זאָל בלייבן
אין זיינע פֿינצטערע נעסטן, —
אין די רויבער־היילן — אויסגעבויט
פֿון אונזערע מאַרטירער.

און איר, אונזערע יידישע יינגען,
אין אַנקל סעמס מלחמה־ראַק, —
לאָזט איבער אייערע הערצער
ביי עלטערן, ביי געליבטע!
רייט גיך אויף שטאָלענע אָדלער
צעפּלאַטערט אַמעריקעס פאָנען
איבער פאַרשמאַכטע לענדער!
זאָלן זיך, מיט האָפענונג, אָנצינדן
די אַכט־און־פערציק שטערן
אין אייראָפּעס רויכיקע הימלען.
און פריילעך ווי מאָרגן־וואָלקנס —
די רויטע און ווייסע פאַסן...
וואַרפט איין די געטאָ־מויערן,
פון פייניקער אויפגעשטעלטע! —
דאָרט גוססן, איינגעשלאָסן,
צו פעסט און הונגער פאַרמשפּט, —
די שענסטע זין ישראלס;
מינטערט די לעצט־געבליבענע
פאַרחלשטע יידישע טעכטער.
זאָגט זיי, אַז ביטער ווי גאַל איז
דאָס ווייס־ברויט וואָס מיר עסן,
אָן זיי, ביי גרייטע טישן.
אַז דער פייערדיקער קאַליפאָרניע־וויין
האָט אַ געזאַלצענעם טעם
פון זייערע בלוטיקע טרערן.
אַז זייער פּיין און עלנט
שטעכט אונדז, ווי נאָדלען, אין סאַמעט
פון אונזערע פרויענס אָרעמס,
פון אונזערע קינדערס ליפּן.

5. צו די לויתנס

איך ווייס: מיר האָבן נאָר געדינט
אַלס וועראַמער, אויף מערדערישע וואודעס,
צו פאַרנאַרן אייך, לויתנס!
תולעת־יעקב, אויפן האַקן־קרייץ,

איז, אין אַנהויב קריג, געווען נאָר אַ ביסן
פֿאַרן אייך, געפּרעסיקע אַקולעס!
„מען מיינט דעם ייד, ניט אונז חלילה...״
אַזוי האָט איר געגלויבט אין אייערע ימים
און באַפּעסטיקטע באַסיינען.
די שטיקער פֿלייש פֿון אונזערע מאַרטירטע לייבער
האָט איר געכאַפּט, געשלונגען שפּילעוודיק,
און ניט געזען, זעען ניט געוואָלט,
אַז נאָך יעדן ביסן ציט זיך נאָך אַ נעץ,
אַ שטריק וואָס שפּאַנט זיך אַן אַלץ מער און מערער.

און מיט אַמאָל... וואָס איז?
מען שלעפּט אייך אויך אַרויס אויף דער יבשה?
האַ־האַ, מען שלעפּט טאַקע... און ווי!
שוין צאַפּלען זיך אין זאַמד די מוראדיקע עקן,
פֿון די ציינערדיקע פּיסקעס רינט דאָס בלוט;
און האַקן־קרייצן ווערן אויסגעריסן
פֿון אייער האַלדז, מיט שטיקער רויב,
וואָס איר האָט אַזוי לייכטזיניק פֿאַרשלונגען.

אָ, וויי צו אייך, לויתנס!
און וויי צו אייער פֿרייהייט אויף די ימים!
עס ברילן די סירענעס: „הילף!״
עס קראַכן באָמבאַרדירטע שטעט;
עס בלוטיקן מיליאָנען יונגען
און שלעפּן זיך צוריק אויף קוליעס.
איצט ווייסט איר שוין: מען האָט געמיינט
ניט אונז, נאָר אייך!
דאָס ציל זענט איר געווען, מיר — נאָר אַ מיטל,
נאָר פֿאַנג־ווערעם, וואָס זיינען הפקר, —
פֿון אייערע מערדער אויפֿגעקליבן.
און אָנגעשטאָכן אויף די קרייצן.
צו שפּעט געקומען די ערקענונג...
נאָר איר האָט גאָרנישט ניט געלערנט
און וועט שוין קיין מאָל מער ניט לערנען.

קיין מיטלייד האָב איך ניט מיט אייך,
איר זשעדנע שאַרקס און וואַסער־לייבן!
איך בין דער שליח פֿון אל־צבאות, —
דער גאָט פֿון גייסטיקע אַרמייען.
איך לעב נאָר פֿון זיין פֿייערדיקן וואָרט,
און שטאַרב — ווען עס ווערט אויסגעלאָשן.
ער שיקט דאָס אייך זיין ברומענדיקע קללה:
פֿאַרגייט אין בלוט און צאַפּלט זיך אין אַש,
און ברעכט די ציין אַן ימים־פֿעלזן!
אַזוי ווי איר מיט פֿאָלק ישראל,
אַזוי ער — מיט אייך!
די לעצטע הילף־געשרייען פֿון די געטאָס,
דער רויך פֿון אונזערע פֿאַרברענטע הייזער,
ביכער־אוצרות, שולן, סינאַגאָגן, —
איז נאָר געווען אַ שלייער,
אַ צודעק פֿאַר מיליאָנען מאָרד־מאַשינעס —
אָנגעשטעלט אויף אייך.
דער רויך צעגייט, דער שלייער פֿאַלט,
און אייערע טעמפּע אויגן זעען:
אַזוי ווי אונזעריקע שטילע סינאַגאָגן
זינקען אייערע קלינגנדיקע קלויסטערס,
וואו מ׳האָט געגנאָד געפּרעדיקט און מחילה
צו אייך... און בלוט־שנאה — צו אונז.
די אָרגלס רעווען דומפּ אין זייער גסיסה,
די גלאָקן פֿאַלן, פֿון די הויכן,
מיט אַ הייזעריקן, לעצטן קלונג...
דאָס האָט איר, איר פֿאַלשע ליבע־פּרעדיקער
ווינט געזייט און שניידט דעם שטורעם! —
יאָרהונדערטער געברענט אָריגינאַלן
און דערהויבן גראָבע איבערזעצונגען.
די באַשאַפֿער פֿון צען מענטשלעכע געבאָטן
געמאָרדעט אינעם נאָמען פֿון בעל־רחמים;
די דיכטער פֿון די פּסאַלמען אומגעבראַכט,
און די זעלבע פּסוקים, אין לאַטיין, געזונגען
פֿון די גאָלד־באַדעקטע סאַנקטואַרן.
איצט ברענט דאָס אַלץ צוזאַמען
וואָס עכט, וואָס נאָכגעמאַכט... און אַרום די פֿלאַמען
טאַנצן עקלדיקע האָרדעס זייער שדים־טאַנץ.

רעכט אַזוי! די ערד וועט גאַנץ זיין,
די קרעץ פֿון אייערע שטעט וועט נאָר אַראָפּ...
דער הימל וועט נאָך בלויען פֿון דאָס ניי,
ווען דער פּולווער־רויך וועט זיך צעפּליען.
עס וועלן נאָך דער גרויסער שׂרפֿה אויפֿשטיין
נייע ווערטן. און אויף נייע לוחות
וועט מען קריצן אייביקע געבאָטן.
און יונגע תּהילים־דיכטער וועלן מונטערן,
מיט כאַר־געזאַנגען, אויפֿגעלעבטע פֿעלקער.
ניט אויף פּאַרמעט וועלן זיי פֿאַרשרייבן נייע פּסוקים,
נאָר אויף שטאַרקע ברידערלעכע הערצער.

ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1944.

6. צו מיינע שקלאָווער לאַנדסלייט...

צו מיינע לאַנדסלייט
אַ בריוו אין קורצע שורות:
„שקלאָוו־צוריקגענומען!" און איך ווייס —
אייך אַלעמען, אַזוי ווי מיר,
זיינען אָנגעלאָפן טרערן,
ביים לייענען די קליינע,
מיט פּעטיט געדרוקטע שורה.
די הינטערן־ים פֿאַרוואָרפֿענע,
פֿון דער גאָרער וועלט פֿאַרגעסענע,
אין מלחמה־טומל איבערגעקערטע
וויג פֿון אונזער יוגנט, —
איז צוריק באַפֿרייט,
מיט פֿייער און האַרמאַטן־דונער;
צוריק־איינגעגלידערט,
צוזאַמען מיטן דניפּער,
מיט דער זילבערדיגער אָזערע, —
אין לייב פֿון גרויסן רוסלאַנד.
שטעדטעלע פֿון געבורט!
אונזער ערשטע פֿאָטערלאַנד ביסט ד ו, —
דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון האַרצן,
וואָס קיינער, קיינער קאָן דאָס ניט,

ניט אַמעריקע די פּרייע,
ניט גאָט אין פראַנקרייך.
אַפילו ניט ארץ־ישראל
פון טאַטנס אַלטן סידור...

אָבער ווייסן ווייס איך אויך,
אַז נאָכן ערשטן בשורה־ציטער
האָט איך אַלעמען דאָס האַרץ פאַרקלעמט:
— קיין אילוזיעס מער ניטאָ!
איצטער וועט מען ווייסן,
צי לעבט נאָך ווער, פון נאָענטע און פרעמדע,
אין די רעשטן הייזקעס מיט די שינדל־דעכער?
אויף דער שול־גאַס,
אויף קאַרפּיליקע און נעווסק,
אויפן הויכן, רויטן ברעג ז אַ ר ע ט ש י ע,
וואָס שפּיגלט זיך אין דניעפּער;
אין דער אומעטיקער רישקאָקי,
וואָס צווינגט צו טראַכטן וועגן סוף פון מענטשן;
וואו די ביינער פון די מאַמעס אונזערע
וואַרטן אויף משיח׳ס צייטן...
באַלד וועלן מיר ווייסן:
צי ס׳איז אמת, אַז אַלע, אַלע איינוואוינער
פון אונזער יוגנט־שטאָט, —
גאַנצע זיבן טויזנט — זיינען אויסגעהרגעט;
אויסגעקוילעט קינד אויף מוטער,
שול־אינגלעך — אויף זיידעס,
און פאַרשאָטן, אין איין קאַנאַווע־קבר,
ווי שאָף נאָך אַ מגפה, —
אויפן גרויסן בולבע־פעלד פון פריץ
צווישן סטאַנציע און הויפל? —
און צי נאָר די אָרשער ברעמלעך,
מיט זייערע קיילעכדיגע
מויער־לעכער, אָנשטאָט אויגן,
זיינ׳ געוועזן די לעצטע שטומע עדות;
און באַווינט, דערנאָך, די אויסגעמאָרדעטע
מיט מוטנע רעגן־טראָפּנס — ?
באַלד וועלן מיר ווייסן:

צי ס'איז נאָך גאַנץ די קאַלטע שול
מיטן גרינעם פּיראַמידן־דאַך ; —
דער אַלטער בית־המדרש
מיט די אַנטיקע זיילן אַרום בימה
פֿון סאָביעסקיס צייטן ?
די שקאַלע, די געמויערטע,
אויף דער דייטשער גאַס,
וואו אַ סך פֿון אונז האָבן געלערנט
חשבונען און רוסיש שרייבן —
ביי שטרענגע לערער, גאָלד־געקנעפּלטע,
אין קונע שטיין און מאַכן חוזק
און פֿאַבריקעווען אין ברייטן, פֿרייען הויף
בשעת דער גרויסער „פּערעמענע"...
באַלד וועלן מיר וויסן :
צי אונזער לעצטע האָפֿענונג האָט אַ ווערט,
אַז עפּעס איז נאָך גאַנץ געבליבן ;
אַז דער פּרייז וואָס איז באַצאָלט געוואָרן,
פֿאַר דער פּאַרשפּעטיקטער באַפֿרייאונג, —
איז גאָר ניט אַזוי גרויס...

ווי ! מיר זעען נאָך, אין בייזע נאַכט־חלומות,
ווי די אָפּגעברענטע הייזער
שטרעקן אומבאַהאָלפֿן
די רויטע קוימענס זייערע,
ווי העלזער פֿון געפּליקטע גענז, —
און גאַנערן אויפֿן חורבן שטומערהייט.
מיר זעען : אויסגעהאַקט דער וואַלד פֿון פּראַנצאָווקע,
דער אייזנבאַן־טונעל איז איינגעפֿאַלן.
און דער לעצטער צוג —
אויפֿגעריסן פֿון די פּאַרטיזאַנען, —
ליגט קרום, איבער די רעלסן, באַרג־אַראָפּ.
די גרויסע שול איז אָן אַ דאַך,
און די מיטל־זיילן אירע,
ווי פֿיר אָרעמס ריזיגע, געבראָכענע
ציען זיך צום ווינטער־הימל,
בעטן רחמים.
די מאָרד־קאַנאַוועס, לעבן „הויפּל" —

פֿון די באַפֿרייער אויפֿגעגראָבן.
און די קדושים־ביינער, אויסגעמישט מיט שניי,
בלייכן זיך, פֿאַריתומט און פֿאַרשוועכט,
וואַרטן אויפֿן אַלטן חזן,
מיט אַ צעפּליקטן ספֿר־תּורה אויפֿן אָרעם, —
ער זאָל זיי מזכּיר־נשמות־זיין.
אָבער ראָבן, וועלכע פֿליען איבער זיי,
גאָרגלען רשעותדיק אין נעפּל:
„קר—ראַ־אַ!
דער חזן וועט ניט קומען,
ער ליגט דערמאָרדעט צווישן אייך!"...

איין טרייסט, אַ זיכערע, איז אונדז געבליבן,
זי קען, אין אונזער ווילן,
די נאַצי־האַק ניט אויסוואָרצלען;
אַזוי ווי קיינער קען ניט מאַכן געל
דעם פֿרישן נאָדל־וואַלד
אין אונזערע זכרונות.
איין טרייסט... אַז אויף די טעלעגראַפֿן סלופּעס,
וואָס ציען זיך, אין מאַרש, קיין אָרשע
פֿאַרביי די ברודער קבֿרים, —
וועלן הענגען די פֿאַרברעכער,
די בלאָנדע הענקער־יונגען
מיט זייערע באַפֿוילער.
פּאַרטיזאַנען יידישע וועלן זיי משפּטן,
און נקמה־נעמער וועלן זיי אַרויפֿציען
אויף די הויכע קרוקעס.
זיי זאָלן, פֿ אַ ר ן טויט פֿון שאַנד, דערזעען
די לאַנגע גריבער, אונטערן בייטש געגראָבענע,
פֿון זייערע קרבנות.

יולי 1944.

ט. סאַטירעס

1. אויפֿן מאָנטפּאַרנאַס

די שניפּסן הויכמענטשלעך פֿאַרפּלאָכטן
און מיסטיש פֿאַרלייגט די הענט:
דאָס גייען די פֿאַרטיקע גאונים,
זיי פֿעלט נאָר אַ ביסל טאַלענט.

דער טייוול איז זייער מחותּן,
דער אייביקייט זאָגן זיי: „דו"...
די קונסט לאָזט זיך מעלקען אויף מיטאָג,
מעלה־גרהט מיט שטרוי ווי אַ קו.

די פֿרייהייט — אַ מומע אַ רייכע:
מען באָרגט ביי איר חוצפּה און נויט.
און געטער געבראָכן ווי גלעזער:
באַשאַפֿן אַ גאָט און... געטויט.

אין ניטשען, דעם אָרעמען, פּאַקט מען
אי שטיוול, אי גראָבקייט פֿון מאַרק:
ער וועט דאָס, נישקשה, פֿאַרטראָגן:
צאַראַטוסטראַ איז גרויס און איז שטאַרק!

זייריידן פֿון שאַפֿונג און ליבע:
„און ליבן קען דער, וועלכער שאַפֿט!"
און קויפֿן זיך רעשטעלעך תּאווה
צוזאַמען מיט הערינג און נאַפֿט.

„דער אויער מוז דין־זיין, אַנטוויקלט,
דאָס לעבן מוז פֿ ײ ע ר ד י ק זיין!"
דערום שרייט מען מיט שיכּורע קולות
ביי אַ פֿלעשל מיט שיטערן וויין...

די שניפּסן הויכמענטשלעך פֿאַרוואָרפֿן,
גאוניש פֿאַרלייגט די הענט:
דאָס גייען די פֿאַרטיקע גדולים,
זיי פֿעלט נאָר... אַ ביסל טאַלענט.

.1909

2. באָהעמיען

אָנגעפּיפּקעט, אָנגעאָטעמט,
שוויס און ביר־דאַמף פֿול די לופֿט;
גאַז, עלעקטרע־ליכטער האָבן
אָנגעלעמפּלט דאָ געדיכט.
און דאָס רויכיק־פֿרעכע ליכט
שרייט צום איינזאַמען און רופֿט
אויף דער נאַסער, קאַלטער גאַס:
קום אַהער, אַריין אין פֿאַס.
אין געמיש פֿון ווײַן און ווײַב,
וואו פֿאַטשולי און וואו מוסקוס
שטראָמען־אויס אַ שווערן דופֿט;
וואו די אָרעמקייט און לוקסוס
שטופּען זיך אין בלויען רויך;
קום אַריין און שטופּ דיך אויך!

פֿאַלטנס הענגען אומעטום,
ווי געהאָנגענע אָן לײַב;
איבער זיי — די פּוסטע היט.
אַ געפּלאַפּל לוסטיק־מיד:
כאַ־כאַ־כאַ און זום־זום־זום,
ווי די פֿליגן איבערן פּגר
פֿון גרויסשטעטישן געבייך.
„רעכט אויף אייך, דין־דין, אַ—מן!”
קלינגט אַ הייזעריקער זייגער.

זיצן דורך די נאַכט און דענקען
אָן געדאַנקען פֿליכע קעפּ,
זיצן אויסגעפּוצט און בענקען
וויטוועס לוסטיקע אין קרעפּ.

לאָכן אָנגעפּאָרבטע גרעטכענס
מיט אַריינגעשטעלטע ציין
און מיט פֿאַלשע בלאָנדע צעפּ;
זוכן מיט אַ בליק אַ האַרטן:
„פֿאַוסט!...״ פֿאַוסט איז ניטאָ,
אָדער זיצט ער טאַקע דאָ,
ס'פֿעלן נאָר די צוויבער־זאַכן,
מעפיסטאָפעלעס און געלט —
אים, דעם חכם, יונג צו מאַכן.

זיצן קינסטלערלעך און וואַרטן
אויף אומשטערבלעכקייט שוין לאַנג,
מיט צונויפֿגעלייגטע הענט;
האָרך, צי הערט מען ניט איר גאַנג?
קלינגט דער זייגער: ברודער ניין!
— אָך, די וועלט איז קלוג־געמיין
און דער גאון בלייבט אַ נאַר.
שענק, קאָלעגע, אַ ציגאַר!

פּראָפּעסאָרן אָן קאַטעדרעס,
ליאַדע מאַלער אָן טאַלענט;
בלאַסע בחורימלעך אַנטלאָפֿן
פֿון דעם חרובן בית־מדרש.
זיצט מען, זופּט מען טיי אָן דורשט,
— קינדער, ס'איז שוין צייט גיין־שלאָפֿן!
— לאָז צורו! וואוהין זיך איילן?
קעלנער, נאָך אַ ווינער־וואורשט!...
און מען קייט אָן אַפּעטיט,
איין געריב פֿון ציין און טריט:
צווישן שפּיגלען, צווישן זיילן,
צווישן גראָב־באַמאָלטע ווענט.

אַלץ איז אָפּגעלעבט, געפֿאַלן,
וואָס געפֿאַלן פֿאַלט אַריין
דאָ אין פֿעסל מיט איר פּוץ,
מיט איר וואַסערדיקן וויין,
מיט איר וויס־פֿאַרקאַלכטן שמוץ.

ברוט, דו אויך? אַהער געקומען
מיט דיין וואָרט און מיט דיין אייזן,
שטאָלצן קאָפּ און שאַרפֿע ציין?
ווען ווילסטו דאָ צערייסן, —
צעזאָרן, צי זיך אַליין?
וואָס עס וואַקסט אין רויך אָן גלוט,
אין שווייס אָן שאַפֿן ווייסטו, ברוט...
אָבער ס׳ציט דיך, ס׳שלעפּט און ציט,
ווי די טומאה שלעפּט דעם פֿרומען;
און זי שפּייזט דיין הייס געמיט
ווי דאָס מיסט די רויטסטע בלומען.
ווילסטו גליען מוזטו טרינקען,
ווילסטו פֿליען מוזטו זינקען.
טרינק און לאַך פֿון גוט און שלעכט! —
העלפֿט מיר זינקען, ליזע, לאָטע!...
ליב איז דאָך די מענטשן־בלאָטע
אין די נעפּלדיקע נעכט.

בערלין, 1921.

3. בלאָזט אַ שטורעם אויפֿן ים

בלאָזט אַ שטורעם אויפֿן ים אין גרויסן האַרן,
שוימען מיילער וואַסערדיקע פֿול מיט צאָרן.
ניט דיין עסק, בחור! קריך ניט מיט דיין פֿעדער
צווישן ווינט־חיילות, אונטער וואַסער־רעדער.

ערד און אָפּגרונט שלאָגן זיך פֿאַר דער ממשלה —
וואָס־זשע ד׳אָנגעפּאַלן אויף דיר אַזאַ בהלה?
האָסטו קיין פּרנסה ניט — מיט הערינג האַנדל!
נאָר דעם שטורעם אין אַ וואָרעמעס ניט פֿאַרוואַנדל.

זע, ווער דאַרף דיך דאָ מיט אַלע דיינע גראַמען? —
געקלאַנג פֿאַר פּוסטע קעפּ, געפּלעכט פֿאַר שוואַכע דאַמען.
זאָל בלאָזן ווער עס בלאָזט, און ווער עס שוימט זאָל שוימען,
און דו, טו אויך דיין זאַך, וואָס קומט פֿון צופֿיל טרוימען!...

4. יענע וועלט

א

וואו נעמט מען כּוח צו פֿאַרטראָגן
אַזוי פֿיל עולם הבא,
פֿון קינדער־יאָרן ביז אַצינד?

אין חדר האָט אַ פֿרומער רבי
אַריינגעקנעלט אין אונז:
„יענע וועלט"...
וואָס אַרט איך, קינדערלעך, וואָס שקצים שלאָגן זיך,
וואָס פֿליגן בייסן, וואָס דער קאָפּ טוט וויי
פֿון חזרן האַרבע גמרא אין דער זומער־היץ?
ס'איז אַלץ גאָרנישט! ס'איז ניט מער —
אײן וויסטע פּירהויז צו אַ יענער־וועלט.
וואָס ווילט איר פֿון אַ וועלט וואָס איז אַ פּירהויז?
טאָ זעט־זשע, יידעלעך, זייט גוט און פֿרום
און לערנט מיט התמדה. ניט פֿאַרפֿעלט
די יענע־וועלט!

ב

אין די בחור־יאָרן האָבן מיר געלאַכט
פֿון רבינס באָבע־מעשיות;
אויפֿגעקלערט געוואָרן.
און מחמת אויפֿגעקלערטקייט טאָג און נאַכט געחזרט
לאַטיין און גריכיש און אַלט־סלאַוויש,
פֿון לעבן ווייט, פֿון יוגנט אָפּגעריסן;
די זעלבע חדר־ייִנגלעך — ניי־געשליַערט.
געחזרט... ניט דערשלאָפֿן, ניט דערעסן,
די פֿרייע לופֿט, די שיינע מיידן
פֿאַרשענקט, מיט אַ פֿאַרחלשט האַרץ, און אָנפֿאַרטרויט
די קלוגע ליידיק־גייער אויף דערווייל.
געזען פֿון דושנע פֿענצטערלעך דאָס פֿרעמדע גליק,
געטרייסט זיך מיט אַ משל פֿון דער „גריל און מורעשקע".
דאָס איז אַלץ גאָרנישט!
דער עיקר איז — אַ ציל דערגרייכן,
געלערנט זיין...
וואָס אַרט אונז היץ, וואָס אַרט אונז קעלט?
אָט שפּעטער, שפּעטער... „יענע וועלט!"

ג

אַקאָרשט אָנגעהויבן קווענקלען אין לאַטיין —
איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ גרויסער קריג;
די יוגנט, ווי די קי, פֿאַרטריבן מיט טראָמפּייטן,
אין לאַנגע, אָפֿענע און טיפֿע קברים.
באַגראָבן לעבעדיקערהייט,
מיט שטעכיק דראָט אַרומגעצוימט;
מען זאָל צוריק אַהיים ניט לויפֿן
צו ווייב און קינד, צו טאַטעס און צו מאַמעס.
און פֿון די קברים, יונג אויף יונג, —
געזונט און פֿריש און טויט־משוגע,
יאָר־איין, יאָר־אויס געשאָסן;
און אָפּגעשאָסן לייב און אָפּגעשאָסן לעבן.
געבליבן מיט די שטרוי־אַלמנות זיינען נאָר
די אַלטע קלוגע לייט,
געזליאָקעט קאַווע אין דער צייט
און בראַוואָ צוגעפּעטשלט.
געקראָכן צו די יונגע, אויסגעבענקטע ווייבער;
און, מיט מיילער שליימיקע, געלויבט אין טאָג אַריין
די העלדישקייט פֿון יונגן דור.
באַזוכט די האַלב־פֿאַרברענטע העלדן־גופֿים
אין שפּיטעלער,
און געטרייסט אַזוי צו זאָגן:
עס ברענט? עס בריט? עס פֿיבערט?
אַך, ליבע זעלנערלעך, דאָס איז אַלץ גאָרנישט!
וואָס האָט דאָס, קינדערלעך, פֿאַר אַ באַטרעף
אַקעגן פֿליכט, אַקעגן אייביקייט?
דער עיקר איז — ס'איז דאָ אַ פֿאָטערלאַנד,
און יעדע פֿאָטערלאַנד האָט אַן ערן־פֿעלד.
דאָס פֿאָטערלאַנד — עס טוט עס לעבט,
טוט און וואַקסט,
און אינעם ערן־פֿעלד — דאָרט פֿאַלט און פֿאַלט
העלד נאָך העלד...
הקיצור... „יענע וועלט!"

ד

דעם קריג פֿאַרענדיקט ווי ניט איז, —
האָבן מיר גענומען ערלעך וועגן

פֿאָטערלאַנד און מענטשהייט אויף אַ וואָגשאָל;
און וויפֿיל ס׳קומט אונדז פֿון דער וועלט אַרויס
פֿאַר דער פֿאַרפֿעלטער, אָפּגעגנאַרטער יוגנט.
און בעת מיר וועגן נאָך און דינגען זיך
איז, פֿון צעיאָגטן פּולווער־רויך, אַרויס דער כּאָם,
וואָס ווייסט ניט פֿון קיין וואָג און חשבון — :
„אַלץ אַהער!"
און אינעם שטינק־קעסל פֿון פֿאַלשער חברשאַפֿט
האָט זיך צעבלעזלט ס׳גאַנצע ברוכוואַרג
פֿון מענטש און פֿאָלק פֿון שקלאַפֿעריי און פֿרייהייט;
פֿון אַלע אויסגעקעמפּטע מענטשן־אוצרות
איין באָרשטש פֿאַרקאָכט.
דער פּיאַניצע דיקטירט געזעצן
פֿון גרויסער ניכטערקייט;
דער גוטער באַלעגאָלע שטעלט קאַפּעליעס אָן
פֿאַר וועלט־סימפֿאָניעס;
דער אָפּטריט־רייניקער — אַ מבֿין אויף פּאַרפֿיום.
דער איבערלויפֿער איז, אַלס וועלט־דערלייזער,
אַרויס אויף דער טריבון
און זינגט אַ נייעס... אַלט־באַקאַנטן מזמור:
וואָס אַרט אייך ס׳ביסל בלוט חברימלעך?
וואָס אַרט אייך קעלט, וואָס אַרט אייך הונגער
און קרעץ, און שמוץ, און חושך,
און דאָס וואָס קינדער פֿאַלן ווי די פֿליגן?
דער עיקר איז דאָך — צוקונפֿט, שפּעטער...
ניטאָ קיין יעצט! עס האָט אייך אַלעמען פֿאַרדאַרבן
די בירגערלעכע אַלטע וועלט;
אייך איינגעשמועסט ברויט און וויין און שפּיל.
אָ, גראָבע עולם־הזהס!
דאָס אַלץ — ניט מער ווי פֿלאָגן אין אַ פֿירהויז,
וואָס פֿירט צו י ע נ ע ם גליק.
וואָס קימערט אייך אַ וועלט וואָס איז אַ פֿירהויז?...

און צעפּייפֿט האָט זיך דעם רבינס אַלטער קאַנטשיק,
מיט שטיקער מאַרך און בלוט באַשפּריצט.
און פֿון גרויזאַם־פֿרומע, קרומע מיילער
דער צען מאָל אָפּגעזונגענער און נודנער מזמור קוועלט:
„יענע וועלט!"

י. מצבות

1. אַ שלום־עליכם־דענקמאָל

אָ, דו וועד ס'האָט זיין פֿאָלק געשענקט דאָס לאַכן —
דעם זאַלץ פֿון פֿרידן, דעם געטלעכן געטראַנק,
וועלכן ס'קענען נאָר: ברייטהאַרציק און אומשולד
און רייכע פֿרייע גייסטער, —
וואָס מאַכט פֿון בייזע מענטשן שפּילנדיקע קינדער;
און וועמענס טעם דאָס פֿאָלק האָט לאַנג געוועזן פֿאַרגעסן
צוזאַמען מיט דעם דופֿט פֿון פֿעלד און גאָרטן, —
און גאַנצע דורות נישט פֿאַרגונען זיך אַליין,
ווי אביונים פֿינצטערע, אַן איבעריקן ביסן...
אָ, דו, פֿון וועמענס פֿולער ברוסט עס האָט געשפּרודלט
געלעכטער קייכנדיקער, הילכיקער און שטילער
ראַפּסאָדיעס פֿון לוסטיקן געוויין,
פֿון שפּאָס און ערנסט אויסגעמישט צוזאַמען, —
און הומאָר האַרציקער, וואָס האָט געוואַרעמט און געטרייסט,
ווי אַ קנאַקנדיקער פֿלאַקער, אין אַן אָסיען־אָוונט, —
און אויפֿגעהויבן שוואַכע איבער בערג פֿון צרות,
געמיינהייט, שלעכטס; געגעבן מוט צו שטייגן
מיט שווערע גלות־פּעק אַלץ העכער, העכער...
אָט דו, דו האָסט אַצינד אַ בייזן וויץ געמאַכט
און ביזט אַוועק פֿון אונז, פֿאַרשוואונדן פּלוצלונג,
געלאָזן אונז אַליין מיט נאַרישע געזיכטער,
מיט דאַרע הענט פֿאַרוואָרפֿן אויף די זייטן,
מיט מיילער אָפֿענע, אין מיטן אָפּלאַכן מיט דיר,
פֿון פּיין און פֿרייד, פֿון זיך אַליין, פֿון גאָר דער וועלט, —
וואָס זינקט אַצינדער אין איר אייגן בלוט און זינד
און שלעפּט אונז מיט אין טיפֿע גריבער, וועלכע פֿעלקער
האָבן איינע פֿאַר דאָס אַנדערע געגראָבן.

האָסט אַלע מאָל געלאַכט און דאָס מאָל — אויסגעלאַכט!
האָסט קיין מאָל מיט אַזוי פֿיל גאַל זיך לוסטיק ניט געמאַכט

פֿון אונזער עלנט, אומבאַהאָלפֿנקייט —
ווי אין דיין לעצטן ווערק... דיין טויט!
מיר שטייען נאָך דערשטוינט אין איין מיליאָנען־קרייז
אַרום דיין פֿרישן, הויכן קבר
און פינטלט מיט די אויגן: אָט ערשט איז דאָרט געזעסן
דער גאָט־געבענטשטער לעבעדיקער שמייכל.
און פלוצלונג זיצט גאָר דאָרט אַ טויטע קנאָכן־מאַסקע
מיט שוואַרצע אויגן־לעכער און פֿאַרקריצטע ציין;
זי שמייכלט כּלומרשט אויך, נאָר אַנדערש איז איר שמייכל —
אַ פֿרעמדס, אַ גיפֿטיקס, ניט פֿון דער וועלט...
איין האַלבער פּנים ווייַנט ביי אונז, דער צווייטער — לאַכט נאָך,
די ליפּן צוקן צווישן שרעק און חוזק
און איינער ביי דעם אַנדערן פֿרעגט אָן ווערטער:
אָט דאָס איז שוין דער סוף, צי אפֿשר נאָר אַ המשך,
אַ נייער וואַריאַנט פֿון אונזער מייסטער?
אָט ערשט נאָך אָפֿן איז געווען דיין ברייטע בינע, —
און איבער טויזנטער פּערזאָנען, ליכטער, בילדער,
נוסחאות, תּנועות, שטימען ביזטו אַליין געשטאַנען
און פֿון אַ ווינקעלע רעגירט;
געבליצט האָט נאָר, פֿון ווייטן, דיין באַגילדעטע פּעדער!
אין רייכטום צי אין נויט, געזונט צי קראַנק —
וואָס גייט דאָס ווען אָן? האָסט ביז אַהער געלאַכט
און וועסט אויך לאַכן ווייטער...
און מיט אַ מאָל, מען ווייסט ניט ווי — אַראָפּ דער פֿאָרהאַנג,
די ליכטער אויסגעלעשט, די מוזיקאַנטן שוויַגן.
ווער שעפּטשעט ביי דער פֿינצטערער עסטראַדע?
ווער ציט זיך דאָרט פֿון ראַנד? דערשטיקטע קולות פֿרעגן:
וואָס איז, וואָס איז? וואָס איז געשען?
און ווייט און הויך — די אייביק פֿריילעכע גאַליאָרקע.
זי טופּעט נאָך און רוישט פֿון בראַוואָ־פּאַטשן,
זי פֿילט נאָך נישט אין איר עקסטאַז, אַז ס׳איז געקומען
דער לאַנגער, שטומער עפּילאָג.
מיר אַלע, דאַכט זיך, זענ׳ נאָך גרייט פֿאַרוואַרפֿן דיך מיט בלומען
און שטורעמען מיט לאַנגע אויסגעשרייען:
— שלום עליכם!
— ביס, שלום עליכם!
אפֿשר וועט זיך אונז כאָטש נאָך אַ רגעלע אַנטפּלעקן

דיין טונקל־בלאָנדער קלוגער קאָפּ פֿון שוואַרצן פֿאָרהאַנג,
וואָס וויגט זיך גרויזאַם צווישן זיין און ניט זיין; —
אפֿשר וועלן נאָך אַרויסקוקן פֿון דאָרטן
די לאַכנדיקע, גרויע אויגן אונטער גלעזלעך;
און אין פֿאַרשטומטן חלל, צווישן קעפּ און קורצע אָטעמס,
וועט זיך דערהערן אַ באַקאַנטע, ווייכע שטימע:
— עליכם שלום, יידן... און זייט געזונט אויף אייביק!
ניטאָ. דער שוואַרצער פֿאָרהאַנג ציטערט נאָר פֿון פֿאַלן,
און זיינע פֿאַלדן הענגען שווער, ווי טויטע פֿאַליעס —
צווישן פֿאָלק און דיכטער.

* *
*

נאָר וויסן זאָלסטו זיין, דו, וועלכער ביזט אַוועק
אַז פֿאַר דיין לעצטע שפּאַס פֿון שטאַרבן
וועלן דיר די אָפּגעלאַכטע מיט אומשטערבלעכקייט באַצאָלן,
און פֿאַר דיין טויט פֿון טויט אַליין — נקמה נעמען.
מיר שווערן דיר, אַז קומען וועט אַ טאָג —
אַ שטאַרקע פֿאָלק פֿון יידן, אַ נייע לאַנד וועט אויסשטיין
פֿון קראָמען־חורבות, פֿון וויסטע שטעט און שטעטלעך.
און, ווי די אָדלער פֿון צעשטערטע נעסטן,
וועלן זיך אַרויסרייסן נייע שעפֿער און גאונים;
און אויפֿשטיין תּחיה וועסטו דאַן מיט אונדז צוזאַמען
אין דער פֿאָרשטעלונג און ליים פֿון גרויסע קינסטלער!
פֿון בראָנז געגאָסן וועסטו אויפֿשטיין
אויף יידישע בולוואַרן,
אויף עפֿנטלעכע פּלעצער — פֿול מיט פּראַכט־געביידעס,
מיט הויכע פּאַלמען און פֿאָנטאַנען.
דיין וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט — מיט וועלכן
דו האָסט אייראָפּע און אַמעריקע געמאָסטן;
און תּמיד נע ונד געזען, געהערט, געשאַפֿן.
און דיינע פֿאָלעס — בראָנזע פֿלאַטערן הינטער דיר
ווי אויפֿגעבלאָזן פֿון אַ שטורעמווינט אין וועג,
וואָס טרייבט דעם וואַנדערער צוריק, צום אַלטן היים...
און די ברייטע פּיעדעסטאַלן פֿון דיין דענקמאָל —
מיט גרויסע הומאָר־מאַסקעס אויף די ווינקלען,
מיט הענט פֿאַרפֿלאָכטענע אין „שלום” און „עליכם”, —

וועלן זיין פֿאַרצירט מיט רייכע באַרעליעפֿן
פֿון אַלע מנחם־מענדלס, סטעמפּעניוס, מלמדים;
דאָ טביה מיטן וועגל און דאָרט — אַקטיאָרן, מעקלער,
קורעלאַפּניצעס און שלעק און עמיגראַנטן,
נגידים בייכיקע, קבצנים און הוליאַקעס:
אַ קאַלירטער מיש־מאַש גלות־העלדן.
און קינדער, קינדער, קינדער...
פֿון טאָפּילי טוטאַריטו ביז מאָטל־פּייסי׳ס —
דעם חזנס ייִנגעלע, דער בן־זקונים פֿון דיין פּען.
זיי אַלעמען האָסטו אַמאָל צעטיילט דיין לעבן
זען׳ זיי אויפֿגעשטאַנען גלייך מיט דיר און לעבן אין דיין שאָטן
אַן אייביק יונגן, קינסטלערישן לעבן.
און איבער זיי גייסט דו און גייסט און בלייבסט און שמייכלסט.
די אויגן — צוגעשפּיצט און דרינגען דורך
די נייע אויפֿלעבונג, וואָס האָט אַצינדער
זיך אָנגעטאָן אין פֿלייש און הויט און שטיין און אייזן, —
און וועלכע האָט אין דיין צייט נאָך געגעפּלט, ווי אַ טרוים,
אויף יענער זייט יעהופּעץ און כּתרילעווקע:
דיינע ליבע רעזידענצן... וועמענס אונטערגאַנג
ס׳איז רייך אַזוי אין דיינע ווערק און אומעטיק און לוסטיק,
ווי בלעטער אָסיען־צייט, ווי וואַלקנדלעך אין אָוונט.

און צו דיין גרויסן יאָרצייט, אַלע יאָר, וועט זיין
אַ מנהג איינגעפֿירט ביים פֿאָלק אויף דורי־דורות:
אין יענעם טאָג וועט מען נישט טאָרן וויינען;
און קנס וועט צאָלן יעדערער וואָס וויינט,
וואָס מאַכט טרויעריק דעם צוויטן...
און הויך און מונטער וועט זיך אָפּגעבן דאָס פֿאָלק,
אין אַלע גאַסן, „שלום" און „עליכם".
באַקאַנטע, פֿרעמדע, אַלטע, יונגע... ווי פֿאַרצייטן
ביים מחדש־זיין די ניי־געבאָרענע לבנה.
און אויף יעדער פּלאַץ, פֿון הויכע בימה׳ס,
מיט בלוי און ווייס באַפּוצט, מיט זיבן־רעריקע מנורות, —
וועט מען לייענען באַגייסטערט דיינע ווערק
פֿאַר טויזנטער פֿון אונזערע קינדער.
און צוהערנדיק זיי וועט דונערן און ברויזן
אַ ברייטער ים געלעכטער, פֿריש און פֿריי,
פֿון פֿרייע ייִדן אונטער פֿרייע הימלען...

אַזוי וועט דיך דאָס פֿאָלק באַשטראָפֿן
יאָר־איין יאָר־אויס, שלום־עליכם,
פֿאַר דיין אַוועקגיין אַן אַ צייט, ווען טויזנדער אַבלים
האָבן אַרויסגעקוקט אויף דיינע טרייסטן!

שאַרלאָטנבורג, 20סטן, מאַי, 1916.

2. היינעס קבר

א

אויפֿן פֿריילעכן מאָנטמאַרטער
איז פֿאַראַן אַ בית־הקברות,
דאָרטן פֿלעכטן זיך, מיט צווייגן,
בלאַסע מירמלשטיין מצבות.

ס׳איז אַן אינדזל גרין און רונדיק, —
רו און ניכטערקייט און שווייגן;
אָפּגעצוימט מיט אייזן־שטאַבעס
פֿון די פֿריילעכע קוואַרטאַלן.

דאָרטן רוען, אין די קברים,
פֿראַנקרייכס דענקער, אירע העלדן;
דאָרטן רוען אויך די ביינער
פֿון פֿאַרפֿאָלגטע, פֿרעמדע דיכטער:
אָסקאַר ואַילד, היינריך היינע...
און עס פֿלאַפֿלען אויס די בלעטער,
ציענדיק דורך צווייג און וואָרצל,
ניט־פֿאַרענדיקטע פֿאָעמען.

האָרכן שטיל די דיכטער וואָגלער:
שכור רעשט פֿראַנקרייכס הויפּטשטאָט;
נייע אָנגעבויטע גאַסן
שטורמען זייער טויטן־אינדזל...
„בייער ווין אויף ווענט פֿון חורבות..."
שמייכלט היינע אין זיין קבר.

ב

אין אַן ענגען צייל מצבות
שטייט אַ מירמלשטיין אַ קילער,

אַ קליינבירגערלעכער דענקמאָל,
מיט דער אַלט־באַקאַנטער לירע;
און עס שטייט אויף אים געשריבן,
אַז דאָ רוט ער — היינריך היינע.

אויפֿן פֿוס פֿון ווייסן דענקמאָל
זיינען אָנגעוואָרפֿן שורות,
קורצע, ליבלעכע ציטאַטן,
פֿונעם דיכטערס „בוך דער לידער".

איבער זיי, מיט קוים אַ שמייכל,
שטייט דעם דיכטערס ביוסט — אַ בלאַסער,
בולט־שטאַר די אויגן — זעען,
דאַכט זיך, דיסלדאָרף אין נעפּל.
און די מירמל־ליפּן שעפּטשען
אין פֿאַרגליווערונג פֿון טרויער:
„קיינען קדיש ווירד מאַן זאַגען,
קיינע מעסע ווירד מאַן זינגען"...

קלאָג ניט היינע! נאָך דיר זאָגן
קדיש מיליאָנען הערצער,
יוגנט־גליקלעכע, אַנטוישטע.
ניט אין אַלטן בית־המדרש,
ביי די פֿלעקלעך פֿונעם בעלעמער,
ביי אַ געלבן נר־התּמיד; —
צווישן בערג און וועלדער זאָגט מען,
און אויף וואַסערן און לאַנקעס.

וואָס דיר מעסעס, קירכן־גלאָקן,
וועלכע קלינגען אַ באַגרעבעניש,
מיטלאַלטעריש, איינטאָניק? —
מעסעס זינגען דיר די מיידלעך
פֿון גאַנץ דייטשלאַנד און פֿון עסטרייך.
ווי דער שטיין פֿון מעקאַ ציסטו
מיט דיין גרוב־שטיין דיינע גלויביקע.
און זיי קומען און זיי גייען,
און זיי ברענגען דיר „קרבנות":

בונטע קוויטלעך, ליבע־צייכנס,
צער און בלומען אויף דיין קבר,
וו׳אויף אַן אייביקן מזבח.

ג

אין די זומער־טעג, פֿרימאָרגן,
רוישט פֿון זיידנס דיין אַלעע
און פֿון קרעפּ... עס קומען פֿרויען
שוואַרץ־געקליידעט, מיט לאַנגע שלייערס:
אַזוי גייען זיי שפּאַצירן,
צווישן ווייסע שטיין־מצבות;
און מען הערט זיי אָפּט מאָל פֿרעגן,
אויף געבראָכענעם פֿראַנצויזיש:
„וואו איז דאָ דער היינע־קבר?...״

קומט מען צו פֿאַרנאַכט — דערזעט מען,
אויפֿן פֿוס פֿון היינעס דענקמאָל, —
צאַרטע, פֿאַרביקע קרבנות.
אומבאַקאַנטע פּילגרימען
האָבן זיי געבראַכט, מיט תּפֿילות,
און געלאָזן זיי דאָ וועלקן,
אין דער זון, אויף היינעס גרוב־שטיין.

ס׳זיינען הייפֿלעך וויאָלעטן,
און „פֿאַרגעס־מיך־ניט״־בוקעטלעך
מיט נאַאיווע ליאַלקע־אייגלעך;
און מימאָזן — גאַלדיק־צאַרטע
מיט נערוועזע גרינע בלעטלעך;
און אַמאָל אויך כריזאַנטעמען, —
— ניט באַקאַנט אין היינעס צייטן —
רייכע, לעבעדיקע גרויזן
מיט אַ ביטערן מאַנדל־ריח.

אַלע טאָג, אַזויפֿיל יאָרן,
קומען זיי, די אומבאַקאַנטע;
אונטער שלייערס קוקן טרויעריק
אויגן פֿאַרביקע און פֿייכטע,

ווי די בלומען וואָס זיי ברענגען:
שוואַרצע, גרינע, קאָרע, בלויע,
איינע שעמט זיך פֿאַר דער צווייטער,
איינע מיידט דאָרט אויס די אַנדערע.

ס'זיינען אייביקע היינע־כּלות,
ניט פֿאַרקנסטע און געליבטע,
וועלכע גיסן אויס דעם צער
פֿון דער ליבע אויף זיין קבר:
„אָ, נאָר ד ו ווייסט, היינריך היינע!"
ווייטער קענען זיי ניט ריידן.
און פֿון אונטער שלייערס פֿאַלן
שטילע טרערן, פֿרישע בליטן, —
אין דער זון פֿאַרברענט צו ווערן,
אויפֿן מירמלשטיין־מזבח.

פּאַריז, 1928.

II

פּאָעמען

א. נשמות

1

פֿון הימל פֿליט אַראָפּ אַ כשרע נשמה,
אַ מלאך דריקט זי מיט רחמנות צו זיין ברוסט;
דער בלאָער עטער ציטערט און עס בלייבן,
בלאָס־ערשטוינט, די ווייסע יונגע וואָלקנס,
דריקן זיך צוזאַמען ווי אַ סטאַדע שעפּסן,
קוקן אין דער הויך פֿאַרוואונדערט און פֿאַרחלומט;
„אַ נשמה פֿליט פֿון הימל״...
די זון פֿאַרגייט און שפּריצט מיט רויטן פֿייער
אין די אָפּגעקילטע אוונטס־טייכן;
צוויי אַלטע שונאים קושן זיך און שמייכלען:
דאָס קילע וואַסער לעשט ניט אויס דאָס פֿייער,
דאָס רויטע פֿייער טריקנט נישט דאָס וואַסער...
די זון פֿאַרגייט און קושט די יונגינקע נשמה
מיט אַ ליבן שמייכל פֿון אַ גוט־האַרציקער מוטער,
וואָס ליבט אַ סך, און ווייסט אַ סך...
און ס׳ציטערט שטיל די כשר׳ע נשמה.
עפּעס פֿרייט איר, עפּעס שרעקט איר;
„זי וועט באַלד וויסן, פֿילן נייעס, נייעס,
וועלכע זיינען אין די וויכע הימלען גאָר נישטאָ״...
זי קוקט אַראָפּ, עס דערוואַרטן זי דאָרט סודות
אומגעדולדיק פֿלאַטערן די גוסס׳דיקע שטראַלן,
עפּעס בלאָע פֿלעקן שווימען דאָרט און שעפּטשען;
— קום שוין, קום שוין, טייערע נשמה!...
און עס דריקט איר שטיל דער מלאך צו זיין ווייסער ברוסט
און ער זינגט איר: „שרעק זיך ניט מיין קינד!
דאָס לעבן איז ניט שרעקלעך דעם וואָס שטרעבט;
גיי שווים דאָרט אונטן, זוך דאָרט אויס פֿאַר־גאָט,
הייסע הייליקע געפֿילן, קלייב צעשפּרייט פֿונקען,
געפֿין אין פֿעלזן הערצער און קוואַלן — אין מדבריות,
קלייב־זיי, פֿאַנג־זיי, ברענג־זיי אויפֿן הימל!
פֿון אַזעלכע פערל פֿלעכט זיך גאָט אַ קרוין...

און ווען די גרויסע קרוין וועט ווערן פֿאַרטיק
וועט גאָט אַליין אַראָפּ גיין אויף דער ערד...״
און עס ציטערט די נשמה פֿון ווארעמע געפֿילן,
דריקט צו פֿרום די גאָלדענע פֿליגלען צו איר הערצל:
„כ׳וועל טאָן וואָס גאָט הייסט, כ׳וועל דערפֿילן
וואָס אַלע פֿרומע גייסטער הייסן טאָן״...
די זון פֿאַרגייט און קושט די כשרע נשמה
מיט אַ שמייכל פֿון אַ גוטהאַרציקער מוטער,
וואָס ליבט אַ סך, און ווייסט אַ סך...
— — — — — — — — — — — — —
און אויף דער ערד דאָרט ציט זיך אַן אַ סטרונע; און אַ קרעכץ...
— פֿון וואַנען איז אַ קרעכץ?
אַ קינד... אַ מיידל איז געבאָרן.

2

פֿון דעם ערד־זומפּ רייסט זיך אויס אַ פֿאַרחשכטע נשמה,
ווי אַ שוואַרצער, אויסגעפֿליקטער ראָב פֿון נעץ;
אַ טייפֿל האַלט זי פֿעסט פֿאַר איין צעבראָכן פֿליגל,
זי פֿלאַטערט און זי רייסט זיך, און דער טייפֿל לאַכט
מיט קרומע גליענדיקע ציינער.
די שטורעם־נאַכט איז שוואַרץ, זי ליגט באַטריבט און מיד,
עס שמעקט די לופֿט מיט טומאה און מיט טייפֿעלישן שווייס
און שטיקער כמאַרע קריכן, טאַפּן גרויזאַם אין דער פֿינסטער, —
גאַנצע בערג מיט מרה־שחורה...
עס פֿליט צום הימל אַ נשמה, קיינער רוימט דעם וועג,
גאָט אַליין ער דרעמלט... פֿאַרשלאָפֿענע מלאכים
גענעצן און ציען זיך און שליסן אויף די טירן.
עס שיט מיט בליצן פֿון די שליסלען,
די הימל־שלעסער דונערן מיט צאָרן.
אומצופֿרידענע מלאכים גענעצן און וואַרטשען:
„קריך שוין, קריך שוין אביונטע, גיכער שמוציקע!
מיט וועמען שלעפּט׳ס זיך דאָרט אַרום!״
און עס פֿלאַטערט די נשמה, די פֿאַרוועלקטע;
דאָרט אויבן וואַרט אויף איר אַ אומדערבאַרעמיקער גאָט
אַ משפּט־שטול אַ שוואַרצע און אַ שטומע...
און דער טייפֿל האַלט זי פֿעסט פֿאַר איין צופֿליקטן פֿליגל.
לאַכט איר גלייך אין פּנים: „הער! —

דו ביסט שוין מיינס אויף אייביק, מיינס אויף אייביק...
און איך דיין האַר, איך הייס דיר: גיי אַרויף,
און גנבע דאָרט פֿון אונטערן כסא־הכבוד —
ליכט פֿון אור הגנוז, שטראַלן פֿון גאָטס פּנים,
פֿון אַלץ, וואָס ס'הייסט דאָרט: צ אַ ר ט און ה יי ל י ק, גנבע!
שלינג איין, פֿאַרבאַרג דאָס אין דיין שוואַרצן האַרץ
און ברענג אַראָפּ אויף דר'ערד!
פֿון אַזעלכע שטראַלן פֿלעכט דער אַשמדאַי אַ קרוין;
און אַז די קרוין וועט ווערן פֿאַרטיק, דאַן
וועט אַשמדאַי אַליין אַרויף גיין אויפֿן הימל..."
און עס מוטשעט זיך די זעל: דער אויבערשטער איר שרעקלעך,
דער טייפֿל איז נאָך גרויזאַמער פֿון אים...
און פֿאַרקריצנדיק די שוואַרצע האַלב־צעפֿוילטע ציין
שמייכלט זי צום טייפֿל מיט עקל און חניפֿה:
„איך וועל דערפֿילן וואָס דער אַשמדאַי באַפֿעלט,
וואָס אַלע טומאה גייסטער הייסן טאָן...
נאָר לאָז מיך אָפּ, נאָר לאָז מיך אָפּ!..."
עס שמעקט די מידע לופֿט מיט טייפֿעלישן שווייס
שטיקער כמאַרע טאָפּן קריכן גרויזאַם אין דער פֿינסטער, —
גאַנצע בערג מיט מרה־שחורה.

— — — — — — — — — — — —

און אויף דער ערד דאָרט פּלאַצט אַ סטרונע. און אַ קרעכץ...
— פֿון וואַנען איז דער קרעכץ?
אַ געפֿאַלן פֿרוי איז אָפּגעשטאָרבן.

1903

ב. אַ מתנה

1

זע, וואָס רירט זיך אינעם חשך?
ס'ווערט אַ קראַנקער טאָג געבאָרן;
און, דערשטוינט און ציטעריק, האָט ער
אויף דער ערד אַ שטראַל פֿאַרלאָרן.
קוקט דער שטראַל און גלויבט ניט: ווער האָט
איינגעוואָרפֿן אַלטע צוימען?
ביימער אויסגעוואָרצלט... ווער האָט
שטילע וואַסער געמאַכט שוימען?
בלאַס, פֿאַרטראַכט האָט ער געבלאַנדזשעט,
אויף אַ דאַך זיך אָנגעצונדן;
און דערטאַפּנדיק אַ פֿענסטער
איז ער טיף אין אים פֿאַרשוואונדן.

2

אַלע זענ' אַוועק אין שטורעם
זי אַליין איז דאָ געבליבן.
ניט פֿאַר איר איז קאַמף... דער גורל
האָט זי אין איר בעט פֿאַרטריבן.
ליגט זי קראַנק. די ברוסטן וועלקן,
ס'גייט אַוועק, מיט רויך, איר פֿייער;
ערגעץ ווייט אין שטאָט גייט אונטער
אַלץ וואָס איז איר ליב און טייער.
טעג און נעכט איז איר געליבטער
ביי איר קראַנקן־בעט געזעסן;
נאָר געקומען איז דער שטורעם
און ער האָט אויף אַלץ פֿאַרגעסן...

3

זיינע לעצטע, שטומע בליקן
ברענען נאָך אין איר נשמה:
— שטויב איז ליבע, אַש איז מיטלייד

ווען עס פֿלאַקערט די נקמה!
און דעם שמאַרץ, נאָך זיין אַוועקגיין,
און דאָס שטיל געוויין און פֿינקלען
פֿון די טרערן — ווייסט איר קישן
און די שאָטנס אין די ווינקלען.
ס׳האָט געקלאַפּט דער ווינט אין לאָדן:
לויף אים נאָך און העלף אים זיגן!
נאָר געצאַנקט האָט שטיל דאָס לעמפּל
און געוואָרנט: „רואיק ליגן!"

4

איצט איז שטיל. עס גרויט דאָס פֿענסטער
אין פֿאַרוואָלקנטן פֿרימאָרגן;
ליגן אָפּגעבראָכן צווייגן
און דאָס האַרץ צובראָכן זאָרגן:
— מוטער, קוק אַרויס אין דרויסן!
— וואָס איז דאָ צו קוקן?... קיינער.
— און מיין חתן?
— כ׳זע דאָרט קיינעם, —
בלעטער וואַלגערן זיך. שטיינער.
ציען זיך ווי פּעך די שעהן,
ווייטער פֿיבערן און קלערן...
יעדער קלער — אַ נייער ווייטאָג,
האַרצווייטאָג און הייסע טרערן.

5

קלאַפּ אין טיר... און, ווי אין חלום,
שטייט ווער איבער איר געבויגן;
גרוי־פֿאַרשטיינערט איז זיין פּנים,
שאַרף דער גלאַנץ פֿון זיינע אויגן.
אוי, זיין בליק איז לאַנג און שטעכיק,
שווער, מיט שטומען צער פֿאַלט ער;
אין די האַרט־פֿאַרקראַמפּטע פֿינגער
עפּעס רויטס, צעריסענס האַלט־ער.
— אוי, ווער ביסטו, פֿרעמדער, גרויער?
וואָס האָסטו געבראַכט צוטראָגן?
שרעק מיך ניט!... איך ווייס... איך זע שוין!
שלעכטס?... דעם אמת זאָלסטו זאָגן!

6

— כ'האָב געבראַכט דיר אַ מתנה,
פֿון געליבטנס האַרץ אַ צייכן:
רעשט פֿון פֿאָן, און בלוט — אויף ס'רויטן,
וואָס וועט קיין מאָל ניט פֿאַרבלייכן.
דאָס איז אַלץ, וואָס איז געבליבן
פֿון זיין מוט און פֿון זיין צאָרן;
ער האָט אייביקייט געוואונען
און זיין לייב אין קאַמף פֿאַרלאָרן.
ווי אַ העלד איז ער געפֿאַלן,
מיט אַ רוף נאָך דיר — געשטאָרבן;
און געשיקט דיר... שטאַרק זיך, שוועסטער!
ניט אומזיסט געווען דער קרבן.

7

דאָס געשענק האָט אויפֿגעפֿלאַטערט —
אַ צעבראָכן פּורפּל־פֿליגל.
און אויף אים, דער טונקעלער בלוט־פֿלעק, —
אַ מאַוימדיקער זיגל.
האָבן ס'אָנגעכאַפּט בלאַסע פֿינגער,
צוגעדריקט צו בלאַסע ליפּן;
באַלד האָט זיך דערהערט אַ כריפּן
אונטער אויסגעדאַרטע ריפּן.
מיט זיין טויט, אַזוי ווי אין לעבן,
ענג באַהעפֿט איז זי געלעגן.
זייער אַנדענק זאָל אונדז לויכטן
אויף די פֿינסטערע מענטשן־וועגן.

1908

ג. פֿון אַ הויכן פֿענצטער

איך האָב אַמאָל געזען אַ זונען־אונטערגאַנג
אין אַ צעהיצטער גרויסער שטאָט פֿון אַ מאַנסאַרדע,
פֿון אַ הויכן נעסט — וואו ס׳וואוינען קינסטלער.
אַ ווילדער זונען־אונטערגאַנג איז דאָס געווען!
אַ זומער שטורעם האָט זיך ערשט אַדורכגעטראָגן,
אַ רעגנדל האָט נאָך געשפּריצט, געזיפּט בריליאַנטלעך,
איבערן בונטן וואַלד פֿון קוימענס, קופּעלן און שפּיצן;
געשפּילט זיך קינדיש־לוסטיק אין באַהעלטערלעך
מיט די אָונט־שטראַלן פֿון דער סיוון־זון:
דאָ קוקן זיי אַרויס — פֿאַרטראַכט ער זיך און שווייגט,
באַהאַלטן זיי זיך — לויפֿט ער באַלד זיי זוכן
מיט טויזנט טאַנצנדיקע, קנאַקעדיקע פֿיסלעך...
אין זיין אָפּאַלן־שטויב, אויף בלעך און ציגל דעכער,
האָט זיך דער זומער־טאָג געקויקלט אַ געקוילעטער
אַלץ נעענטער צום וואָלקנדיקן מערב־תהום;
אין אייגן בלוט פֿאַרגאַנגען און געלאַכט,
אַראָפּ פֿון זינען פֿון גרויס שמערץ און רייכקייט,
אין הפֿקר אויסגעשאָטן אַלע זיינע אוצרות.
און אָנגעטרונקען האָבן זיך די אָונט־וואָלקן,
ווי גרויסע שוואָמען מיט זיין העליש בלוט
און איינגעטונקט אין גאָלד די ווייכע ברעגן;
ווי פֿאַרוסן פֿון רויטן וואָל זיך אָנגעבלאָזן,
ווי נעפּלדיקע בערג קאָראַלן אויפֿגעשטאַנען,
ווי ווייטע ריטער־שלעסער, וועלכע ברענען
פֿון אינעווייניק און ווערן נישט פֿאַרברענט;
געריכער יום־טובדיק ווי גאָלדענע מזבחות,
צעשויבערט זיך ווי פֿייערדיקע קודלעס
פֿון ציקלאָפּן, וואָס שטרייטן שטומערהייט
און שטעכן זיך מיט קאָסע שפּיזן־ליכט
און גלאָצן בלוטיק מיט איין אויג אין שטערן...
זיי זיינען אָנגעגאַנגען שווער פֿון הימל־סטעפּן,
מיט ראָזע זיילן שטויב אין הייסן וועג, —

ווי העלפאַנדן פון הינדו טאַטואירטע:
די נעז — ציטראָנען־געלב, די פיס — צינאָבער־רויט,
די בייכער — ווילד באַמאָלט מיט היעראָגליפן.
און אַנדערע, ווי משונהדיקע קעמלען,
זיי קומען אָן נאָך די... זיי ציען אין אַ רייע
אויף שימערדיקן זאַמד דורך פעלזן פון בורשטיין.
און טראָגן רואיק אויף די שטאָלצע הויקערס
אַלע הימל־רייכקייטן און ליכט־קאַפריזן —
ירושה פון דעם טאָג, ירושה פון דער זון
פאַר בלומען בענקנדע און שעפערישע אויגן.

און פלוצלונג האָט פון רעכטס און לינקס געגומען בליען
אַ רעגנבויגן — ניי און פריש, מיט אַלע גלאַנצן
פון טעמפל־פענסטער, אָנגעזאַפט מיט שיין, —
געוועלבט זיך פאַסנוויז אַלץ העכער, רונדער,
איין העלפט האָט זיך פאַרנויגט אַנטקעגן ס׳צווייטע
און ווייך באַגעגנט זיך אין מיטן הימל...
אַזוי אַראָפּגעלאָזט, מיטביידע שײנענדיקע עקן,
דורך פייערדיקן שוים, אין האַרץ פון שטאָט, —
האָט ער אַרומגעכאַפּט די גרויסע מערב־זעאונג
אין אַ האַלבער, קיילעכדיקער ריזן־ראָם,
און ווי אַ טויער פון טריאומף געבליבן שטיין
צווישן טאָג און נאַכט; צווישן קילע שאָטנס
און אָנגעגליטע וואָלקן.
און דורך אים און הינטער אים איז אַלץ געשוואומען
די העלישע פראַצעסיע פון די נעפלען,
פון גייסטער פלאַמענדיקע — נישט פון דער וועלט.
דאָס זיינען אָבער ניט געווען מער אָפענע געשטאַלטן!
נאָר די פאַלעס זייערע, מיט רויכיגע אָראַנזשן־פרענדז,
איז נאָך געווען צו זעען דורכן טויער;
נאָר די גאָלד־סאַנדאַלן האָבן דאָ און דאָרט געפינקלט
ביים איבערטרעטן טייכלעך ווײַן אין וועג:
די גלוט־געזיכטער האָבן זיי געהאַט פאַרדעקט
מיט ברוינע פאַלדן כמאַרע, מיט בלאָען רויך פאַרשלייערט,
זיך מער נישט אומגעקוקט אויף הינטן.
דורך די שווערע, רייכע פאַלדן האָבן זיי
אָן שרעק אַריינגעבליקט נאָר אינעם מערב־תהום,
וואוהין זיי גייען קאָפּ־אַראָפּ...

און גייענדיק אין אָפּגרונט — פֿרום געסודעט,
אַז מענטשן זאָלן אויך פֿאַרבאָרגן דאָס געזיכט.
צי אפֿשר האָט דאָס גאָר דאָס לעצטע רעגנדל
געשושקעט, טריפֿנדיק און שפּריצנדיק אויף דעכער,
האַלב־שאָטנדיק און דריבנע, האַלב באַלויכטן,
ווי לאַנגע, פֿאַלנדיקע שנירלעך גלאָז, —
און כ׳האָב זיין שטילן רויש פֿאַרנומען ווי אַ ליד:

מיט בלייכן פֿלאַם אויף רויטן,
מיט בראָנז אויף מוטערפּערל,
מיט לילאַ־שיין אויף געלבן גלוט, —
איז צאַרט און שאַרף, און טריב
און דורכזיכטיק געשריבן
גאָטס כבוד אין די הימלען.
דורך רעגנבויגנס גייט
דאָס ליכט פֿון אַלע ליכטער!
אָט קומט ער אָן אַ ל י י ן...
זיין רייטוואָגן אין וואָלקן,
און פֿלאַמען — זיינע רעדער.
און ווינטן — זיינע פֿערד,
און ברואים לעגענדאַרישע, —
געמישט פֿון מענטש און חיה,
האַלב־ספֿינקסן, האַלב־מלאכים,
פֿון וואָר און טרוים געפֿלאָכטן,
ווי אַראַבעסקן לעבנדע —
באַגלייטן אים אין וועג.
באַהאַלט, אָ מענטש, די אויגן!
נאָר בלינדע קאָנען קוקן
דער תמוז־זון אין פּנים;
נאָר טעמפּע קאָנען אויסשטיין
דער שענקייטס טיפֿע בליקן;
נאָר גאָטלאָזע דערוועגן זיך
באַטראַכטן קאַלט זיין כבוד...
פֿאַרמאַך דיין שטאָלצן פֿענסטער
און לאָז אַראָפּ די שטאָרן!

„כי לא יראני
האָדם וחי"...

אָ, היט דיך, היט דיך, מענטשן־קינד!
דיך שווינדלט שוין פֿאַר פּראַכט;
דאָס אָונט־גליק, עס נאָגט דיך,
די אויבער־שענקייט פּייניקט, —
ווי אַלע געטער ליבט זי
קרבנות און עקסטאַז...
דיר צוקן שוין די אָרעמס,
עס דוכט דיר — ס'זיינען פֿליגלען,
עס ציט דיך שוין אַ שפּרונג־טאָן
פֿון הויכן קינסטלער־נעסט...
אָ, קוק זיך אום! ווער שטייט דאָרט
אין צימער הינטער דיר?
— דער נאַכט־שטן פֿאַרוויקלט
אין שאָטנס שטייט און לוגט...
דאָס שטופּט ער ווייך־פֿאַרפֿירעריש
און רעדט דיך אָן, זאָלסט זינדיקן, —
אַלץ מער און מער זיך ציען
און וואָס מען טאָר נישט זען!
אים גלוסט זיך זען דיך זינקען
צוזאַמען מיט דער זון...
ער וויל דיין בלוט פֿאַרגיסן
און — מאַכן פֿון דיין לעבן:
אַ קליינעם זונען־אונטערגאַנג
מיט טונקל־רויטע פֿלעקן,
דאָ אונטן אויפֿן ברוק...
פֿאַרמאַך דיין שטאָלצן פֿענסטער
און לאָז אַראָפּ די שטאָרן!

„כי לא יראני
האָדם וחי"...

און איך האָב דאָך געקוקט און איך האָב אַלץ געזען,
און בין געבליבן לעבן;
געברענט מיט יענער זעאונג ביזן סוף צוזאַמען
און נישט פֿאַרברענט געוואָרן.
און ס'האָט זיך מיר געדוכט: די ערד איז נאָך נישט אָפּגעקילט,
און דין איז נאָך איר הויט און קראַמפּט פֿאַר ליידנשאַפֿט
מיטן גאַנצן יונגן קערפּער אין גאָטס אָרעמס;
און זויגט אין זיך זיין גבורה, האַלב־געחלשט,

מיט אַלע אירע רויכערדיקע אָפּגרונטן.
אָט דאָרטן אין עק הימל, הינטער מויערן,
דאָרט פלאַמען נישט די רויטע כמאַרעס, ניין!
דאָס פייערן און זידן אור־וואולקאַנען,
דער איבערפלוס פון שאַפונגס־קראַפט פאַרפלייצט די וועלט,
די קוואַלן רויע פאַרבן גיסן זיך אומזיסט...
און דעם רעגנבויגן האָט גאָט אויפגעהאַנגען פאַר אַ צייכן,
אַז נישט אַלץ וועט ער פאַרדאַרבן מיט זיין לײדנשאַפט;
אַ גרענעץ — וועלכע ס׳טאָרן נישט אַריבערגיין
די הייסע, אויפגעברויזטע הימל־קרעפטן.

און כ׳האָב אַראָפגעקוקט אין הויף פון דער מאַנסאַרדע:
אַ טיפער ברונים — שטיין און אייזן, פול מיט שאָטנס,
אַ פייכטע נאָרע פון אַ חיה פאַרן מבול...
און כ׳האָב געגלויבט, אַז באַלד וועט זיך אַ ריר טאָן
דער גראָער פאַנצער פון דעם שטיינער־ברוק:
דאָס גאַנצע דנאָ פון טיפן הויף וועט זיך צעוויגן
און ס׳וועט אַ שפרונג־טאָן פויל אַן איכטיאָזאַווער,
וועט אויפמאַכן אַ ריזן־פיסק און טאָן אַ געגעץ
און אָנהויבן צו אויסקוקן זיין נאַכט־רויב
מיט שמייכלדיקע ריזן־אויגן פון אַ זשאַבע...
און גרויסע פלעדער־מייז, מיט קראָקאָדילן־מיילער,
וועלן אָנהויבן צו פליען פון די קוימענס,
וועלן פלאַטערן, ווי שטיקער חשך, אָפּגעריסן
פון אַלטע אָפּגעמעקטע תקופות, —
און, מיט אָפּגעלעבטער ווילדקייט, קרום אַריינקוקן,
דורך שוועבלדיקע שוואַרצאַפלען, אין פענסטער.
אָט באַלד, אָט באַלד — —
עס ווייעט אַ קעלטל,
עס שטרעקן זיך שוין שאָטנס איבער מיר.
ניטאָ קיין רעגנבויגן מער, ניטאָ!
דער מערב־זוים אַליין ער גליט נאָך בלייך און ליבלעך.
וואו בין איך אויף דער וועלט? וואו זיינען
קולטורן, שטעט און פעלקער? אַלע ליגן
ווי הויפנס שערבלעך גאָט צו־פוסן,
און וואַלגערן זיך, מיט זייער ז ײ ן און נ י ט־זיין
אין גאָלדענעם שטויב פון זיינע זונען־אונטערגאַנגען,
פאַרשעמט — אין ווייטן אָפּגלאַנץ פון זיין ליבע.

פאַריז, 1910.

ד. די בלינדע קעניגין

מיכאל ראבינאוויטשעס אנדענקען

(הארבסט־פאעמע)

זע, ווער בלאנדזשעט דארט
אינעם בלעטער־פאל? —
— ס'איז דער יעסיען גייסט,
ס'איז די קעניגין
מיט דער קראנקער פארב
אויף דעם וואקס געזיכט,
מיט די בונטע שיך
פון סאפיאן און גאלד.

אירע אויגן — שטאר,
מוטער־פערל בלאנק;
און איר מלוכה־קלייד
איז פון שפין־געוועב.
ווייסע זיידן־פרענז
ציען זיך פון זוים,
רעגנבויגן־שטויב
ציטערט אינעם זייד.

קאלט איר אויג און בלינד, —
גייען גייט פאראויס
איר געפיל און טאפט, —
דורכן וואלד און דארף.
וואס איר אויג ניט זעט —
זעט איר בלאסע האנט,
וואס איר האנט ניט רירט —
שפירט איר שיכעלע.

א, ווי טרויעריק־רייך
איז איר תשרי־וועג!

גליקלעך און פֿאַרזאָרגט
שמייכלט יעדער קוסט;
ס׳דריקט די גאָלד׳נע קרוין
אויף די בירקן־קעפּ;
קראַנק פֿון פּורפּור־גליק
גריסט דער לינדנבוים.

אַלץ וואָס שפּראָצט און וואַקסט
שפּילט איצט פּורים־שפּיל:
פֿריער אַזוי פּראָסט,
צנועדיק און גרין, —
איצטער בונט און ווילד,
פֿאַרמאַסקירט, פֿאַרפֿאַרבט
מיט קאַרמין און בראָנז,
ווי צום קאַרנאַוואַל.

שטייען אומעטום,
גרייט אויף באַרג און טאָל, —
און די הויפֿנס פֿול
גינגאָלד־קאָנפֿעטי;
לאַכן, קוקן אויס
זייער מלכה־הארבסט;
פֿרייען זיך אין שרעק:
ש...שאַ! זי גייט, זי גייט...

קומט זי אָבער אָן
מיט איר שטאַרן בליק,
ציטערט מיט קיין ברעם
ווען מען שיט זי אָפּ, —
בלייבן זיי פֿאַרשעמט,
ווערן רויט און בלאַס;
און די הויפֿנס גאָלד
פֿאַלט זיי פֿון די הענט.

וואו זי גייט אַדורך —
פֿאַלט איר צו די פֿיס
ס׳גאַנצע מאַסקן־פּראַכט,
שפּרייט אַ טעפּיך אויס —

פּערסיש אויסגעוועבט.
אין איין קווייטן־שפּיל;
זאַפרען, שוועבל, בלוט,
צימרינג און מאַראַנץ...

וואו זי שטויסט זיך אָן
מיט איר רויטן שוך —
שיט זי אָפּ ווי שניי
ד׳לעצטע, שווערע רויז;
און די קאַוועגע —
ווייס און גרין געשטרייפּט, —
ציט איר נאָפּל איין,
רייסט זיך אָפּ פון דר׳ערד.

וואו זי גיט אַ הויך, —
דאָרטן מפּילט שטיל
ד׳אַלטע באַרנטע
איר כל־נדרי־באַר,
איר בן־זקונימל;
און די פלעדער־מויז
חלשט און שלאָפט איין
אין איר חורבה־שפּאַלט.

פון איר בלינדן־קוק —
מוטער־פּערל־בלאַנק, —
קראַמפט אַ הויט פון אייז
איבער וואַסערלעך;
שווימט אַ נעפּל אָן,
מישט די לופט מיט מילך;
און דער טאָג ער לויכט
ווי פון יענער וועלט.

אויס דער מאַסקאַראַד,
אויסגעלעשט די ליכט! —
בלייבן שטיין די געסט
אויסגעניכטערט, הויל;
קלאַפּן צווייג אָן צווייג,
דעקן זייער שאַנד

מיט די דאַרע הענט
און פֿאַרדעקן ניט.

נאָר איין דעמבל דאָרט —
שכור נאָך פֿון באַל,
שאָקלט מיטן פֿליך,
שיט, ניט מיר ניט דיר,
שטיקלעך בראָנז־פּאַפּיר;
און זיין לעצטער לאָק
פֿלאַטערט נאָך אין ווינט,
שפּילט זיך מיטן טויט.

נאָר די סאָסנע גרינט
אָפּגעזוונדערט, פֿרום:
— איך האָב ניט געשטיפּט —
וועלק איך ניט אַצינד,
איך האָב ניט געברענט —
פֿריער איך ניט ווי זיי;
זילבערט מיך דער פֿראָסט —
שמעק איך אַלץ מיט פּעך...

און די מלכה־הערבסט
איז שוין ווייט אַוועק;
פֿון איר וויסטן וועג
גרייכט נאָך אַ געזאַנג:
ס'איז איר אָפּשיד־ליד...
ווער עס הערט דער הערט,
ווער עס הערט ניט — זאָגט:
„האָרך, עס קלאָגט דער ווינט!"

שטיל! די בלינדע זינגט...
אַלט — איר ליד און ניי:
„איז געשען אַ נס
האָט קיין זעל געוואוסט;
קומען וועלן פֿיל
וואונדער אויף דער ערד, —
ווען קיין קינסטלער־אויג
וועט דאָרט מער ניט זיין".

און זי קלאָגט אין ליד,
אַז דער צויבערער
מאַכט פֿון שערבלעך גאָלד,
פֿוילט אַליין אין נויט;
און די שענסטע ווייב
שטאַרבט, ניט וויסנדיק,
ווי עס האַלזט אַ מאַן,
ווי עס זויגט אַ קינד.

ווי אַ קראַנקער לייב,
אין אַ צפֿון־לאַנד, —
קוקט אַרויס פֿון שטייג,
טרוימט פֿון זון און זאַמד;
זעט אים אויס דער שניי
ווי אַ הייסער סטעפּ,
פֿליט אַ ראָב פֿאַרביי —
צוקט אַן אָדלער דורך...

און זי זינגט אין ליד,
אַז משיח קומט;
ערגעץ גייט ער שוין,
קיינער ווייסט ניט וואו.
אַלע וואַרטן מיד,
אַלע שלאָפֿן איין,
פֿון דעם לעצטן פֿאַקל
ציט אַ בלאָער רויך.

ס׳רייסט זיך אָפּ פֿון שטאַנג
די באַגריסונג־פֿאָן,
מיט דעם בלעטער־פֿאַל
צאַפּלט זי אין שטויב.
אויפֿגעקנייטשט, פֿאַרפֿוילט
וועלקט זי פֿאַרב נאָך פֿאַרב; —
„און... משיח קומט,
און משיח גייט!“...

אוי, ווער רוישט דאָס דאָרט
אינעם בלעטער־וועג!

און ווער זינגט פֿאַרבענקט
אין דעם וויסטן פֿעלד — ?
ס'איז דער בלינדער גייסט,
ס'איז די קעניגין
מיט די בונטע שיך
פֿון סאַפֿיאַן און גאָלד.

בערלין, 1915.

ה. פּעטער שנייער

1

פּעטער שנייער איז אַ יורד;
ס׳האָט דער טוי־ווינט אים דערשלאָגן;
אַש — דער הימל, דעכער — שימל
און די נאַסע סעדער קלאָגן.

אין דעם נודנעם, ברודנעם שטעטל
ליגט ער שכור אויסגעצויגן,
בלעזלט קאַלט מיט שוואַרצע ליפּן,
פינטלט שוער מיט וויסטע אויגן.

אַרום אים צעפּליקט, צעריסן
ליגט זיין ליינענע קאַפּאָטע;
פון די גוואַלד־ריסן און לעכער
טריפט עס קויט און שפּריצט מיט בלאָטע.

וואו אַ פּאָלע, וואו אַן אַרבל,
וואו אַ זאָק און וואו פּאַנטאָפל...
אַזוי וואַלגערט ער זיך, דרעמלט,
זינגט און וויינט און ס׳איז אים שפּל.

2

קומט צוגיין דער פראָסט, דער מזיק,
כאַפּט אים טרייסלען... קיצלט, מינטערט:
— שטייט נאָר אויף, רב־פּעטער, פאָפט ניט,
ברר... עס פרעסטלט און עס ווינטערט!

און ער קנאַקט און גלאָצט מיט אויגלעך,
און ער קנייפּט און וועקט אַלץ העכער;
און ער קלינגט, ווי ליוסטרעס קלינגען,
וואַרפט מיט צעפלעך־אייז פון דעכער.

כאַפּט זיך אויף דער פֿעטער שנייער,
רייבט די אויגן, ניסט מיט פּאַרע; —
„צו געזונט, רב קרוב־״ קרעכצן
צו די בוימדלעך, די דאַרע.

שטעלט זיך האָפּערדיק דער פֿעטער,
לוסטיק־קאַלט טוט ער אַ שוידער;
וועט, שמייסט־נאָך דעם פּרעסטל ליבליך:
„אָך דו עזותניק, דו פּלוידער!״

3

מיט אַ פּאַנפּעדיק געזאַנגל
הויבט ער אויף, ציט אָן פּאַמעלעך
זיין כאַלאַטל דעם צעפּליקטן,
און פֿאַרבינדט דעם גאַרטל פּריילעך.

אָך, זעט צויבער איבער צויבער:
ס׳ווערן גלאַט די ברודנע לאַטעס,
ס׳ווערן אויסגעפּילט די לעכער,
בלאַנקער אַטלאַס ווערט פֿון שמאַטעס.

ווייס און האַריק ווערט זיין קאַלנער,
די פּאַנטאָפּל — העלער, ווייכער;
ווערט זיין מאַנטל — פֿוך און זיידנס,
און די באָרד און לאָקן — בלייכער.

גיט ער זיך אין אייז אַ שפּיגל;
— העט אַ מעשה, העט אַ וואונדער!
כ׳בין אַ יונגער איינגעשלאָפֿן,
שטיי אַ זקן אויף אַצונדער...

זיינען מיר, ווי בן־עזריהן, —
גראָע האָר, צוועלף ברייטע ציילן
איבער נאַכט אין באָרד געוואַקסן,
און די ברעמען — ווייסע פּיילן.

פֿון מיין לייוונטענעם מלבוש
איז אַ פֿוטער גאָר געוואָרן;

ווייסער פֿוקס מיט זייד אַ קלאָרן,
מיט אַ זילבער־גורט אַ קלאָרן.

4

און פֿאַרוויִט, פֿאַרשנייט, פֿאַרזילבערט
גייט ער מלכותדיק געלאַסן,
הענגט אַן פֿרענז אויף אַלע בוימער,
שיט אויס פּוך אין אַלע גאַסן.

וואַרפֿט אויף דעכער רייכע פֿאַלדן,
אויף די צוימען — ווייסע הייבלעך;
פּודערט אָפּ מיט קאַלטע פֿעדערן
באַק און האַלז ביי יונגע ווייבלעך.

גיט אַ שמיר מיט נאַסע פֿינגער
אונטער קראַגעלעך ביי פֿראַנטן;
און פֿון קליינע שיכלעך מאַכט ער
גראָבע פֿיס פֿון העלעפֿאַנטן.

לויפֿט נאָך ממזריש־פֿאַרשמייעט
נאָך אַן אָרעמינקן פּויער:
„טשויש! כ׳דאַרף אַ סוד דיר זאָגן!"
און... אַ שפּיי אים קאַלט אין אויער.

5

אַלע כמורען זיך און לויפֿן,
קיינער וויל קאַטאָוועס טרייבן;
קאַלנערס שליסן זיך געברוגזט,
אָרעמס טרייסלען אים און רייבן...

פֿעטער־שנייער שמייכלט פֿאַר זיך
אין די שווער־פֿאַרשנייטע וואָנצעס;
מורמלט גראָבלעך: עך, בטלנים,
קרומע נעזער, אַלטע שמאָנצעס!

כ׳וועל אַרויסרופֿן די קינדער
מיט די אויגעלעך, וואָס בליצן,

זיי, נאָר זיי פֿאַרשטייען, ליבן
פּעטער־שנייערס ווינטער־וויצן.

כ'וועל אַרויסלאָזן די יאָטלעך,
ווען מענס ציינדעלעך עס גלאַנצן...
אַז רב שנייער ווערט אַ דרייער —
גייען ווייסע חברה טאַנצן!

6

קלאַפּט ער אָן אין אַלע פֿענסטער,
אין די קוימענס טוט ער ברומען:
— שקצים, עכּבּרשים, ליידאַקעס,
קוקט... אַן אורח איז געקומען!

פֿון אַ צפֿון־לאַנד אַ וויטן, —
וואו מען פֿאָרט אַ גאַנץ יאָר שליטן,
איינגעשפּאַנט מיט הירשן... בין איך
אויף אַ ווינט צו אייך געריטן!

ציט אָן פֿוטערלעך, מזיקים,
היידאַ, גיכער די באַשליקן!
אויסגעגלייכט איז ערד און וואַסער,
איבער זומפּן ליגן בריקן.

אונטערן שניי פֿאַרדעקט, באַהאַלטן
האָב איך אייך אַ גליטש געשליפֿן:
פּוצט אים אָפּ מיט פֿלינקע פֿיסלעך,
לאָמיר בקאָמפּאַניע שטיפֿן!

איך וועל ווייען, איר וועט רייבן,
אַזוי וועט דער גליטש זיך שאַרפֿן:
לאָמיר קייקלען, קלעפּן „מענטשן",
און מיט קניידלעך שניי זיך וואַרפֿן.

באַרג־אַראָפּ אין קלאָרע טאָלן
לאָמיר קאָפּ אויף קאָפּ זיך שליטלען!
ס'זאָל אַ ווייסער וויכער ברויזן
און אַראָפּרייסן די היטלען...

7

ס׳איז מיר נודנע אָן איך, קינדער; —
אַלטע מאַכן לאַנגע נעזער,
ווייבער קרימען מיט די פּיסקלעך...
איר, נאָר איר פֿאַרשטייט מיך בעסער!

כ׳וועל איך אָפּדאַנקען, אָה, קליינע,
אין די ווינטער־נעכט — שוואַרץ־ווייסע!
כ׳וועל איך זינגען אין די קוימענס:
זיסן שרעק... אַ לאַנגע מעשה.

כ׳וועל איך כשופן אין פֿענסטער:
ווילדע יעגער, ווייסע בערן.
כ׳וועל איך פֿאַרשפּילן אַלע העלדן
פֿון מיין־ריד און פֿון זשול־ווערען.

פּאַריז, 1918.

ו. שבת

1. הקל תפוחין...*

דער שם־הויה!... און אַ ווינטל ווייעט פון סעדער,
דורך סודותדיקע, שאַרכנדיקע שאָטנס...
קינדווייז, ווען איך פלעג פון טאַטנס ליפן,
אין שבתדיקן קידוש, דערהערן אַזאַ נאָמען,
איבער דעם פולן כוס און סידור אָפענעם,
אין נוסח פון אַר״י הקדוש, —
פלעגט דערגיין צו מיר אַ וואַניק־גוטער ריח.
און פאַר מיין גייסטיק אויג —
אַ פעלד אַ גרינס, אַרומגעצוימט מיט ביימער,
פאַרפלייצט מיט עפל צייטיקע,
מיט לויכטנדיקע, גילדערנע און רויטע כוואַליעס עפל.
ווען האָב איך דאָס געזעען אַזאַ פעלד?
וועל איך עס זעען נאָך אַ מאָל אין לעבן?...
און ס׳פלעגט די זעאונג שווינדן אין אַ רויך
פון געהיימניספולע פאַרבן, ווייטע ריחות,
וואָס כ׳האָב שוין ניט געקענט דערכאַפּן.

און אין נ אָ ר מ אַ נ ד י ע דער געבענטשטער, —
דאָס לאַנד פון יערנדיקן עפל־וויין,
האָט זיך דער זעלבער גאָט צו מיר אַנטפּלעקט, —
דער גאָט פון שבת און פון קינדהייט.
אין שמעקנדיקן עפל־לייב האָט ער זיך אַנגעקליידט,
זיך באַהאָפטן מיט דער ברכה פון דער ערד.

אַרום מיר האָט דאָן געשפּילט אַ ים פון אויבסט
מיט אַן אַלעע פון עפל־בוימער אינדערמיט.
און אין אַלעע, אין דער שאָטנדיקער
ליגט אַ שליאַך באַשאָטן מיט די פאַל־עפל,

---

* „אַ פעלד פון עפל״ — איינער פון גאָטס אַטריבוטן אין דער קבלה און אין שבתדיקן קידוש ביי חסידים.

די גאָלדיקע, רויטבעקלדיקע.
אַ פויערישער וואָגן פאָרט איבער דעם שליאַך,
און איך — אין וואָגן.
די טראָגעדיקע בוימעכעס מפילען די פירות
ביי מיר אין שויס און אויפן פערד און זיין געשפאַן.
דער סוס — ער שאָקלט גוטמוטיק מיטביידע אויערן,
און ס'פאַלן איבער זיי די העל־קאָלירטע עפל.
די שווערע רעדער דרעשן זיי. און ס'שפריצט
דער שמעקנדיקער זאַפט אויף קלויען
און אויף די אָקסן די געדיעגעכצטע.
צעקוועטשטע שמייכלען נאָך די עפל, קוועלן־אָן
מיט גאָלד־און־פורפל־הויט און שוואַרצע קערלעך,
און ס'שלאָגט פון זיי אַ וואַיניק־קיצלדיקע פּאַרע.
עס טרייסלט אונז. מיר בוקן זיך אין וואָגן
צו דער עפל־וועלט, צום העלן האַרבסט־טאָג;
און די צווייגן, די באַלאָדענע — צו אונז...
ווי פאַרשכורט שפּאַנט דער פערד
און שלעפּט אונז, די האַלב־שכורע סעדאַקעס,
פון בוים צו בוים, פון ריחות צו קאָלירן.
און אַלע, פערד און מענטשן, שאָקלען מיט די קעפּ
צום טאַקט פון קלויען און צום סקריפּ פון רעדער.
אָ, וואו האָב איך געזען אַזאַ בילד פון פרוכטבאַרקייט?
אויפן וואָר, צי אין אַ חלום דאָס געזען —
און דאָ איז זיין באַשיידונג?

און פּלוצלינג האָב איך מיך דערמאָנט
אָן דער גאָטהייט פון די ווייטע קינדער־יאָרן;
ביים טאַטנס ווייס־געדעקטן טיש האָט ער געשוועבט,
פון שבתדיקן קידוש־בעכער מיר געשמייכלט.
און כ'האָב צום צווייטן מאָל דערזען א י ם,
אין פרעמדן לאַנד, דערזען אַ לויכטנדיקן,
אַ פרוכטיקן, אַ שווינדנדיקן,
און ס'זיינען פול די פעלדער מיט זיין כבוד.
ער ווערט צעטראָטן, כביכול, אינעם גרויסן האַרבסט־גליק
און דאָך איז גאַנץ זיין רייכקייט,
זיין פּראַכט איז ניט געמינערט.
צעגייט אין זאַפטן און אין עפּל־פליישן

דרוק־גרייזן צו פֿאַרריכטן

זייט	שורה	איז געדרוקט	דאַרף זיין
11	2	ערגעיי־וואו	ערגעץ־וואו
47	8	אָפּלעבן	אויפֿלעבן
47	9טע שורה געהערט	פֿריער: נאָך דער 6טער שורה	
62	2	און נייאינקע	אין נייאינקע
66	15	זינגנדיק	זיגנדיק
71	11	ווערט פֿון פֿראָסט	ווערט גראָ פֿון פֿראָסט
98	21	קרוים־קאָפּ	קרויט־קאָפּ
111	12	שטאַרק פֿאַרוואונדערט	שטאַר־פֿאַרוואונדערט
124	12	אויסגעפּוצטע	אויסגעפּוצט
134	13	פֿוסט	פּוסט
138	פֿאָרלעצטע שורה	אויף זיין קאָפּטוך	אויף דיין קאָפּטוך
145	פֿאָרלעצטע שורה	איינערן ווי אַלע	איינער ווי אַלע
158	לעצטע שורה	קאָן דאָס ניט	קאָן דאָס ניט פֿאַרווישן
169	3	ברייטהאַרציק און	ברייטהאַרציקייט און
173	9	גרין און רונדיק	גרין און רואיק
198	1	מיט זייד אַ קלאָרן	מיט זייד געפּוטערט
204	19	וואָעכדיקער	וואָכעדיקער
211	7	ס׳לייענט זיך זיי	ס׳לייענט זיין
219	20	און דורכגעשריקט	און דורכגעשטריקט
236	27	זיכערקייט לאַנצעט	זיכערסטער לאַנצעט
238	23	אַ וויטער טומל	אַ וויסטער טומל
249	13	איבערפֿולטע הערצער	כלומרשט־ברייטע הערצער
255	25	און תהובן	און תהום׳ן
256	13	און זאָגסטו	און זאָגסט
261	23	רייבט זיך צוריק	רייבט זיך דורך
295	4	פוילן ווערט שוין	ווערט שאַרף
311	23	נונג	(איבעריק)

און טוליעט זיך, מיט ליבשאַפֿט, צו דער ערד.
פֿילט אָן דער ריח פֿון זיין זרע
די גאַנצע וועלט,
און זיין גבורה־איבערפֿלוס פֿאַרפֿלייצט
דעם גרויען פֿלאַסטער פֿונעם שליאַך.

2. אַ לויב־געזאַנג דער מלכּה

ווי אַ פֿיינער קאָנסערווירטער אתרוג־ריח
האָט מיר אַ וויי־געטאָן דיין דופֿט,
פֿון טאַטנס אויפֿגעמאַכטן ירושה־סידור;
אַ קבר האָב איך אויפֿגעריסן, און געפֿונען
דיין ווייסע ליליע אויף זיין שוואַרצן גרונט.
און ס'איז אַ ליכטיקייט מיר אויפֿגעגאַנגען
צוזאַמען מיט די פּסוקים פֿון „לכה דודי״:
אַז אַלע שטרייטן, אַלע וועלט־מלחמות,
פֿון פֿעלקער און פֿון קלאַסן —
האָבן אויפֿגעפֿלאַקערט, אַלע מאָל און אומעטום,
צוליב דיר אַליין, פּרינצעסין־שבת!
נאָר פֿון דיינעטוועגן — באַוואוסטזיניק צי ניט —
האָבן לענדער זיך געשאָכטן מיטאַנאַנדער
זיך יאָגנדיק כּסדר, דור נאָך דור,
נאָך דיין ליבן, שווינדנדיקן שאָטן.
דער בידנער פּויער און דער הוילער קנעכט,
דער אַרבעטער — פֿאַרהאָרעוועט און ביטער,
דער סאַטראַפּ, דער האַר און אונטערדריקער,
נאָר דיר צוליב און אום דיין ליבע,
האָבן שטענדיק גרויזאַם זיך פֿאַרמאָסטן, —
איינער מיטן מיסט־גאָפּל, דער צווייטער מיט דער האַק,
די אַנדערע — מיט שווערד און סצעפּטער.
דער כּוהן מיט זיין רויכער־פֿאַן, דער פּאַריאַס
מיט זיין קרומען, סוקעוואַטן פֿלאַקן, —
געזוכט האָבן נאָר אין דיר די מאַכט,
געפֿילט דעם אָטעם פֿון באַפֿרייאונג.
איר שיין איז אומעטום מיט דיר געקומען,
און דיין פֿאַרשווינדן איז געווען: דער בין־השמשות
פֿון מענטשן־רעכט... דער שטאָלץ פֿון גייסט געבראָכן.
די קנעכטשאַפֿט קומט אָן ווידער.

באַלויכטן האָבן דיינע צניעותדיקע בענטש־ליכט
די שווינדל־טרעפּ פון קוילן־גרעבער,
דעם שטעג פון קינסטלער און פון פּרינצן.
פון אַלע פלאַגן פאַרביקע האָסטו געוויעט;
טיראַנישע באַזיגער און מאַרטירער,
די וואָס שמידן קייטן, די וואָס רייסן זיי,
זיי אַלע האָבן דאָך געקעמפט, אונטער דיין פאָן,
פאַר גאַנצע זיבן טעג פון לײַדיקגיין,
פאַר זיבן אַרבעט־שעה...
צוליב דיר אַליין די אַלע שטורעמס.
איין געהיימע ליידנשאַפט האָט זיי באַגייסטערט,
איין קנאה האָט זיי אַלעמען געמאַטערט:
ווער וועט ירשענען דיין רייך מיט דיר צוזאַמען,
דיין ליבע ווער וועט נאָכן קאַמף געניסן?
ווער וועט רוען אין דיין ווייסן שויס,
פון מי און זאָרגן מער ניט וויסן?
און ווער וועט שטענדיק עסן ברויט אין שוויס,
זיינע טעג פאַרשווענדן, ביזקל טויט־אַריין,
אין איין וואָכעדיקער גרויקייט;
די אויגן אויסקוקן נאָך דיין ליכטיק פּנים
און אויסגיין אין זיין בענקשאַפט — ?

אַ סך באַ׳עוולטע זיינען נאָך פאַראַן,
וואָס ציילן די מינוטן פון דיין ג׳נאָד,
ווי גראָשנס קופּערנע, אין זייער טאָרבע;
און אַזוינע — וועלכע זיינען זאַט און איבערזעטיקט
מיט דיין רו און געטלעכקייט;
וועמענס לעבן סאיז שוין לאַנג געוואָרן
איין געשמאַקלאַזער, איין גענעץ־פולער שבת.
אין דעם איז דאָך פאַרבאָרגן דער סוד דיינער,
דיין שטילע גרויסקייט — :
וואָס ווייניקער דו גיבסט, וואָס קאַרגער מען געניסט,
אַלץ טייערער — דיין ווערט, אַלץ טיפער איז דיין קוואַל.
און אַ סם ווערסטו, אַ שכורע נודאַטע,
אַ לאַנגזאַם־אַלץ־צעשטערנדיקער גיפט, —
פאַר די וואָס טרינקען צופיל פון דיין בעכער,
ווי זשעדנע פערד פון קאַריטע;

און אַ לאַנגווייל־תּפיסה ווערסטו,
אַ רויכערדיקער גהינום,
פֿאַר רשעים ליידיק־גייער,
אין שטענדיקן, בלוט־אָרעמען פֿאַרברעכן —
פֿון גראַניט טאָן, פֿון גראַניט שאַפֿן...

פֿאַררעטער טעמפּע, וועלכע קליגלען זיך
דיין גרויסן נאָמען צו פֿאַרשוועכן,
דיין צויבער צו פֿאַרשפּאַטן,
די וואָכעדיקע טעג — נאָך וואָכעדיקער מאַכן,
און דיך — מיט זיי צוזאַמען, —
אַפֿילו די, ניט וויסנדיק אַליין,
פֿאַרגרעסערן דיין ווערט
און מאַכן זעלטענער דאָס גליק
צו ליבן דיך, צו זיין מיט דיר
אין גרינעם טאָג, אין מדבר פֿון דער וואָך;
אַפֿילו ד י וועלן נאָך, פֿריער־שפּעטער,
פֿאַרבויגן זייער גרויען קאָפּ פֿאַר דיין מלוכה־שטול
און צופֿאַלן צו דיינע פֿיס אין די באַגילדעטע שיכלעך,
אין דער שעפֿערישער־רו וואָס וועט באַגליקן אַלעמען,
אין שבת איבער אַלע שבתן.

3. לקראת שבת

זיינען אַרויס דריי דורות מקבל־זיין
דאָס ליכטיק פּנים פֿון דער מלכּה־שבת,
און זי ניט אויפֿגענומען ווי געהעריק.
אין אַ וואָכעדיקן שלייער און אַ באָרוועסע
האָט זי אַוועקגעוואָקלט אין דערוויטנס.
און אירע אונטערפֿירער — משיח און די גאולה, —
מיט ליכט פֿאַרלאָשענע, האָבן זי באַגלייט
און אין נעפּל זיך צעשמאָלצן אַלע דריי.

ערשטער דור:

דער זיידע האָט אַ שענק געהאַלטן אין אַרענדע,
אין גרויסן מאַרק, דעם קלויסטער קעגנאיבער;

אַ פּלאַץ — מיט פּערדנמיסט באַשפּרענקלט,
באַפּלעקט מיט רעשטן ברודיקע פון מענטשן.
דאָרט האָט זיין מלכּה־שבת אירע ליכט געצונדן
אין מעשענע און קופּער־רויטע לייכטער.
האָט אים די נשמה־יתרה ווייך באַלויכטן,
זיין צער מיט איר טרייסט געזאַלבט.
ביים שיין פון חלב־ליכטלעך גראָשענע
האָבן אויך דער באָבעס קנייטשן אויפגעלויכטן.
אָבער גויים שכּורע, די גראָבע סערמיגעס,
האָבן אין ביידנס שבת זיך אַריינגעריסן,
געפּאָדערט בראָנפן מיט געוואַלט:
„האָריִלקו, ייִד, זאָלסטו פּאַרקויפן!"
אַזוי האָבן זיי גערעוועט ווילד,
געקלאַפּט מיט וואַרצלדיקע פויסטן אויפן טישטוך
וואָס האָט צוגעדעקט דעם בידנעם טיש
מיט אַלע זיינע וואָכעדיקע קרועס.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן קריג און צאַנקעריי
ביים שוועל פון וואָכעדיקייט און שבת־קודש,
און ס'האָט די באָבע נאָכן ליכט־בענטשן געוויינט.
אַזוי האָט ער געקעמפט, דער זיידע, אַלע זיינע יאָרן,
כּדי אָפּצושיידן ליכט פון פינצטערניש,
וואָך פון הייליקייט, ייִד פון גוי,
און ניט באַוויזן דאָס צו טאָן...
נאָר אויף זיין טויט־געלעגער
האָט ער זיין עלטסטן זון, מיין טאַטן, אָנגעזאָגט
ער זאָל ממלא־זיין וואָס ער אַליין האָט דורכגעלאָזט,
די פּגימות פון פאַרשוועכטער הייליקייט צו היילן
און אָפּהיטן דעם שבת... אָ, דעם שבת!

צווייטער דור:

דער טאַטע, אָבער, איז געווען אַ נע־ונדניק,
אַ לעבן־לאַנג געוואָגלט.
געווען פאַרבאָטן אין זיין צייט, פאַר ייִדן,
צו האַלטן שענקן, מיט ווייַן צו האַנדלען.
האָט ער ווייב און קינד און היים פאַרלאָזן,
געיאָגט זיך שטענדיק נאָך פּרנסה.

נאָר זי איז פֿון אים אומעטום געלאָפֿן
און אים פֿאַרפֿירט, אַ פֿאַלשע און אַ שימערדיקע,
מיט בלישאַסקנדיקע זילבער־שופּן, ווי אַ שרץ.
אוי, פּרנסה!
ביז דער וואָלגאַ האָט זי אים פֿאַרשלעפּט,
ביזקל האַרץ פֿון יענער שכּורער „ראַשיי”,
וואָס קלינגט און שרעקט מיט טויזנט שווערע גלאָקן.
אַ לעבן־לאַנג איז ער אַזוי געלאָפֿן,
און זי, פֿאַרפֿרעסן און פֿאַרזויפֿן, האָט זיך רק געיאָגט
נאָך זשידעס, וועלכע גנבֿענען זיך אַריין פֿון תּחום
אָן כּשרע פּאַספּאָרטן.
מיט לאַפּעס האָריקע האָט זי נאָך אים געטאַפּט
און, מיט איר פּייכטן שנוק, גענישטערט און געזוכט
דעם טאַטנס ציטערדיקע טריט.
דורך אַלע וואָכעדיקע טעג איז אים נאָכגעשמעקט,
און, ווי אַ שוואַרצע חיה, פֿלעגט זי פּלוצים
אַריינפֿאַלן צו אים אין שבת,
אין שיין פֿון די פֿאַרשעמטע ליכטלעך
וואָס ראַנגלען זיך מיט גויישקע שאָטנס;
און אין דער שבתדיקער שטילער שמונה־עשרה, —
וואָס גייט אויף אין פֿרעמדן ווינקל,
מיט אויגן שכּורע האָט זי געפֿינטלט
און מיט שווערדן פּאָליצייאיש־בייז געקלונגען:
— דער ייד וואו איז? דער „פּאַשפּאָרט” זיינעם!
דער טאַטע איז פֿון איר געשפּרונגען אין די קעלערס,
און ס׳האַרץ זיינס, ווי דאָס האַרץ פֿון די מאַראַנען,
צעפּליקט, צעריסן האָט אין אים געוויינט;
אַזוי ווי ס׳האָט אַ מאָל געוויינט אין שפּאַניען
דאָס האַרץ פֿון זיינע עלטער־זיידעס.
אין שטאַלן און אין בוידעמס האָט ער זיך באַהאַלטן
מיט שטויב און שפּינוועב אויסגעמישט זיין שבת.
און מייז זיינען געשפּרונגען אין זיין באָרד,
וואָס האָט פֿון גאַלמעסער ק י י ן מאָל ניט געוווּסט;
וואָס אירע רעשטן טו איך נאָך אַצינד געפֿינען
אין זיינע בייכיקע משניותן — שטעטינער דרוק.
ווי ברעטער פֿון אַ שיף, פֿון אַ געזונקענער,
פֿון יידישקייט צעשטורעמטער — אַזוי־אַ

שווימען זיי אַרום אין ברכות און נזיקין,
אויף כוואַליעס פֿון מפֿרשים,
דערציילן מיר פֿון אַ צעבראָכן לעבן,
פֿון גלות און פֿאַרשווערכטע ימים־טובים.

און יאָרן, פֿאַר זיין פּטירה, אַ סך מאָל,
פֿלעגט ער די בנים זיינע אָנזאָגן,
אַז מיר זאָלן ממלא־זיין וואָס ער האָט דורכגעלאָזט
און אָפּהיטן דעם שבת... אָ, דער שבת!
ער האָט זיך אין דער שטיל דאָס האַרץ געגעסן,
אַז ניט פֿון הוילער בויט האָט ער פֿאַרשווערכט זיין שבת
און ניט אומגערן די צוואָה פֿון זיין טאַטע ניט געהאַלטן,
נאָר דערפֿאַר ווייל ער האָט ניט געהאַט די קראַפֿט
דעם יצר־הרע פֿון פּרנסה צו באַזיגן
און אַלע עולם־הזהדיקע וועלעכצן,
משיחס טריט דורך דעם פֿאַרהאַלטן.

מיט אַ טרויעריק געמיט פֿלעגט ער צו אונז,
די יורשים זיינע ריידן: זייט וויסן, קינדער! שבת איז
די גאולה בזעיר־אַנפּין,*
אַ נס איין מאָל אַ וואָך. אַ מוסטער
פֿון אַמאָליקן יציאת־מצרים...
און דער וואָס ווייסט ניט ווי אַרויסצוקלייבן זיך,
זיך אָפּטרייסלען, אין גרויסן טאָג,
פֿון אַלע וואָכיקייטן,
וועט בלאָנדזשען, דאָן אַפֿילו,
ווען משיח קומט...
דער שבת — איז די גאולה.

דריטער דור:

און איך, דער זון און אייניקל, האָב אויסגעטייטשט אַזוי
זייער צוואָה, די פֿאַרהוילענע:
דער שבת איז דער שכר פֿאַר יעדער שאַפֿונג,
דער צעבלי פֿון אַלע וואָכעדיקע פֿעלדער.
אָן שבת וואָלטן אַלע מעשים וועלקן,

* אין קליינעם פֿאָרמאַט.

קופּער־האַרט וואָלט דאַן געווען דער הימל;
סאיז דאָס ענדציל פֿון אַ יעדער מי און אַרבעט,
די פֿעסטונג פֿון געיאָגטן און געטריבטן.
צום שבת ראַטעוועט־זיך אַלץ וואָס טרינקט זיך
אין זומפּ פֿון דאגות און פֿון קליינלעכקייטן.
און ס׳דוכנען איבערן שבת וואונדער־פּאַלמען,
מיט פֿינגערדיקע, ברייטע בלעטער שיצן זיי
דעם קוואַל פֿון רחמים... ס׳זאָל ניט טרוקן ווערן.
די כוואַליעס שטייען שטיל, ווי קנייטשן גלעזערנע.
און נעפּלען בלייבן הענגען ווי זילבערדיקע טיולן.
און תּאוות ברויזנדיקע טורמען זיך
ווי ווייס־באַשנייטע בערג;
נשמות לויטערן זיך אינעם טאָל פֿון אַפּרו;
און געטלעכע חלומות פֿלאַטערן,
ווי גרויסע, רייך־קאָלירטע פֿלעדערלעד, איבער זיי...
שבת!

האָב איך אַ צויבער־קרייז געקרייזלט
אין דער וואָכיקייט, וואָס פּילט אַן מענטש און שטאָט,
אַריינגעבראַכט מיין שבת אין דעם קרייז.
כ׳האָב צוגעגרייט די ליכט מיינע, גאַנצע זיבן,
און האָב זיי מיט מיין יוגנט־פֿייער אָנגעצונדן:
די וויזיע, וואָס שעמערירט פֿון פֿאַרבן,
דעם קלאָרן שכל, דאָס געשליפֿן אויג
וואָס לאָזט קיין זאַך ניט דורך. דאָס אויער
וואָס דערכאַפּט דעם וויטסטן קלאַנג.
דעם פֿיינעם גומען צו פֿאַרזוכן
אַלע ברכות פֿון דער ערד.
די טיפֿע נייגיר און דאָס לעבנס־פֿרייד
וואָס מאַכט דאָס שווערסטע גרינג.
און איבער אַלץ — די ל י ב ע... וואָס באַלעבט
אַלץ וואָס טויט איז. און מאַכט דאָס גרויע ראָז —
דורכן זיסן שמייכל פֿון דער פֿרוי.
נאָר גלגולים פֿון די בייזע גייסטער,
וואָס האָבן די שבתים פֿון צוויי דורות
פֿאַרשוועכט, צום שאַנד געמאַכט, —
זיי האָבן אויך דערטאַפּט דעם זון און איניקל,

זיין צויבער־קרייז צעבראָכן —:
די אָרעמקייט — מיט דאַרע פֿינגער, די בלינדע
פֿלעדערמייז פֿון קנאה און אומזיסטער פֿיינדשאַפֿט;
דער פֿאַרדאַכט פֿון נאַכט־גנב אויף דעם,
וואָס באַהאַלט זיך, מיט זיין שטיל געבעט,
אין טונקעלן וואַלד...
זיי אַלע האָבן מיינע לעמפּלעך אומגעוואָרפֿן
און אויסגעגאָסן זייער בוימל אויף דער ערד.
און שפּרינג איך אויף — צוריק זיי אָנצוצינדן,
דאַן הויבן די צבֿועקעס אויף אַ גרויס געשריי:
„מחלל שבת! רשע, מחלל שבת!"

האָבן זיך ווידער וואָכיקייט און הייליקייט
גראָב געמישט.
און די צוואָה פֿון צוויי דורות איז ביז היינט
געבליבן אָן אַ תיקון... ווי אַ גרויסע משא
דריקט זי אויף מיין נאַקן, שעפּטשעט רוי אין אויער:
„דו האָסט משיחס טריט פֿאַרהאַלטן..."
עס וואָלט דאָך בעסער זיין, ווען איך אַליין זאָל
דאָס לעצטע, ציטערדיקע ליכט פֿאַרלעשן,
עס זאָל ניט צאַפּלען מער אין נעבעכדיקן שבת,
אין דער אייביק־וואָכעדיקער פֿרעמדער וועלט;
איך זאָל איינזאַם בלייבן זיצן, אין דער פֿינצטער,
ווי אַ שומרוני * — מאַט פֿון דורות הייליקייט,
וואָס פֿאַרבאַט דעם קלענסטן פֿונק אום שבת...
נאָר סיי ווי סיי... דאָס ווייס איך שוין, —
וועלן קולות ליגנערישע גרילצן
אַרום מיין קרייז: „אַ, רשע,
אַ, מחלל שבת וואָס דו ביזט!..."

---

* סאַמאַריטאַנער.

ז. פון דער זאַקסישער שווייץ

ערשטער טייל

1. בערג־בוך

און ווידער טו איך בלעטערן
אַ בוך פון פעלד און וואַלד, —
געשריבן, ווילד און וואונדערלעך,
מיט געטלעכער געוואַלט.

אים קרימען נאָך די וואָלקנדלעך
און ווינטן קראַצן אָפּ;
און סלייענט זיך, זיי חרטומים־כּתב
די עלבע קאָפּ־אַראָפּ.

דו שפּאַנסט אין מיטן בראשית־בוך —
אַ ל ע ז ע נ ד ע ר געדאַנק,
צווישן ספּינקסן־בוכשטאַבן —
פאַרשטיינערט און אָן קלאַנג;

מיט משונהדיקע בויגונגען,
אין שווינדלדיקער הויך;
דו לייענסט זיי פאַר זיך אַליין
און ווערסט ג ע ל יי ע נ ט אויך —

פון אויגן האַרטע בולטע,
פון מיילער־לאָך אויף לאָך;
מיט יאַדלעס־וואַנצעס שאָקלענדיקע
שעפּטשן זיי דיר נאָך.

די פעלזן־שורות גראַמען זיך
און בלייבן פלוצים שטיין,
פאַרקריכן פידרעך, בויבעריק,
און אויף צו־להכעיס שיין.

אין מיש־מאַש, בייז און שטיפֿעריש,
פֿאַרקלעטערט וואָרט אויף וואָרט
אין כמורנע גרייזן־אַפּגרונטן...
און ווייטער — ניט פֿון אָרט!

נאָר ביסלעכווייז צעגראַמט זיך עס,
עס פֿלעכט זיך ריי מיט ריי...
דאָס בוך — עס איז דער ברייטער שליאַך
פֿון וועלון ביז באַסטיי.

2. פֿעלדזן־שפּיל

די ווילדקייט ווערט געדיכטערער,
זי טורעמט זיך אַצינדער;
קוים זעטיקט זיך דיין מענטשן־אויג —
שוין קוקט אַ נייער וואונדער.

אַ בייטעניש פֿון פּרצופֿן
פֿאַרפּלאָנטערט און טשיקאַווע;
אָט איז עס, דאַכט זיך, פּיפּערנאָטער
און אָט איז עס אַ פּאַווע.

אַ שטומער טאַנץ, אַ קייטלעניש,
אָן הענט, אָן פֿיס, אָן לייבער;
פֿאַרזעעניש האַלדזן זיך
מיט גראַזיקע קליפּן־ווייבער.

און קעפּ אויף קעפּ אַנטפּלעקן זיך
פֿאַרגליווערטע טיטאַנען,
ווי קלאָונס אין גאָטס פֿעלזן־מאַרש,
אין פֿעסקען און טורבאַנען.

אין העלדן־פּאָזעס, אויסטערליש, —
פֿון ליבן און פֿון האַסן;
אין טיפֿע לאַד־ און ווין־קנייטשן,
אין מאַלפּישע גרימאַסן.

און בעקלינס מאַסקעס ריזיקע
שטייען אויף פֿון אַלע זייטן,
אין קרינאָלינעס, טשיפּיקעס
און ספּאַדיקעס פֿון פּאַרצייטן.

זשיראַפֿן, הויך, מיט אַדלער־קעפּ,
סקעלעטן אונטער אַ טלית...
און ווייטער, בונטער כוואַליעט־אויף
דער קאַרנעוואַל פֿון סקאַלעס.

אַט זיצט אַ ספֿינקס און אויף זיין נאָז —
מיט לצעוודיקער מינע, —
האַלט ער אין אייביקן גלייכגעוויכט
אַ סאָסנעלע אַ גרינע.

און דאָרטן קריכט אַ ריז פֿון תהום
און טראָגט, ווי פֿון אַ קעלער,
אַ גאַנצן באַרג צעבראָכענע,
משונה־געלבע טעלער.

און הינטער זיי רונד־בייכיקע
אַראַבישע שטאָקעטן,
קאַמינען אויסגעלאָשענע,
צעבראָכענע גראָז־טאָפּעטן.

און חורבות פּאַר־היסטאָרישע,
אָן פֿענסטער און אָן דעכער,
פֿון ציקלאָפּן פֿאַרשוואונדענע; —
צעפּלאַצט... און פֿון די לעכער —

גיסט זיך מאָך — שמאַראַגדן־גרין
און ברודיק־געלב ווי שוואָמען,
אַראָפּ שפּועים זוניקע
אין פֿינצטערע, פֿייכטע תהומען.

3. באַסטײַ דורך די בוימער

אַרויף אויפֿן באַרג און אַ קוק דורכן פֿאָרהאַנג פֿון פֿינטען
אַזוי ווי עס קוקט אַן אַקטיאָר אין טעאַטער פֿון הינטער־קוליסן.
אָ, גרויס איז דער קליפּן־טעאַטער, די קאָסמישע, ווילדע אַרענע!—
אַ קיבוץ פֿון זעער און שפּילער, און אַלע — פֿאַרשטײנערטע ריזן.

אין די לאָזשן — נפֿילים פֿון שטיין אײנער העכער פֿון צווייטן,
אין אַרענע — די חיות פֿון מבול, אָן נעגל, אָן הערנער...
זיי האָבן אַמאָל דאָ געקעמפּט משמח צו זיין די גיגאַנטן;
אַצינד איז דער מאַמוט אָן צייִן, ביים זאַורוס אין מויל וואַקסן דערנער.

אָט דאָ איז אַ פּנים דער שפּיל־אָרט, דער טרעף־פּונקט פֿון קליפּען,
וואוהין ס'איילן די שטײנערנע געסט פֿון גאַנץ זאַקסן, און שטומען,
אין פֿעלזן־פּראָצעסיעס, פֿון קעניגשטיין שמילקאָ און ראַטען און וועלען;
און גייען שוין טויזנטער יאָרן און זיינען דערווייל ניט געקומען.

זיי וועלן נאָך קומען אַ מאָל... די געגנט אַרום וועט זיך שאָקלען,
און אויפֿלעבן וועלן אין צירק פֿון באַסטיי די מאַמוטן;
ס'וועט קראַמפּן די לאַפּע פֿון זאַורוס, דער שטײנערנער בופֿל וועט שטויסן,
די נפֿילים אַרום וועלן טופּען, די חיות אין קרייז וועלן בלוטן.

4. פֿון דער טעראַסע

דו שפּרייזט אַריין שטיל און געדריקט אינעם בערגיקן אַמפּיטעאַטער,
צו בויען אַזוינס האָבן זיך קיין מאָל דערוועגט אויך געקרוינטע פּאַטריציער!
אַזעלכענע מאַכט־אָבעליסקן קען מקנא זיין כעאָפּס און רעמסס,
די טעמפּלען פֿון מלקרת — דער שטאָלץ פֿון די אַלטע פּעניציער!

דו שטייסט נאָך אַ ווײַלע פֿאַרשפּונען אין שטיין ביז דו קוקסט זיך אַרומעט,
און זעסט אויף די בייכיקע זיילן פֿיל צייכנס און קריצן און קאַרבן, —
אַ מישעכץ פֿון נעמען און שפּראַכן, פֿון בונטע און גרויע סימבאָלן,
צעשטאָכענע הערצער און פֿיילן פֿון אַלערליי גרויסן און פֿאַרבן.

אַפֿאַנסי טשיטייקאַ און אַנטעק ווישנעווסקי און קאַראַ בירעמזען,
יאַן זאַשקאַ, טשעליני, און משה שאַפּיראַ און טרודע־פֿאַן־היידען...
עס זוכן אומשטערבלעכקייט אַלע. אין שוואונג פֿון נאַטור און געדאַנקען
זוכן עס דיכטער, גבורים — אין העלדישקייט, קדושים — אין ליידן.

ניט ווידנדיק לעבצן נאָך דעם אויך די אַנטעקס און קלעפּן זיך אָנעט,
מיט די גרויאיינקע נעמען אָן שטיין, שמירן־אויס אַלע לעבער און עקן;
אפֿשר וועלן די שטיינערנע ריזן אַריינשמוקלען זיי אין דער אייביקייט,
אַזוי ווי אַן אָקרענט שלעפּט מיט זיך, דורך ימים, די קלעפּיקע שנעקן.

5. טיראָליען

לעבן האָטעל באַסטיי
גייט איצט טיראָלער־טאַנץ,
אונטערן הימל פֿריי
אין רויטן מערב־גלאַנץ.
פֿלעכטן זי טוריסטן־זאָקן,
בונטע פֿאַלדן, העלע לאָקן
אין איין יוגנט־קראַנץ.
וואַלצט דער וואַלצער: איינס־צוויי־דריי.
לאָכן פֿידלען: יוך — היי — היי!
ס׳צימבל בראַזגעט, פֿאַלט אַריין,
עס הילכט פֿאַרקלערט דער ניקל־גלאָק,
דער קעסל־פּויק: בום, בום!

אַ וואָרף דעם שפּיציקן וואַנדער־שטאָק,
דער שוועדער רוק־זאַק זינקט אַראָפּ;
אַ הויב דעם קאָפּ,
אַ שטעל דעם איינגעשנורעטן פֿוס:
— קום!
זי וואַרפֿט קאָקעט דעם בלאָנדן צאָפּ,
וויגט־צו דעם רונדן זייט.
דער פֿיאָל כאַפּט אונטער: פֿליו־פֿליו־פֿליו,
דעם פּויק איז מסכּים: בום!
— אָך, שטיף ניט, דריק ניט, זיי אַ לייט!
— נ אָ ר איין קוש!
— מען זעט דאָך... זיי ניט דום!

— בלאַנד ביסטו ווי ציטיק ווייץ,
און דיין יוגנטליכער רייץ —
נאָר, אין מיטן קאָמפּלימענט,
רייסן זי אַוועק פֿון מיר
פֿרעמדע הענט.
איך פֿאַרליר זי... איך פֿאַרליר,
און געווין באַלד — דריי און פֿיר...
אַ, דורך מיינע אָרעמס גייען
שיינע, מיאוסע, דיקע, דינע,
שירצן בלויע, געלבע, גרינע
פֿלאַטערן מיך אַרום און ווייען.
וואו איז מ י י נ ע ?
זי איז איצט דאָרט,
שווימט צום פֿריערדיקן אָרט;
קומט אין שלענגל־טריט צוריק,
אין מיין אָרעם... בלאָנדער גליק!
גיבן מיר אַ לויכט די זעלבע
שווערע צעפּ די גאָלדיק־געלבע;
און די אויגן — קלאָר און גרין —
ווי דאָס שפּיגל פֿון דער עלבע.
אָוונט רויטקייט אויפֿן בעקל...
„גלין!"
שטימט־צו דאָס ניקל־גלעקל.

צווייטער טייל

6. שווערען־לעכער

איך שווער, אַז דורך א שרעקלעכערן פֿעלזן־שפּאַלט
זייַנ' דאַנטע אוןווירגיל אין גיהינם ניט אַריין! —
די שטעגלעך פֿירן כּף־הקל... עס פֿאַלט,
פֿון ערגעץ וואו, אַ רויטלעך־געלבער שיין.
צי דאָס איז ניט דער אָפּשיין פֿון אַ ריזן־טיגל,
וואו ס'לייטערן זיך רשעים אין ברענענדיקן פּעך,
וואו ביים קוים־געעפֿנטן און כמורען ריגל —
שטייט אַ שד און קרימט זיין פּרצוף פֿרעך?...

דער גיהינם, אָבער, איז שוין לאַנג פֿאַרלאָשן. אין זיין קאַלטן
איינגאַנג — אַלע שטעגעלעך מיט מאָך פֿאַרלאָפֿן.
די בייזע לאַפּיטוטן שלאָפֿן ;
די זשאַוועררדיקע גאָפּלען־סאָסנעס, שווער געווען צו האַלטן, —
קרום פֿאַרשטעקט זיי אין די פֿעלזן־שפּאַלטן...
קררא!... אַ ראָב אַ שומר הויבט זיך אויף און פֿליט
און קיינער זעט אים ניט און קען אים ניט.

דו שפּאַנסט דורך גרויזאַם־שיינע קאָרידאָרן,
אין פּלוטאָס קעניגרייך... וואו ער אַליין,
מיט זיינע ווילדע משוגעתן און צאָרן,
איז האַרטער, בונטער שטיין
געוואָרן.
אָט ליגט ער דאָ, אָט דאָ אין פֿעלז באַגראָבן,
און איבער אים — אַ פֿייכטע שיפֿער־פּיראַמידע,
און אויפֿן שפּיץ דאָרט — צוויי מכשפֿים־ראָבן...
אָט וואַלגערט זיך אויך לילית דאָ, אַ מידע,
מיט בייזקייט אָנגעשכורט, האָר צעשויבערט —
אין קוסטעס, נוס־בוימער און גראָז און שימל ;
אַנטפּלעקט איר שאַנד — אַן אָפּגרונט — שוואַרץ צום הימל
און שכור און צעלומפּט פֿאַרפֿירט זי נאָך און צויבערט.
אַרום איר — שטיינער־בלאָקן חשכדיקע, גאָלע,
ווי טרפֿהנע פֿאַרלאָשענע מזבחות ;
אויף זיי שיריים פֿון באַשטראָפֿטע... מיט די ריחות —
זיסלעכע פֿון פֿוילעניש און סמאָלע.

און אָט, אין גליווערדיקע ספּאַזמעס און קאָנוואולסן,
הויערן נאָך שטיקער לייב פֿון ריזן — זינדער ;
אין פֿעלז צעפּלעטשט מיט שטאַרנדיקע פּולסן —
ווייבער — הינטיכעס און מענער — רינדער.
פֿאַרוויקלט מיט די קוסטעס, פֿאַרשמאָלצן מיט די שטיינער
ליגן אָפּגעקילט פֿאַרברענטע, שאַקלהאַפֿטע ביינער.
און ווייטער, ווידער —
פֿאַרסמאַליעטע, פֿאַרהאַרטעוועטע שנוקן, גלידער ;
און דורך פֿאַרקאָפּטשעטע, באַזאַלטענע געדערים
וואַקסט קראָפּיווע און ס׳קריכן שוואַרצע ווערים.

הענגן אָפּגעוואָרגענע בלוי־שוואַרצע צינגער,
פֿאַרגרינטע לונג־און־לעבערס, געלבע מילצן,
פֿון ווייטאָג אויסגעקרימטע, וואַרצלדיקע פֿינגער...
און ס׳טריפֿט פֿון זיי מיט ווילגאַטש און מיט פּילצן.

דו שטייגסט אַראָפּ אַ שווינדל־טרעפּ, דער גוף געבויגן,
דער העלער דורכגאַנג זשמורעט זיך פֿון פֿעלזן־בויג —
אַ גרויסער, לאַכנדיקער, פּוסטער אויג.
און איבערן קאָפּ, פֿאַרוואָרפֿן אין אַ בויגן,
שטרעקן פֿעלז צו פֿעלז די שווערע לאַפּעס,
הערנער קעגן הערנער בוקן
וויזל־טירן, לייבן־צאַפּעס.
און הענגלעך טייוול־טרויבן, שוואַרצע רויג,
היפּאָפּאָטאַמען־בייכער, העלפֿאַנט־נעזער הענגען שווער אַראָפּ
איבער דיין אַנגעבויגטן קאָפּ.
שפּרייזט אַרויס, גלייכסט אויס דעם רוקן;
איין רגע כאַפּסטו לופֿט... און ווידער נויג
דעם גוף צווישן שנאָבלדיקע פֿעלזן־צוואַנגען! —
וואָס קליגן זיך דיין קאָפּ פֿאַרקלעמען,
און אויף די שפּיצעכיקע הערנער נעמען.

און פּלוצלונג, הערך! פֿאַרנעמסט אַ מאָדנעם טרילן...
זייַנ׳ עס גראָז־פֿויגעלעך, צי גרילן
צי אפֿשר גאָר אַ ווייטער שטאָרך האָט זיך צעפּייקלט?
מוזיק יאָ, יאָ, מוזיק. העי, לאָמיר גיכער שפּאַנען!
אפֿשר וועט זי אונז אַרויספֿירן פֿון דאַנען,
פֿון גרויזאַם־שיינעם גיהינום באַפֿרייען...
און טאַקע, זע! — אַ רוים האָט זיך צעקייקלט
פֿון כמורער שלוכט אַרויס; זיך אויפֿגעבונדן,
ווי ראָלעס טעפּיכער... אַלץ בונטע פֿעלדער רייען,
פֿון קאָרן־בלום און מאָן באַשפּרענקלט און געצונדן.
פֿאַר וועמען מאַכט מען עס אַזאַ פּאַראַדע?
פֿאַר דיר, אַ גאַסט פֿון גיהינם, אַוודאי!
דו טרעטסט אַרויס פֿון פֿעלז ווי פֿון כמאַרע,
און דאָרט, ניט ווייט פֿון דיר, שפּאַנט שלאַנק אַ יונג
געאָרעמט מיט אַ מיידל, און שפּילט אויף אַ גיטאַרע.
זי גייט פֿאַרטראַכט און שטאָלץ, ער מאַנדלט איר: קלינג־קלונג;

זי שפּרייזט מיט לייכטע טריטלעך איבער קלאַנגען,
און ריטמיש וויגן זיך די בלאָנדע האָר ווי זאַנגען.
צי פּירט דאָס ניט אַוועק אָרפּיי, דער לידער־העלד,
זיין יונגע געטין פון פּלוטאָ׳ס אונטער־וועלט?
ער ליבט זי אַזוי הייס און שפּילן קען ער,
ער ציט זי ווייט, העט ווייט, וואו בליענדיקער, שענער,
פאַרגלעטנדיק איר שרעק מיט זיינע זיסע טענער.

7. De profundis

די פּינצטערע קאָמינען אין די פעלזן־מאַסן,
די ענגע כּף־הקלעדיקע טאָלן, —
דאָס איז דאָך נאָר דאָס אָנגעשפּאָלטן מוטער־לייב
פון אונזער גרינער ערד;
דאָס האָט איר הויט, באַהאָרט מיט גראָז און בוימער,
קוים געפּלאַצט, —
פון זון און עלטער און פון שטורעמווינטן.
און פון די שפּעלטלעך קוקן רוי אַרויס
די מוראדיקע מוסקל־מאַסן
אין הומוס, ליים און זאַמד און שטיין,
אין שטרודלדיקן רויטן שפּאַט,
אין גלאַנצנדיקן גנייס, און גלאָזעדיקן סלאַט,
אין ברוכן פון גראַניט, געשפּיקט און דורכגעשריקט,
מיט קאַלך־שטיין, אייזן־זשאַווער און מיט גרינשפּאַן.
אַלץ אָנגעפּאַלדעוועט און אָנגעפּלאָדנט, איינס אויף איינס,
אין הונדערט שטאָקן הויך;
און דורכגעמישט, צעשויבערט און פאַרדרייט
אין שטאַרע כוואַליעס און ווילקירן.
און אויפן שטיין־גרונט פון אַזעלכע שפּאַלטן
טריפן טראָפּנדלעך און פלייצן שטראָמעלעך,
שלאָגן זויערע און ביטערליכע וואַסערלעך, —
בלוטנדיקע אָדערלעך אין דער רויער הויט...

און שפּרייזט דו אויפן דעק פון אַזאַ נאַסן שפּאַלט, —
אַנטפּלעקט זיך דיר, ווי אַ נבואה,
די גאַנצע גרויסקייט פון דיין ערד.
און זעסט: דאָס לעבן אויבן איז אַ תּפל,

אַ הויף, אַ ציטערדיקס, אַ זומער־נעפּל דין ווי טיול,
וואָס טראָגט זיך איבער פּייכטע פּליינען,
איידער ס׳גייט די זון אויף און פֿאַרווישט עס
מיט איר שטראַלנדיקן פֿייער־שוואָם...
אַ דינע הייטל גראָזן, קוסטעס, בוימער,
וו׳אַ גרינער שימל אויף אַלטע דעמבן־ שטאַמען,
איז איבער אונזער ערד, דאָרטן אויבן, אָנגעלאָפֿן;
און צווישן גראָזן, וועלדער און פֿעלזן־באַראַדאַווקעס —
פּלאָנטערן זיך פֿעלקער,
האַראַפּאַשנע מענטשן־מורעשקעס מיט נעסטן
און מענטשן־גרילן — וואַנדערער און שפּרינגער,
און זייען דאָרט און שפּייזן זיך
און זויגן דאָרט דעם גרויען ד ו מ ם,
פֿון זיין פֿאַרפֿוילטן, קראַנקן אויבער־טייל.
און ער אַליינעט, גרויס און עלנט, הויערט נאָך עד היום
מיט זיינע מוראדיקע לאַסטן;
און ער, דער ע י ק ר, דרימלט אומבאַרירט,
דער קערן פֿון דער ערד ליגט גאַנץ,
פֿון ששת־ימי־בראשית אָן, אין זיין אַנטיקן־גלאַנץ;
און ס׳טראָגט זיך, איינגעהאַלטן, איבער אים דער אָטעם
פֿון דרימלענדיקע וויכערס, קאַטאַסטראָפֿן,
פֿון טיפֿעליידנשאַפֿטן אין דעם מוטער־לייב.
און אויבן, דאָרטן, צווישן די צעטראָגענע, צופֿרידענע,
ווייס קיינער ניט, אַ ס׳איז אַ ברודער,
אַ ברודער — מאָדנע־פֿרעמד... און דאָך אַ נאָענטער; —
וועמענס שפּראַך און זעל און בענקשאַפֿטן
זיי הערן ניט און פֿילן ניט
מיט זייערע באַגרענעצטע און צאַפּלדיקע,
קליינע טאַפּ־הערנער פֿון פֿלייש...
אָט ליגט ער דאָ, דער ריז, צעשוואומען ווי אַ גאָט,
אין טויזנטער פֿאַרשלייערטע געזיכטער
און וואַרט און וואַרט אַלץ אויף זיין תּקון:
דער לעבעדיקער מענטשן־גייסט זאָל אים אַנבליקן,
דערלאַנגען אים אַ ברודער־האַנט און העלפֿן אויפֿשטיין
פֿון זיין אייביקן פֿאַרשטיינערטן געלעגער;
און אויפֿטרייסלען אין אים די דרימלענדיקע שטורעמס,
פֿאַרטיילן זיי אין ריטמישע באַוועגונגען

אין קרעפּטן־טאַנץ, אין שפּיל פון ליכט און וואַרעמקייט;
און אָפּשיילן פון אים אַליין די גראָבע שאָלעכצן,
די טויטע הייבלעך, ווילדע מאַסקעס פון פאַרצייטן,
ביז עס וועט אַנטפּלעקן זיך זיין אמתע געשטאַלט,
וואָס בלוט און פלייש האָט קיין מאָל ניט באַגריפן...

איך הער דיין רוף אָ, ברודער־דומם!
דו שרייסט פון גליוועדיקע תהומען: לייז מיך אויס!
און שטרעקסט מיט לאַנגע, אָדערדיקע הענט פון ערץ,
מיט פאַרביקע קריסטאַלן רייך באַהאַנגען.
איך גיי צו דיר אַלץ טיפער, טיפער,
אַנטפּלעק מיר דיין געזיכט, וואָס איז צעוואָרפן
אין שטיינער־פאַלדן, טיפענישן, לאַסטן!
מאַך הערן מיך דיין טיפע שטים פון עלעמענטן!
ביז איצטער האָסט דו זי פאַרמיטלט, אין מיין וועלט,
דורך פלאַנצן־וואוקס און בלעטער־רויש און בלומען־פאַרבן.
רייד גלייך צו מיר, רייד דו אַליין!... און מעג עס
אויך דונערן אַרום אין אַלע טאָלן! —
דו שוויגסט??
איך הער אַ שטימע ברומען;
צי איז עס מיינע?... אָדער זינגט דאָס טיף און וויים
די לעכצנדיקע זעל פון דיינע מאַסן?

8. דאָס ליד פון דומם

אין פינצטערניש געפּרעסט —
דאָרט ליגט די קראַפט און שמאַכט;
און ס'גייען איבער איר
די דורות טאָג ווי נאַכט,
ווי פליגן איבער לייוונט
פון רונדיקן געצעלט.
עס דרייט זיך אויף איר אַקס
די אַלטע, ליבע וועלט;
איר דינער גראָזן־קלייד
באַטייכלט און באַבלומט,
און וויים ניט, ווער עס לויערט
אין לייב ביי איר און שטומט.

רייסט אויף איר וועלדער־פעלץ,
דעקט אויף און קוקט אריין!
ווער זיצט דאָס דאָרט געשמידט?
ווער גאַרט נאָך לופט און שיין?
דאָס זיצט דער בלינדער דומם,
די טויבע בראשית־קראַפט...
זי לעבט ניט און זי שטאַרבט ניט, —
געשפּאַנט פון גאַז און נאַפט,
פאַרהאַרטעוועט אין שטיין,
אין זאַלצן און מעטאַל;
איר שאַפונג־דורשט איז גרויס, —
פאַרשטיינערט בלייבט דער קוואַל.

און ס'יאַ־זיין און דאָס ניט־זיין,
דאָ, אויבן און אין רוים, —
זיי בלעזלען איבערן דומם
ווי אַ פאַרבנרייכער שוים.
דאָרט פּיפּסט די קונסט פון „אייביקייט",
און הערשער בייטשן אָן
די מידע וועלט־געשיכטע
פון גאָלד־באַפּוצטן טראָן.
און רק געקייט די שאָלעכץ...
די ערד איז אויבן צאַרט; —
די גרויסע יאָדרע — קיין מאָל,
זי איז צו בייז און האַרט.

נאָר קומען קומט אַ טאָג, —
די שטאַרנדע סובסטאַנץ
וועט אויפשטיין מיט איר טיפסטער
מאַכט און העכסטן גלאַנץ:
אַ גאון וועט איר אויפשליסן
די ערשטע שווערע קייט,
די אַנדערע וועט'ס אַליין
צעברעכן ווייט און ברייט;
און דורכרייסן, ווי טייכן,
דער ערד'ס קאַלירטע העמד;
און אָנקומען וו'אַ גאולה, —
וואונדערלעך און פרעמד.

עס בלייבן שטיין קולטורן
און גלאָצן קליין און קאַרג,
ווי טשערעדעס פֿאַרשטויבטע
אין שאָטן פֿון אַ באַרג...
און דאָס וואָס איז פֿון אייביק
געווען טויב און בלינד, —
וועט פֿירן אַלע זענדע,
דורך חושך און דורך ווינד, —
צו אומבאַקאַנטע טויערן,
צו טרעפֿן אָן פֿאַרבאָט, —
וואו יעדער גייסט וועט קענען
שטייגן ביז אַ גאָט.

9. האָקשטיין

ווייטער בערג און ווייטער שטעגלעך,
ווי דאָ בייט זיך אַלץ געשווינד!
שטיקלעך טאָג און נאַכט צעוואָרפֿן
אינעם פֿעלזן־לאַבירינט.

ביז דו שטייגסט אויף אַ טעראַסע,
איבערן האָקשטיין, שמאָל און ווילד;
ז׳איז פֿאַראָדערט און פֿאַרוואָרצלט...
זעסט פֿון דאָרט אַ זוניק בילד:

פֿעלדער ברייטע, ברוין פֿאַראַקערט
און פֿאַרגעלבט פֿון גאַרב און שטרוי;
ווייטע וועלדער, קליפֿן־מאַסעס,
ווי די כמאַרעס שוואַרץ און בלוי.

אויבן ברענען וואָלקנס גאָלדיק,
אונטן ליגט שוין דער פֿאַרנאַכט;
אינעם טאָל דאָרט רוט אַ דערפֿל
רוים־באַדעכלט און פֿאַרטראַכט.

אָט איז פֿרידן, אָט איז שיינקייט...
פּרואוו עס נעמען! וואָלסט געקענט?

גאַנצע בערג פֿון גליק... באַריר עס —
בלייבט נאָר שטויב דיר אין די הענט.

אוצרות ליגן אונטערן ריגל,
נאָר דער שליסל איז ניטאָ;
האָסט אים ערגעץ וואו פֿאַרלאָרן,
אפֿשר דאָרט און אפֿשר דאָ.

שטייגסט אַראָפּ אויף שווינדל־טרעפּלעך
פֿון דער זוניק־בלויער הויך,
און פֿאַרקריכסט, דורך וועג און שטעגלעך,
אינעם האָקשטיינס שוואַרצן בויך.

ביזט אין „וואָלף־שלוכט״, וו׳אין אַ קוימן,
ביז דו קריכסט מיט נסים דורך;
און דער בערג־גייסט יאָגט דיך גראָבלעך:
דאָ אַ שטויס און דאָרט — אַ שטורך...

ער פֿאַרפֿאָלגט דיך האַלז און נאַקן
מיט זיין אַלטן, טעמפּן שפּיז;
מיינסט, ער טרייבט דיך אין אַן אָפּגרונט.
פּלוצלונג... זע! אַ פּאַראַדיז!

10. פּאָלענצטאָל

זיינע שטיינער־אָרעמס עפֿנט
ליבלעך אויף דער פּאָלענצטאָל;
פֿריינדלעך שמייכלען ציגל־דעכער,
ס׳גרייכט פֿון וועשערינס אַ קול.

מיידלעך פּראַניעז, שפּרייטן אויסעט
ווייסע גרעט אין גרינעם גראָז;
אויף אַ זעמדל שפּילן קינדער —
בלוי די יאַקעלעך און ראָז.

און ס׳באַגריסט דיך אַ געלעכטער
פֿון אַ טייכל פֿריש און פֿייכט;

שפּיגלסט זיך אַריין: „גוט ב'אָוונט!"
שפּאַנסט מיט אים צוזאַמען לייכט.

ס'לויפט פאַראויס, זאָגט אָן דיין קומען,
ווי אַ וואַסער־הינטל פלינק;
אַטאַ בלאַנקט עס שלאַנגיש־גרינלעך,
באַלד — גרוי־זילבערדיק ווי צינק.

צווישן בוימער פלייצט עס גרינלעך,
צווישן פעלזן, ברוין און געל;
קעגן שטראָם שיסט דורך, ווי פיילן,
די דערשראָקענע פאָרעל.

היי־האַ־האַ... אַראָפּגעפאַלן
מיט אַ שוים פון הויכן שטיין,
און צעגיסט זיך, צווישן אייאיר,
אין אַ רואיקן באַסיין.

דאָרט, מיט לאַפּוך־בלאַט באַשאָטן
און מיט גראָז אַרומגעזוימט, —
קערט עס אום קאַפּויר גאָטס־וועלטל,
בעט זיך אויס אין איר און טרוימט.

און זיין חלום שטאָלט און אוילט זיך,
זילבער־קרייזלעך בלאַנדזשן אום...
און ס'באַהאַלטן פרעש פאַרליבטע
ס'כיטרע אויג און ווערן שטום.

פון באַסיין, דאָס שטיפעריש טייכל, —
גנבעט ווידער זיך אַרויס,
און אַנטלויפט, אַנטלויפט, וו'אַ קונדס
פון דער מאַמעס ווייכן שויס.

לויפט, פאַבריקעוועט צעשטיפט זיך,
טשעפּעט זיך צו שטיין און בוים;
און עס טראָגט זיך אַ געפלאַפּל
אינעם טאָל מיט געלבן שוים.

און עס דאַכט זיך: שטיין־עקרות,
פֿעלזן־סריסים האַרט, באַטריבט, —
מורמלען דאָ אַרום, באַריידן
אַלץ, וואָס בליט און שטרעבט און ליבט...

11. דאָס ליד פֿון וואַסערל

בין איך מיר אַ צינגלדיקס,
אַ פּלעטשערנדיקעס וואַסערל;
ברענג איך דאָ אַ רכילותל
און דאָרט טו איך אַ מסרל.

דאָ שפּילנדיק, דאָ זינגנדיק,
מיט וואַסער־גלעקלעך קלינגנדיק;
דאָרט בלעזלנדיק און שוימנדיק,
דורך שטרוּיכלעכנישן שפּרינגנדיק.

איך טראָג די נייס אין פּאַלענצטאָל
פֿון גרעזעלעך צו שטיינדעלעך,
פֿון פֿישעלעך צו פֿרעשעלעך —
די שליימיקע געמיינדעלעך.

און קומט די רו, עס שלאָפֿן איין
אי פֿעלז, אי בוקס, אי העכטעלע —
פֿולסיר איך, ווי אַ וואַסער־האַרץ,
אין שטיין־טאָל, אין זיין נעכטעלע.

אין פֿינצטערניש, אָן לבנה־שיין,
בין איך אַליין דאָס וועכטערל;
און שפּריץ דעם נאַכט־שרעק אין געזיכט
מיט שטילינקן געלעכטערל.

12. אומעט אין וואַלטערסדאָרף

אַנגעלאָפֿן זיך ווי אַ וואָלף אין שלוכטן און אין פֿעלזן,
אויסגעשנאָפּערט צוויי פּאָר שיך, אין דריי־פֿיר טעג;
אָנגעקומען צו אַן אָפּרו און צו אומעט,
ווי אַ שיפֿנדער אָן אַ ציל — צום אַלט־באַקאַנטן ברעג.

איבער שטאַרע כוואַליעס שטיין האָט מיך געטראָגן,
צו אים, צום ליבן אומעט, מיין אומרואיקע בלוט;
כ׳האָב א י ם געפֿונען וואַרטנדיק אויף מיר אין שאָטן
פֿון שטרענגע טאָפּאָלן, אין פֿאָן פֿון מערב־גלות.

ער האָט מיך צוגעדעקט פֿאַרקלערט, מיט ווייכער פֿאַלע,
איבערן קאָפּ און אויגן און צוגעשעפּטשעט: „שווייג!"
ביזט דאָ אַ גר, אַ גר... דיין פֿאָטערלאַנד איז אומעט,
עס הייסט דיר איצטער רוען — ווער ס׳באַפֿעלט דיר: „שטייג!"

און זיי צופֿרידן, דו, וואָס שטענדיק קענסטו מיטנעמען
דיין פֿאָטערלאַנד, פֿאַרטרוימט אין טרויעריק, אומעטום;
אַצינד ביזטו אין וואַלטערסדאָרף, פֿאַר דיר — זי איינגענומען,
זיך איינזאַם אין מיין שאָטן און קעניג דאָ און שטום!

13. נאַכט־ליד

יעצט קומט די אָפּרו!
גלעט מיך די נאַכט:
„קענסט רואיק דרימלען,
ס׳וואַסערל וואַכט.

בילדער און פֿאַרבן
שמעלצן אין שלאָף; —
טויט בזעיר אַנפּין,
קליינער אין־סוף...

בלאָנדזשעט אַ גרילצן,
טריפֿט עס: ציר־ציר.
ס׳איז דיין געוויסן,
ס׳רעדט שוין פֿאַר דיר!"

אָבער אומזיסט נאָר
שליסט׳ אויגן צו, —
ס׳שוועבן פֿאַרוואָגלט
דרימל און רו.

עמעצער שעפּטשעט, אַט
לאַנגזאַם, אַט שנעל;
בלעטערט די בוימער,
בלעטערט דיין זעל:

אַט אָפּגעוואַנדערט
איינזאַם אַ טאָג;
מאָרגן... וואָס מאָרגן?
ווייסט אפשר... זאָג!

שטענדיק אַן „עפּעס"־ און
„ערגעץ"־געדאַנק, —
פירט דיך דורך פרידן,
שטופּט דיך צום צאַנק.

אַט איז דאָס „ערגעץ"—
מיד און אַליין;
ס'האָבן פאַרשפּונען דיך
נעצן פון שטיין.

שפּיניכע־בענקשאַפט
נאָגט דיך און נאָגט;
אַך, זאָל זי זויגן!
ליד ביז עס טאָגט.

שלייערן, מאַסקעס
פאַלט און צערייסט!
ענג איז דאָס לייב פאַר
אומשטערבלעכן גייסט.

וואַנדערער קומען און
גייען אַוועק;
בערג שטייען אייביק,
גלאָצן אַן שרעק.

בערלין, 1920.

ח. ביים אייזערנעם פולט*

I

דער בוי־מייסטער זאָגט:

(ווייסער אַרבעט־קיטל; אין האַנט אַ צירקל)

אַ קליינע בינע, פון גרוי־גראַניט,
האָב איך אויסגעבויט.
רעכטס אַ ספינקס פון שוואַרצן גבייס —
די נאַקעטע זעל פון דער אייביקייט
אַרויסגעשיילט פון אַלע אירע שאָלעכצן.
לינקס — אַ רויטע ריזן־שלאַנג
פון קופער קערניקן געהאַמערט,
צוויי אויגן שמאַלע, קרומלעכע,
געשליפענע שמאַראַגדן, —
די אור־חכמה פאַרשטאַרט אין שפרינג;
איר שוואַרצע צונג, געשפּאָלטן,
שיסט צווײדייטיק אין דער לופטן...
צווישן ספינקס און שלאַנג אַ פולט —
מאַסיווער שטאָל געקאַנטיקט און געפיילט,
מיטן קעסטלדיקן שפּיץ צום „פובליקום" געווענדט,
מיטן אויסגעהוילטן האַרץ — צו די קוליסן.
דאָרט ווירבלט זיך אַ טרעפּל. קיינער זעט זי נישט,
נאָר פילן פילט מען זי, ווען ס'שטייגט
אַ נייע קראַפט צום ראַנד.
אויפן פולט ברענט איין הויכע ליכט, אַ שרויפיקע —
אַ שוואונק אַ וועקסענער, וואָס שטרעבט,
אין אייביקע ספּיראַלן, פון ערדישן יסוד אַרויס,
דורכצוברענען מיט זיין פלאַם־צונג אַלע ספערן.
שטרענג, אָן ציטער ברענט מיין ליכט; דאָך גיט זי
מער שאָטנס מיסטישע ווי געלבן שיין.

---

* קאַנצעל.

פֿאַרן פּובליקום — אַ זאַל, האַלב־קיילעכדיק,
אין רויט־אַדערדיקן שפּאַט געדלאַטעוועט;
די גלאַטקייט גיסט זיך איבער אים ווי גלאָז.
דער סופּיט — איין פֿעכערדיקער שטיין־מושעל
שטראַלט פֿון בינע הויך אַרויס,
און בויגט זיך ווייך אַראָפּ און גיסט זיך גלאַט צוזאַמען
מיט די בלאַנק־געטאָקטע, קיילעכדיקע ווענט.
דער קלענסטער טאָן גייט נישט אין אים פֿאַרלוירן,
דאָס שעפּטשען שאַלט אין אים ווי אַ געזאַנג;
ער הילכט אין גאַנצן, ווי אַ פּוסטער ריזן־מויערקאָפּ,
וואָס ברומט און בענקט מעלאָדיש נאָכן ים.
אינעם דאָזיקן זאַל — איין איינציקער פֿלאַץ,
אין האָרד־פּונקט אינעם שטיין־געשניצטן אויער...
אין הויכער פֿאָטעל איז עס;
טיף דער זיץ און באַקוועם דער לען.
פֿאַרגעלבטע באַריעליעפֿן זיינען איינגעשניצט
אין זיין אַלטן העלפֿאַנט־צאָן;
אין די געמען* גרינט נאָך אויסגעבליט עמאַל.
זיינע הענטלעך — צוויי דעלפֿינען שווערע,
מיט איינגעבויגטע ברייטע רוקנס.
פֿייערלעך שטייט דער פֿאָטעל און קאַלט,
ווי די שטולן אין די קברים פֿון די פּרעהס.

דיך, איינזאַמען דיכטער, זוך איך,
דיך לאַד איך איין אין מיין שטיינערנעם טעאַטער!
דו ביזט פֿאָרשטייער פֿון אַ מענטשהייט;
קיינער וואוילט דיך נישט, נאָר דו אַליין,
דו וואוילסט דיך אויס אין אָנהויב פֿון אַ תּקופֿה,
און ביזט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר גאַנצע דורות.
דיינע אויגן, זע איך, לוגן־ברענען נייגעריק,
גרין און דורכזיכטיק, ווי אַקוואַמאַרין־שטיינער,
ווי די אויגן פֿון מיין קופּער־שלאַנג... נאָר ק ל אָ ר ע ר.
די שוואַרצע ברעמען־בויגנס אָנגעצויגן,
גרייט צו אָפּשיסן אַ פֿייל
פֿון התלהבֿות, צי פֿון פֿאַראַכטונג.

---

* טיפֿע שניצערייען.

דיינע קודלעס — שוואַרץ מיט ווייס געמישט —
אַש פֿון אויסגעברענטע לײדנשאַפֿטן;
אונטער זיי טליעט נאָך אַ פֿייער אַן אַ רויך,
גענוג צו אונטערצינדן גאַנצע לענדער.
פֿאַר דיר שטייט גרייט מיין הויכער שטול,
זעץ דיך!
אויף מיין בינע דערשיינען העלדן־שאַטנס,
זיי שטייגן, איינציקווייז, פֿון דער טיף אַרויס
ביז צום אויסגעשלייפֿטן ראַנד פֿון פּולט.
אַ בוק־זיך צו דעם ספֿינקס, אַ נויג־זיך צו דער שלאַנג;
רעדן אָפּ דאָס וואָרט, וואָס דריקט זיי
און פֿאַרגייען.
דער שיין פֿון מיין וועקסענער ליכט באַגעגנט זיי,
באַגלייט זיי ביים אַוועקגיין.
יעדער שפּילט פֿאַר זיך, אָ, נאָר פֿאַר זיך אַליין,
מיינט — ער איז דער שטאַרקסטער, דער אויסדערוויילטסטער,
און איז דאָך נאָר איין טיילכל פֿון דער קראַפֿט,
וואָס רעגירט הינטער די שטיינערנע קוליסן.
איך שלאָג אין מיין הילצערנעם גאָנג,
טעמפּ און הילכיק קלינגט ער, ווי אַן אַלטער ברונעם:
איינס און צוויי און דריי און פֿיר —
האָ־אָ־אָרך!

II

די מאַכט זאָגט:

(וואַלקיריע־קליידונג; אין האַנט אַ רייט־בייטש)

איך, מאַכט, האָב געוואַנדערט אויף דער יונגער ערד
און נישט געוואוסט
וואו קראַפֿט און טאַט אַהינצוטאָן.
איז מיר אומעטיק געווען — האָב איך געשפּילט,
אין מלחמה און מלוכה: ביי די וואַלד־בינען,
ביי דער שוואַרצער, שטומער מוראַשקע אין פֿעלד,
ביים פֿריילעך־רוישנדיקן, גרינעם היישעריק...
אָ, זיסע שפּילערייען פֿון מיין יוגנט!

אַן הייַנט, אַן מאָרגן זייַנען דאָן,
ווי ווילדע אייזלען אינעם וויסטן מדבר, —

שבטים פּרא־אדם׳ס אַרומגעלאָפֿן;
אויף בערג געכאַפּט אָטעם און געהירזשעט:
„וואוהין״?...
זייער גרעסטער פֿאַרלאַנג איז דאַן געווען:
לעבן,

און נישט באַגעגענען ביים קוואַל דעם טיגער,
אין הייסע אָוונטן, בשעת גרויסע דורשטן...
אָרעמעס לעבן.
אויף דעם שטאַרקסטן פֿון די זעברא־איזלען,
אויף זיין קנאָכיקן רוקן מיט שטעכיקע האָר,
געפּאַסקעט ווי די פֿאָן פֿון ווילדקייט, —
ביז איך אַרויפֿגעשפּרונגען,
איך מאַכט.
אָן צוים און זאָטל. איין שפּיצרוט אין דער האַנט:
„אייזל, פֿאָראויס!״
ער האָט געהירזשעט און געבריקעוועט,
געהאָרבט דעם רוקן, געשלענגלט ווי אַ קאַץ;
ס׳האָט אים נישט געהאָלפֿן.
מיט צעשונדענע זייטן, מיט אַ בלוט־פֿאַרשוימטן מויל
האָט ער מיך צו אַ ישוב אַרויסגעבראַכט;
מיך צו מלוכה־קרוין, און זיך אַליין —
צו גרינע לאָנקעס...
דאָרטן האָט זי אויפֿגעבליט
זיין געפּאַסקעוועטע אַרעסטאַנטן־פֿעל
אין גלאַטע שיינע עפּל־פֿלעקן... פּרות
פֿון זיכערקייט און זאַטקייט אין די שטאַלן.

איז מיין אייזל פֿעט געוואָרן און געבריקעט זיך,
נישט איין מאָל, בשעת רייטן, זיך צעהוליעט,
מיך אַראָפּגעוואָרפֿן,
מיט קאָפּיטעס קויטיקע געטראָטן,
אַוועקגעלאָפֿן צו די ברידער אין מדבריות,
געטומלט זיך מיט זיי צוזאַמען אינעם גרויסן שרעק,
וואָס פֿרייהייט איז זיין נאָמען.
און צוריקגעקומען, אויסגעהונגערט און צעשונדן,
פֿאַריאָגט פֿון וועלף און גיפֿט־פֿליגן,
דערשמעקט אין שטויב מיין רייט־מאַנטל, געקניט זיך,

געֶרעווּעט: „שפּרינג אַרויף אויף מיר!
קום, יאָג מיך, שלאָג מיך, לאָמיר ביידע
אַנטלויפֿן פֿון דער וועלט־הפֿקרות,
די וועלף פֿאַריאָגן, מיינע מדבר־ברידער צוימען,
גליקלעך מאַכן.
נאָר דו אַליין אָ, מאַכט, דו קענסט אונז ברענגען
צום העכסטן ציל, צום שענסטן גליק,
וואָס אַלע גוטע אייזלען זוכן... יאָ־אָ!”....

און אַט שטיי איך דאָ אַצינד געקרוינט
אין געפֿליגלטן וואַלקיריע־העלם,
איך, מאַכט.
אַ טויזנט־יאָריקע דערפֿאַרונג רעדט פֿון מיר אַרויס;
און ס'העלפֿן מיר, אין איין גרויסן כאָר,
פּרעהס פּיראַמידן, די קאַכל־האָרעליעפֿן
פֿון בבֿלס חורבות;
דער אויסגעגראָבענער יסוד פֿון פֿאַרום,
די בראָנז פֿון זייל־וואַנדאָם קלינגט צו:
„נישט לאָזט דעם אייביקן און בראַוון אייזל
אַרומלויפֿן אָן צוים!
פֿאַרשלעפֿן וועט ער אייך און זיך אַליין
אין טיפֿן זומפּ אַריין.
פֿאַרטרוי זיין פֿאָלקסטימלעכער שטימע קיין מאָל נישט,
די פֿילגעליבטע... זי איז נ י ש ט פֿון גאָט.
עס איז די שטים פֿון אייזל־ליידנשאַפֿטן
פֿאַר אָן אונטערגאַנג;
די וויי־געשרייען צווישן שטאַל און מדבר,
דאָס וועלן האָבן ביידע און נישט קענען...
זיין העלדן־אימפּעט און בירגערלעכע שרעק
פֿירן פֿלאָנטערנדיק און צען מאָל צוריק;
און גאַנצע דורות טומלען זיי זיך אויף איין אָרט,
און מוזן שטענדיק אָנהויבן פֿון אָנהויב”.

איך, מאַכט, פֿאַרטרוי נאָר בייטש און שפּאָרן,
זיי שפּאַלטן אַלע כּוחות־קוואַלן אויף,
זיי פֿירן קווער, זיי פֿירן קורץ,
צום העכסטן און צום בעסטן פּונקט, —

אין יעדן בערגיקן פּיר־עק.
אַזוי רייט אי ך... און הינטער מיר,
אין וואָגן פֿון טריאומף, באַקרוינט מיט לאָרבער־בלעטער,
זיצט מיין משנה, דער פּראָגרעס, און שמייכלט;
באַצויבערט מיינע שונאים מיט זיין קוק
און מאַכט זיי שוואַך מיט זיינע גוטע מידות.
אַזוי רייט אי ך דורך זידלעריי,
פֿון דעקאַדענץ און אָפּגעלעבטע ראַסן,
און דורך וויוואַט־שאַלן פֿון באַגייסטערטע
פּילבלוטיקע און יונגע פֿעלקער —
צו דער צוקונפֿט און צום לעצטן זיג!

אָ, קוועלט נישט אָן, איר לוחות־ברעכער,
איר, וועלט־באַפרייער, ווען מיין וואָגן
קערט זיך אויס, פֿון צייט צו צייט,
אויף שייד־וועגן פֿון עפּאָכן;
און הינקט און שלעפּט זיך אויף איין ראָד
אין אייער רויטער פֿרייהייט־בלאָטע.
יעדער וואָגן־איבערקערעניש, —
צי ר ע כ ט ס, צי ל י נ ק ס, דאָס איז עגאַל, —
וואַרפֿט אָפּ די מענטשהייט, אין איר האַסט,
אויף יאָרן הונדערטער צוריק;
פֿאַרברויכט מער קראַפֿט, ביים פֿאַלן און ביים אויפֿשטיין,
ווי ביי דעם שטורמישסטן גאַלאָפּ.
ער טרובעט, דאַכט זיך, שטאָלץ דער אויסגעגליטשטער אייזל:
„כ׳בין פֿריי... אָ, פֿריי... אָ,־יאַ־אָ!‟
און די מאַטע אויגן זיינע בעטן זיך:
„קומט, הויבט מיך אויף!
און זאָל אַ סוף זיין מיט דעם נודנעם יום־טוב
פֿון ברעכן כּלים... און לאָמיך פֿאָרן ווייטער!‟
דאַן פּאַק איך אים ביי זיינע לאַנגע אויערן.
ער בריקעט נאָך ביים אויפֿשטיין... כ׳שרעק מיך נישט,
איך וויים: עס איז דער לעצטער צאַפּל פֿון זיין שכרות.
איין שפּרונג און אַ פֿאַרוואַרף דעם צוים,
אַ דריק דעם פּיסטן אייזל־בויך
מיט ביידע קני, דער אָטעם זאָל אים אויסגיין,
אַ קיצל מיט די שאַרפֿע שפּאָרעס, זאָל ער שפּירן

די זיסקייט פֿון אַ יאָך, דעם ווייטאָג פֿון אַ ציל...
און שנעל פֿאָראויס, פֿאָראויס!
איך לאָז נאָר ביסלעכווייז אים אָפּ. איך רייט און פֿיל —
ער איז מיר דאַנקבאַר שטומערהייט.
איך בלייב דאַן זיצן פֿריי און שפּיל זיך מיט דעם צוים,
דער אייזל הירזשעט אונטער מיר:
„איך בין דער גליקלעכסטער. אָ, יאָ־אָ!"

דאָס איז די חכמה פֿון דער מאַכט...
נאָר שלעכטע הערשער הויבן אָן פֿאַרקערט:
זיי הויבן אָן פֿון רייטן אָן אַ צוים,
און ביסלעכווייז פֿאַרכאַפּן זיי ביים פֿאָלק דעם אָטעם,
פֿאַרשניידן שאַרף די מויל־ווינקלען מיט אייזן,
ביז זיי ווערן דעספּאָטן. דער קאָפּ דאַרט איין,
די קרוין צעוואַקט זיך;
פֿאַרהאַסט און מיאוס — זייער טרייען אייזל.
דאַן ווערן זיי אַראָפּגעשליידערט און צעטראָטן,
מיט דער בלאָטע אויפֿן גרויסן פֿעלקער־וועג.
אַזוי זאָג איך, די מאַכט!

III

דער פֿעלדמאַרשאַל זאָגט:

(מאַרס־קליידונג; מאָדערניזירט)

סילענציאום, איך רעד!
כ׳בין אָפּן, גראָב ווי אַ פֿעלדפֿעבל,
אוראַלט און עלעגאַנט.
מיין העלם — שטאָל, און גאָלד איז מיין מאַנאַקל,
כאָליאַוועס גלאַנציקע און רויטע עפּאָלעטן —
אַ פֿאַרבן־שפּיל פֿון ריטער־צייט און מאָדע...
געבליט און אָפּגעבליט האָט די ראָמאַנטיק
פֿון אַלע דורות, פֿאַרוועלקט ווי בלומען־בייטן,
פֿאַרשוואונדן ווי פֿאַזאַנעס פֿון די וועלדער;
געבליבן איז אַ וועלט־פֿיליסטער אין איין שוואַרצן פֿראַק.
נאָר מיר אַליין האָבן געירשנט אַלע פֿאַרבן
פֿון פֿאַרליבטן אינדיק ביזן הולטיי־פּאַוויאַן.
די גרויע שטאָט איז זשעדנע נאָך קאָלירן,

איר בייזע נייגיריקייט שפייזן מיר.
הוראַ! די ווייבער, אונזערע שוץ־מלאכים, פּאַטשן „בראַוואָ"
צום טאַקט פון אונזערע געפּאָדקעוועטע פערד,
צום קלאַנג פון שפּאָרן זילבערנע. זיי אַליין,
מיט טרערן אין די צאַרטע אויגן, שיקן אונז
זייערע אויסגעוואַקסענע זין, די גוט־ערצויגענע קרעטינען,
צו פאַלן אין דעם „פעלד פון ערע"...
און שושקען צו די טעכטער זייערע: „מער פלירט!
אַזעלכע מענער לוינט צו פאַנגען".

סילענציאום!
איך זאָג: עס שאַדט נישט. פון צייט צו צייט
מוז דער מידער מענטשהייט בלוט געלאָזן ווערן.
פון שלום און פון וואוילטאָג ווערט זי קאָרפולענט,
און אָטעמט שווער, אַסטמאַטיש, מיט אַ פייף;
און פויל און שלעפעריק פלוידערט זי, אין היגהערפלעט,
מיט שעדלעכן ליבעראַליזם, הומאַניזם, איזם.
זי ווערט טרוימעריש און ווייך, דעגענערירט;
און נאָר זי וואָלט זיך קוויקן מיט עקזאָטישע
אידעען־אַנאַנאַסן פון די ווייטסטע לענדער.
דאַן מוז מען זי פאַרהאַרטעווען מיט שווערע מאַרשן,
די פיינע נערוון מיט האַרמאַטן־בריל פאַרגרעבן,
און שלאָגן אָדערן; זאָל פליסן אויף דער ערד
איר געדיכטע, שוואַרצע בלוט;
ווען נישט באַקומט די מאַכט אַפּאָפּלעקציע.
איך בין דער רופא פון דער אָפּגעשוואַכטער מאַכט;
זי שיקט מיך מיטן שווערד פאָראויס,
ער איז מיין זיכערקייט לאַנצעט, צו אויפשניידן
די סקלעראָזע, גראָבע אָדערן ביי דער מענטשהייט.
איך טו עס מיט אַ קאַלטער ליידנשאַפט
פון אַ מייסטער־אָפּעראַטאָר... די היסטערישע,
פאַרהולטייעוועטע מענטשהייט האָט זיך ליב צו היילן,
צו־איבערלעבן דעם זיסן ציטער פון געפאַרן.
זי וויינט און לאָזט טראָמייטן שאַלן,
ווען זי גייט צום אָפּעראַציע־טיש, דעם גרויסן, רויען,
ווי אַ שלאַכטפעלד, פול מיט שטעכל־דראָט און גראָבנס.
זי וואַרפט אַליין אַראָפּ, און אָן אַ פיצל בושה,

אַלע קליידער, אַלע צירונג פֿון קולטור:
די בונטע קרוין פֿון קונסט,
דעם בראַוון גאַרטל פֿון גערעכטיקייט,
די רוימישע שניי־ווייסע טאָגע, מיטן רויטן זוים,
פֿון לאָגיק און געזעץ;
די בלויע זאַקן פֿון דער וויסנשאַפֿט;
ביז ס׳בלייבט אין בלויזן העמד, די צען מאָל געוואַשענע
ירושה־העמד פֿון אומשולד און פֿון גלויבן.
די אויך אַראָפּ!... און אָדם־נאַקעט ליגט זי
און בעט זיך: נעם און שנייד מיך גיכער,
מיט העלדנמוט, דו, ליבער פֿעלדמאַרשאַל!

גייען מיר פּאַרזיכטיק, ווי די פּראָפֿעסאָרן,
מיר שניידן טיפֿע וואונדן אין איר זאַטן לייב
און וואַרטשן גראַבלעך: „צו געזונט!״
מיר רייבן איין מיט פּולווער און מיט בליי,
ביז ס׳הויבן אָן צו אייטערן די פֿרישע וואונדן.
אַזוי קורירן מיר זי וויפֿיל מ י ר באַדאַרפֿן
און ווינקען־אונטער קלוג, אַז שרייען טאָר מען נישט,
עס קען פֿאַרשאַטן... יאָ, זי שווייגט
און בענטשט אונז, אירע גרויסע רעטער.

עס טרעפֿט, זי שפּאַרט זיך איין: „איך וויל נישט גיין,
איך בין געזונט!״
דאַן בלייבט אונז נאָר איין אויסגעפּרוואוטער מיטל —
היפּנאָז.
אַן עין־הרע־אָפּשפּרעכעניש, אַ ציין־פֿאַררעדעניש
פֿון דער טויזנט־לעפֿצנדיקער פּרעסע־מכשפֿה:
אַ טונקעניש פֿון גראָשנדיקע פֿעדערס,
אַ פּלאַפּלעניש פֿון שליימיקע, קרומע מיילער,
אַ פֿאָכעניש פֿון לעצטע נייעסן־בלעטלעך.
דער נאַפֿט־ריח פֿון פֿרישע אותיות־פֿאַרב
באַטויבט ווי אַ נאַרקאָז.
מען רעדט זי איין, די איינגעשפּאַרטע, — זי איז קראַנק...
זי האָרכט, זי גלויבט; די גאַל צעגיסט זיך איר,
ביז ס׳שפּאַרט איר אָן און ס׳שרייט אַרויס
איר הייזעריקער רוף ווי אַ סטיכיע,

ווי אַ לאַווינע פֿון איין מאַסן־משוגעת:
„מלחמה!"
דאָס הייסט —
איר, שטאַרקע פֿעלקער, פֿאַלט אויף שטאַרקע אָן!
ביז די מאַכט — מיין אָפּגעשוואַכטע פּראָטעזשירעריין —
וועט אויפֿקומען דערוויל, און שטאַרקער ווערן
פֿאַר ביידע העלדישע באַזיגטע...

דאָס איז דער ציל, דער אייביקער, צו וועלכן
קיינער פֿון די קעמפֿער שטרעבט נישט,
און קומט נישט ווילנדיק צו אים.
ס'איז דאָס אַלטע מיטל פֿון אַלע אַלעקסאַנדערס,
קאַרלוס־מאַגנוסעס און באָנאַפּאַרטעס.
ס'איז ציניש און ס'איז שטאַרק. עס שטייט פֿאַרשריבן
שוואַרץ אויף ווייס און רויט אויף שוואַרץ אין דער געשיכטע.
און די דערהויבענע און קלוגע קו, די מענטשהייט,
לאָזט זיך פֿירן יעדעס מאָל. הויבט אָן פֿון אַלף־בית,
און יעדער דור פֿון ס'ניי.
אָט שטיי איך דאָ און זאָג דאָס אַזוי אָפֿן,
און כ'האָב קיין מורא נישט; מען וועט מיך נישט פֿאַרשרייען,
נישט פֿאַרקריצן מיט די פֿוילע ציין.
און זאָל איך נאָר אַ קלונג טאָן מיט די שפּאָרן:
„די נאַציע אין געפֿאַר!"
דאַן ווערט אַ וויטער טומל, ווי אין קינאָ,
ווען מען שרייט: „עס ברענט!"
דאַן שטייען אַלע אויף און שרייען־מיט „געפֿאַ־אַ־אַר!"

IV

דער וועלט אידעאַל זאָגט:

(שטרענגער, שוואַרצער מאַנטל. ווייסע זוים און פֿרענדז. אין האַנט — אַ געוויקלטער פּאַרמעט)

אויף די קני, איר שקלאַפֿן, צום צענטן מאָל,
צום הונדערטן!
די מאַכט האָט אייער פֿלייש און בלוט באַזיגט,
איך — אייער גייסט.
שוין צען מאָל, אין אייער מענטשלעכער געשיכטע,
האָט איר מיך געקרייציקט און באַגראָבן,

און צען מאָל בין איך צום נייעם לעבן אויפֿגעשטאַנען,
אין געשטאַלט פֿון האַלבע און פֿון גאַנצע געטער; —
געוואָרפֿן וואונדער, אין ים אַריין פֿאַרטריבן
בייזע גייסטער און חזירים...
און צען מאָל האָט איר זיך אומגעקערט צו מיר,
אַ נייעם נאָמען מיר געגעבן; און ווי הינט
געלעקט די פֿאָלעס פֿון מיין מאַנטל, דעם אַלטן, האָריקן,
דעם מדבר־מאַנטל פֿון דערהרגעטן פּראָפֿעט.

אַ וועלט־ווילן בין איך, וואָס נעמט אָן פֿאָרמען,
אַן אויבער־מוסטער פֿון דער אייביק־זוכנדער נאַטור.
איך — געניוס בין דאָך דאָס בינטל היי,
וואָס ווערט אָנגעבונדן, פֿון דער קלוגער מאַכט,
איבערן קאָפּ פֿון אייזל אויף אַ הויכן סצעפּטער.
דאָס פֿאָלק יאָגט נאָך און לעכצט און קען אים נישט דערגרייכן,
און נ אָ ר אַזוי באַוועגט עס זיך פֿאָראויס...
צי בין איך שווער באַמאָלט מיט היראָגליפֿן,
פֿאַרסודעט און פֿאַרגעטערט ווי אַ פּרעה־מומיע,
צי „מאַג” און לייב־פֿאַרצערער, ווי אַ בראַהאַמאַ־הייליקער,
אַ ווייכלעכער פּלאַטאָניקער, אַ פֿריילעכער עפּיקורעער,
צי אַ יעזוס־שעפּס, וואָס לאָזט זיך שעכטן
פֿאַר אַלע זינד פֿון גאָר דער וועלט; —
צי אַ מאַראַנען־ פּייניקער אין נאָמען קריסטי,
צי בונט געפּאַסקעט ווי די פֿאָן פֿון פֿאָטערלאַנד,
צי געלב און אָנגעפּרעסן ווי דאָס קאַלב פֿון קאַפּיטאַל,
צי בלוט־רויט ווי די הויכע מיץ פֿון סאַנקילאָט, —
עס איז אַלץ איינס. איך בין דער זעלבער.
נאָר קלייד און נאָמען בייט איך, נישט מיין זעל.
איך בלייב דאָס נישט־דערגרייכטע געטער־שפּייז,
פֿאַר דעם פֿאַריאָגטן, הירזשנדיקן אייזל;
איך בלייב דער וועלט־פֿאַרבעסערער פֿון אַלע צייטן,
וואָס פֿליט אויף אָדלער־פֿליגלען ראַטעווען די מענטשהייט;
און ראַטעווענדיק — פֿאַרגוואַלדיקט ער. פֿאַרכאַפּט
אַ גאַנצן ווייַנגאָרטן, טרייבנדיק איין פֿוקס.
דער מאַגנעט פֿון וועג־פֿאַרלוירענע בין איך. דער קאָמפּאַס
אין נעפּל פֿון צעפֿאַלענע נאַציאָנען.
וואו כ'שטרעק נאָר אויס מיין שטרענגע, ברייטע האַנט,

דאָרט זאַמלט איר זיך אַרום מיר ווי די קריסטאָלן;
און פֿון אָפּגרונט שטייגן פֿאָלק און לאַנד און לײַדנשאַפֿטן.
דער כאַמעלעאָן פֿון וועלט-עפּאָכן... די „גרויסע צײַט"
נעמט שטענדיק אָן מײַן פֿאַרב, און נישט פֿאַרקערט.
נישט איך — די מענטשהייט אַרום מיר, דער פֿעלקער-ווילן,
ער שפּילט מימיקרי, מאַכט מיר נאָך
ווי אַ פּאַרטאַטש מאַכט נאָך דעם מייסטער.

אויף די קני, איר ראַסן, פֿעלקער און פּאַרטייען!
די אויגן מײַנע, גרוי און ליכטיק, דרינגען דורך
אײַער טריבע הייליקייט און פֿריקרע ליבע.
איך ווייס — וואָס נעכטן גוט געווען איז הײַנט
דאָס שלעכטעסטע פֿון שלעכטס;
וואָס ביטער מיט אַ דור צוריק — הײַנט האָניק-זיס;
וואָס דאָ נישט לאַנג געבענטשט, איז הײַנט
געשאָלטן, מיט דער זעלבער היץ און אימפּעט.
און הייסן הייסט דאָס: שטײַגן, פּראָגרעסירן,
פֿאַרלויפֿן, וועג-פֿאַראויס, דער קריכנדיקער וועלט-געשיכטע.
אָ, איר זענט די זעלבע אייביק, אייביק!
און ווי טײַכן פֿליסט איר אַלע אין מײַן ווילן —
אַ ים, וואָס ווערט קיין מאָל נישט פֿול.
און ס'ווערן בטל אַלע אײַערע קאַפּריזן
אין אייביקן געזעץ פֿון דרייען זיך אין קרײַז.
די צוקונפֿט, וואָס איר גלויבט — זי איז אומענדלעך
אין גרויסע מעגלעכקייטן, פֿאָרמען שטענדיק-נײַע, —
זי לאַכט זיך אויס פֿון אײַער זעען און טראַכטן,
זי קומט צוריק צום אַלטן פּונקט,
אין אירע איבערגעניצעוועטע העלדן-קליידער;
און שטענדיק וועט איר שניידן שטאָלצע קעפּ
פֿאַר אמתן פֿון נעכטן און פֿון אײַערנעכטן.
פֿון, אין פֿלאַם און רויך געשטורעמטע באַסטיליען,
שפּרינגט אַלע מאָל אַרויס די באָנאַפּאַרטע-סאַלאַמאַנדרע
און שלעפּט אַרויס די קרוינען פֿון מוזעאומס;
אַ קלאַפּ אין טיש: „גענוג, איר יאָלדן!"
און בלײַך ווערט איר און שוואַך פֿון בירגער-גליק.

אויף די קני, איר סטאַדע, הידרע מיט מיליאָנען-קעפּ!
איר גייט פֿאַרביי, ווי וואָלקנס פֿון מאָסקיטן

צו מיינע פּיס... איר זשומזשעט: „מיר און מיר און מיר"...
איך, געניוס, הער זיך צו און שמייכל.
און בונטעוועט איר אויף, דאַן שטרעק איך אויס
מיין שטאָלצן קאָפּ צו אייער טריפהנער גילאָטינע:
„נעמט, האַקט שוין, גיכער... און אויף ווידערזען
אין אייער מאָרגנדיקער וועלט־געשיכטע!"

V

דאָס געזעץ זאָגט:

(רויטע טאָגע מיט שוואַרצע פּרענז... וואַקס־געזיכט פון אַ סריס.
אין האַנט אַ בעזמען*)

אַלע וואַרטן אויף משיחס צייטן,
ווען וואָלף און שעפּס וועלן צוזאַמען לעבן, —
משיחס צייטן זיינען דאָ, ביי מיר;
מען זאָל נאָר היטן מיך און אַכטן —
משיחס צייטן זיינען לאַנג שוין דאָ!
פיינט האָב איך אַלע איבערגעוואַקסענע
אין גייסט און לייב, אין חלום און אין וואָר;
מיין וואָג איז ערלעך,
מיין האַק איז שאַרף.
אַלץ וואָס וואַקסט אַריבער מיין פּיליסטער־וואַלד
האַק איך אָפּ... מיין קאָדעקס לערנט:
פּאַלמע־לעבן, דו וואַקס אַ ביסל קירצער!
קירבעס בייכיקער, דו הויב דיך העכער,
לען דיך אויף מיין אָרעם אָן און שטייג!
אָדלער, דו — אין הינער־שטייג אַריין!
לייב, דו איינזאַמער, אין סטאַדע!... נאָר אַ פריער
מוזט איר איבערלאָזן שנאָבלען, ציין און נעגל
אָט דאָ, ביי מיר „צום אויפבעוואַהרען", אין ביוראָ.
איר שטיינער האַרביקע, געקויקלטע פון שטראָמען,
זענט מיר געפּערלעך פאַרן הויכן בנין,
וואָס די געזעלשאַפט בויט לויט מיינע פּלענער;
דעריבער מוז איך אייך אַרומהאַקן און מאַכן
אי לענגלעך, אי פּירעקעדיק, ווי ציגל...
צי זענט איר רויט, צי שוואַרץ, דאָס איז אַלץ איינס;

* פּרימיטיווער וואָג־שטאַנג.

איין קלייניקייט פֿאַרלאַנג איך נאָר פֿון אייך:
גלייכוואָגיק און פֿירעקעדיק ווי ציגל!
די שאַרפֿסטע קעפּ האָבן מיין בעזמען געשמידט, —
גרויסע ליידנשאַפֿטן הענגען אויף זיין קרוק,
די משא פֿון גערעכטיקייט דאָס איז זיין וואָג.
מיין באַלאַנס־שטריק — זי איז אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע
אין מיטלפּונקט צווישן גוט און שלעכטס;
אַזוי האַלט זיך פֿעסט די גרויסע גלייכגעוויכט
פֿון דער אומרואיקער וועלט און טויזנטפֿאַלטיקער געזעלשאַפֿט.
וואַקסט אויס די וואָג פֿון טוגענדן — וואַקסט מיט
די משא פֿון פֿאַרברעכנס אויף מיין בעזמען.
איך מאַך אַ שטרענגן פּנים ביים באַשטראָפֿן,
כּדי צופֿרידנצושטעלן דעם פֿאַרשמאַכטן יצר־הרע
פֿון מיינע אָנהענגער... נאָר טיף אין האַרצן
גאָר איך נאָך די ווידערשפּעניקע. ווען נישט פֿאַרברעכנס,
דאַרף מען נישט מיין שאַרפֿע הענקער־האַק, מיין בעזמען,
גליטשט זיך מיין באַלאַנס פֿון מיטלפּונקט אַראָפּ;
און ס׳קראַכן מיט אַ דונער, אין איין מיש־מאַש,
אַלע אָנגעהויפֿטע אוצרות גוטס און שלעכטס.

אַלע אָפּגעלעבטע, קלוגע שבֿטים האָבן זייער
בכּבֿודיקע אַלטקייט מיט מיין האַק געשיצט:
„גנבֿע נישט מיין גוטס און גלוסט נישט מיינע פֿרויען!
שטרויכל נישט מיין עלטער, וועלכער שלעפּט די פֿיס!
האָב אַכטונג פֿאַר מיין אײדעלער אימפּאָטענץ,
און לעסטער נישט מיין אָפּגענוצטן אָפּגאָט!"
און צווילדעוועטע יונג־בלוט האָט געהערט, געפֿאָלגט.
נישט איין מעסער איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון אַ שטאַרקער האַנט,
דערהערנדיק מיין שוואַכינקן באַפֿעל;
נישט איין טיגער האָט אויסגעווילט פֿאַרגיין אין הונגער
איידער אָפּנעמען דאָס רויב ביי קליינע הינט.
אַלע שוואַכע קלויבן זיך אַרום מיין פֿאָן
און טוליען זיך, איין שליימיק לייב צום צווייטן;
אַזוי שיצן זיי זיך פֿאַר דער קעלט פֿון וועלט־רוים,
פֿאַר דער אומבאַוואוסטקייט, פֿאַר דער שטילקייט פֿון אין־סוף,
פֿאַר אַלע בייזע קרעפֿטן, וואָס קוקן נישט אַריין
אין פֿאַרמעטענעם קאָדעקס פֿון דער מענטשהייט.

„לאָמיר אָטעמען צוזאַמען און זאָל זיין וואַרעם,
לאָמיר טומלען זיך אין איינעם און זאָל די שטילקייט שווייגן!"
דאָס איז די גאַנצע תּורה פֿון גענזעץ־פֿאַרערער.
יאָרטויזנטער זיינען אַריבער אין שותּפֿותדיקן שוואַך־זיין,
אַטראָפֿירט זיינען געוואָרן אַלע שרעקן,
אַלע אומזיכטבאַרע אויגן פֿון אינסטינקט —:
נישטאָ קיין גבֿורות, קיין אומענדלעכקייט,
נישטאָ קיין סודות, אויסגעטראַכט איז אַלץ
צו שרעקן גרויסע, בערדלדיקע קינדער;
גענזעץ איז דאָ און מיר, מער קיינער!"

ווען נישט דער שטאָלץ פֿון דערהויבענע פֿאַרברעכער,
ווען נישט דאָס קאָכעדיקע האַרץ פֿון איבערקערער,
ווען נישט די פֿלינקקייט פֿון גייסטער־אַקראָבאַטן,
וואָס גייען מיך אַרום אויף טויזנט וועגן —
וואָלט אַלץ און אַלע גלייך שוין לאַנג געווען,
משיחס צייטן וואָלט אַלעמען פֿאַרברידערט,
אויף צו להכעיס אַלע אָפּלאַכער און לוחות־ברעכער;
און ס׳וואָלט זיך לאַנג פֿאַרמישט איין גרויער מענטש־הויפֿן
פֿון אַלע אויפֿגערעגטע פֿעלקער, בייזע קלאַסן,
פֿון אַלע תּאוות בלוטיקע און וואַסערדיקע צדקה.

עס קלאָגן מיינע קנעכט: „דאָס אומגליק פֿון דער וועלט
איז נאָר דאָס אומגיין פֿון גענזעץ מיט טויזנטער גאַנגען",
די אונטערגרעבער מיינען: — „ס׳איז דאָס גרעסטע גליק..."
גערעכט איז ווער? איך וויים נישט. זאָלן מענטשן
דורכקומען צווישן זיך און מושווה־ווערן.
איך האַלט מיין שווערן בעזמען פֿעסט. מיין שטריק
איז אָנגעצויגן צווישן מ ע ג און ט אָ ר נ י ש ט.
און בויגן זיך די מעשים־טובֿים צו פֿאַרברעכנס איבער,
דאַן ברעכט צוזאַמען דער באַלאַנס פֿון דער גענזעלשאַפֿט,
און טויזנט־דורותדיקע גזלות און ירושות
זינקען איינעם תּהום פֿון דער אַנאַרכיע...
פֿעסט האַלט איך מיין בעזמען!

VI

דער גלח זאָגט :

(הויכער הוט, האַלב פּאָפּ־ציגינדער, האַלב כינעזישע פּאַגאָדע.
אין האַנט אַ פייער־פאָן)

אָן אַ ציל האָט אונזער ערד געבלאָנדזשעט
אין דער אומענדלעכקייט ;
נאָפל אָפּגעריסן פון פייערדיקן בראשית־פורעם,
זיך אַוועקגעקייקלט.
נישט געזוכט האָט זי דער שעפער אין דער גרויסער נאַכט, —
צו קליין געווען איז די אַבדה ;
און זי האָט, אין איר בלינדקייט, נישט געקענט געפינען
דעם וועג צוריק צו א י ם.
און די מענטשן אויף דער ערד, די אָרעמע מאַטראָסן,
אָן זעגלען, אָן באַפעלער, האָבן זיך געטראָגן
איבער כוואַליעס פון אין־סוף ;
באַהאַלטן זיך ווי מייז אין שפּאַלטן פונעם פּלויט,
געשטאַמלט ציטערדיקע תּפילות — :
דער ערד־יסוד קען פּלאַצן ; די אומבאַוואוסטקייט
קען אָנקומען ווי כוואַליעס און פאַרשלינגען.
אָ, קניט זיך, בוקט זיך, רויכערט, קוילעט קינדער,
אפשר ווען זיך די בייזע כוחות איבערבעטן !

זיינען אויפגעשטאַנען ראַטעווען די וועלט
די גאָט־געבענטשטע זעגל־מייסטער ;
אַראָפּ פון קאַלטע בערג, פון הייסן זאַמד געשטיגן,
פאַרלאָזן פּאַלאַצן פון גלאָז און מירמלשטיין ;
און אָפּגעזוכט צוריק דעם גרויסן וועג
מיט שטערן־שטויב, מיט וועלטן־ברוך פאַרווייעט.
די צלמ׳ס אויף די קלויסטערס, די פאַלדיקע פּאַגאָדעס,
די באַגילדעטע קנוילן אויף מעטשעטן־שפּיצן,
ווי פינגער פון איין קאָמפּאַס, אין אַ סך געשטאַלטן, —
האָבן יאָרן טויזנטער, נאָך זיי, באַוויזן
דעם אָפּגעזוכטן, גלייכן וועג :
„צוריק צום שעפער, דו פאַרבלאָנדזשעטע,
ד אָ ר ט איז די הימלשע מלוכה !

פונעם לעכערדיקן ערד־פּלייט זיינען אויסגעוואַקסן
זעקס זעגלבוימער מוראדיקע שיינע ;

דריי אַנטקעגן דריי. געזעסן אויף די קעפּ
די פֿלאַטערדיקע זעגלען — שווערע שטורעם וואָלקנס;
עמרם׳ס־זון מיט לוחות אויף אַ מדבר־באַרג,
ישו מיט זיין צלם אויף דעם קראַנקן אַקסל,
מחמד אויף זיין מאַהאַרי־קעמל, מיטן שווערד
דעם קרומען, ווי אַ ניי־געבוירענע לבנה...
אַנטקעגן זיי — דער גרויסער שטילער בודאַ,
דער לאָטאָס־בלום מיטן אָפּיום־גערוך,
מיט וואָרצלען — אין דער אייביקער נירוואַנאַ.
זאַראַסטער אין אַ פֿײַערלעכער קאָמפּאַניע
פֿון טאַנצנדיקע דעמאָנס און מלאכים;
קאָנפֿוצי מיט זיין הייליקן דראַקאָן —
זעקס זעגל־בוימער.
געצאַצקעט ווילד־עקזאָטיש, רייך באַבלומט
מיט אַלע שיינקייטן פֿון מזרח און פֿון מערב,
געקרוינט מיט פּויפּסטלעכע טיאַרעס, יידישע טליתים,
מיט טאַטערישע פּעסקעס און מיט אינדישע טורבאַנען.
זעקס הערלעכקייטן, דריי אַנטקעגן דריי,
האָבן זיך דערהויבן איבער אַלע ליידנשאַפֿטן,
איבער שרעקן מיסטישע פֿון פֿעלקער;—
ווי אַ טויער פֿון טריאומף ביים וועלט־גרענעץ
פֿון זיין און נישט־זיין.
ווער עס איז אַרויף אויף דער משופּעדיקער, גרינער ערד
און ווער אַראָפּ אין שוואַרצן תהום אַריין —
האָט נישט געקענט דעם גרויסן טויער מיידן.
און ס׳האָבן, יאָרן טויזנטער, דורך אים געפּלייצט
פּראָצעסיעס פֿון לעבעדיקע בלומען — מאַסן גלויביקער,
אַרויסגעקוקט ווי דורך אַ בונטן פֿענסטער.
געשטופּט האָבן זיך אַלע אַ בליק טאָן אין אין־סוף,
דערזען דעם ציל, דעם לויכט־טורעם וואָס גיכער.
און אָפּגעלעבטע דורות האָבן, שטאַרבנדיק,
געבענטשט און אָנגעזאָגט די קינדער: „מאָרגן...
מאָרגן וועט איר אים דערזען!“

און פּלוצלינג... ווי אַזוי און ווען איז דאָס געשען?
דער ציל האָט זיך גענומען רוקן ווייטער,
געוואָרן נעפּלדיק די בלויע ווייטעניש.
די זעגל־בוימער האָבן זיך גענומען שפּאַלטן,

עס פֿאַלן אָפ פֿון זיי די אַלטע מאָלערייען;
אין גאָלד־שטויב קייקלען זיך, ווי טראָפּנס בלוט, רובינען;
עס ציט מיט ווילגאָטש פֿון די לעכער.
און ס׳איז געשען... דער פֿאָל־מאַגנעט
האָט ערגעץ־וואו זיין אָרט געביטן; צעשאָטן זיך
אין טויזנטער הוויות, טויזנט קעגן־קרעפֿטן,
ווי אין דער צייט פֿון געצנדינערײַ.
דער קאָמפּאַס איז נערוועז... די שפּיצן פֿון די קלויסטערס
וויזן שוין נישט מער דעם גלייכן וועג צום הימל,
נאָר ערגעץ אָן דער זייט, אין כּף־הקלע,
ווי ס׳ווייזט דער הינקענדיקער פּיזאַ־טורעם.
און דורך דעם קלענסטן פֿעלקער־שטורעם שווינדלען זיי,
ווי מאַסט־בוימער ביים ברעג פֿון ים.
געבליבן זיינען שטיין פֿאַרפֿלעפֿט, אויף אַלע שייד־וועגן,
מיינע ברידער גייסטלעכע, די פֿייערפֿאַנען אין די הענט;
די פֿעלקער הינטער זיי זענ׳ זיך צעלאָפֿן.
ווייל קיינער ווייסט נישט מער וואו צפֿון און וואו דרום,
וואוהין און צוליב וואָס שווימט ווייטער אונזער ערד
מיט צעריסענע און פֿלאַמנדיקע זעגל־וואָלקנס...
און די גרויסע וועלט, אַ, צויבער פֿונעם שטן! —
זי האַלט זיך נאָך.
דער הימל־באַלקן פּלאַצט נישט
און שווערע שטיקער בלויקייט פֿאַלן נישט אַראָפּ.
דער באָדן שפּרינגט נישט אויף, פֿאַרשלינגט נישט,
ווי קורחן מיט זיין געמיינדע, די אומגלויביקע.
מיט אַ צען מאָל האַסטיקערן אימפּעט לויפֿן
מיינע מענטשן־סטאַדעס מיר דעם וועג פֿאַראויס,
און רויכערן בענזין און דאַמף דעם אָפּגאָט פֿון דער שטאָט,
און וואַרטן נישט איך זאָל זיי בענטשן.
די צלמים שאָקלען זיך, דער קאָמפּאַס שווינדלט,
מיך שווינדלט אויך, מיר איז נישט גוט:
אַ ציל!
נישט־גלויביקע מאַרטירט, געברענט אויף עשאַפֿאָטן,
דעם זוים פֿון מאַנטל האָט מען מיר דערפֿאַר געקושט.
אַצינד... כ׳בין ווייך, כ׳בין מילד. אַן אַלטע פֿרוי...
און האַרציק־גוט... און קיינער קומט נישט.
איך שאָקל מיר פֿאַרטראַכט מיין פֿייערפֿאַן. זי שטעלט זיך אָפּ

ווי דער אומרו פֿון אַן אָפּגעדינטן אַלטן זייגער;
און די אויגן קוקן נאָך אין נעפּל, פֿון געוואוינהייט;
אַ ציל! אַ ציל!... דער לויכט־טורעם וואו איז?

VII

דער קאָנסערוואַטאָר זאָגט:

(אַלטמאָדיש געקליידט. אַ פֿינצטער געזיכט. אין האַנט — אַ בינטל שליסען)

אין שרעק, אין אייביקן, פֿאַר וואַנדאַליזם
לעב איך אָפּ מיין לעבן. כ׳היט געטריי
די גרעסטע גיטער פֿון דער מענטשהייט:
דערשיינונגען פֿון גאָט אין אונז און אויסער אונז,
אַנטפּלעקונגען פֿון מענטשן־ווילן דורך יאָרהונדערטער,
דעם סוד פֿון פֿאַנגען און פֿאַראייביקן די רגע.
דעם גייסט, וואָס שוועבט — צום פֿאַרמעט צוצושמידן,
ר׳זאָל בלייבן אויף דער ערד... פֿון דור צו דור
האָב איך געזאַמלט, איינגעזאַלצט און קאָנסערווירט
טראַדיציעס, דאָגמען, ווערטן, מוזעס, שאַטנס,
אַלע וואונדער־פּירות פֿון קולטור, וואָס פֿוילן לייכט
בשעת ענדערונגען אין דער לופֿט פֿון דער געשיכטע.
דער זשאַווער דעקט זיי נאָר פֿון אויבן צו. ער היט זיי,
ווי שימל היט די איידלקייט פֿון וויינען. אָבער אינעווייניק
רויטלט זיך דער זאַפֿט פֿון קלוגער עלטער,
גרינט די יוגנט, גלאַנצט נאַאיוו דער גלויבן.
אָ, נאָר מיט מיינע ראָסטיקע קאָנסערוון
האָט די מענטשהייט דורכגעוואַנדערט וויסטענישן
פֿון מיטלאַלטער און פֿון באַרבאַריי;
און נאָר מיט זיי האָט זי געשפּייזט זיך
אויף טויטע ימים פֿון נישט־שעפֿערישע צייטן,
נאָכן אונטערגאַנג פֿון געטער און מדינות.

דער קאַפּיטאַל פֿון גייסט בין איך. דער ספֿר־הזכרונות
פֿאַר שוואַכע קעפּ, פֿאַרדעכטיקע באַנייער,
אַ דאַרער מומיע־פֿינגער, וועלכער טייטלט שטענדיק:
„געוועזן שוין אַ מאָל!...״
איך היט קולטורן אָפּ פֿון גנבענען ביי זיך אַליין,
פֿון טאָן געטוענע, פֿון מאָלן דאָס געמאָלענע,
פֿון שטויסן וואַסער אין אַ קלינגנדיקן שטויסל.

איך היט זיי אָפּ פֿון פֿאַלשע איבערשאַצער,
וואָס לאַכן אויס, באַשפּייען גרויסע ווערטן,
כּדי דערנאָך עס ירשענען אומזיסט.

אַן אַרבעט־ביהן בין איך. כ׳געדענק, אַז ערגעץ־וואו
איז דאָ אַ מוטער־ביניכע, וואָס קינדלט, קינדלט;
און איך, איר קינד און קנעכט, מוז זאַמלען, זאַמלען.
איך ווייס: אויך די געשיכטע האָט איר ווינטער:
נאָך בליענדיקע פּראַכט־קולטורן, גייסט־גערעטענישן
קומט אָן אַ מענטשן־האַרבסט מיט דראַכלע לייבער,
מיט געלבע בלעטער, דעקאַדענץ און שפּינוועבס.
איך בין דער ערשטער, וועלכער פֿילט עס פֿונדערווייטנס
און שליס דעם בינשטאָק און פֿאַרשטאָפּ די שפּאַלטן.
אָבער רויבער פֿאַרמאַסקירטע קומען שטענדיק אָן,
מיט האַלעוועשקעס רויכערט מען מיך אויס,
מען ברעכט דעם צאַרטן קעסטלדיקן וואַקס,
מען שפּאַלט די זיסע אוצרות אויף. מען פּרעסט,
מען טרעט דעם רעשט מיט גראָבע שטיוול.
איך זשומזשע הונגעריק, פֿאַרטשאַדעט
און גיפֿטיק־בייז אַרום די האַרטע קעפּ;
און גייען זיי אַוועק, איז מיין געדולד
געשפּאַנט און פֿריש ווי פֿריער. איך הויב אָן
פֿון בראשית; ווייל איך בין אַ ביך,
אַ מענטשן־ביך, כ׳מוז זאַמלען, זאַמלען, זאַמלען.

נאָר זאַמלענדיק אַזוי אָן אַ סוף איז מיר דאָס מיטל
געוואָרן ציל. נישטאָ קיין צייט צו לעבן,
צו געבוירן;
צו אויסברענגען מיין רייכקייט, איבערקנעטן עס
אין נייע מוסטערן פֿון העלדישקייט און ווילן.
כ׳פֿאַרגין מיר קיין מאָל נישט אַ ביסל גרינס,
אַ פֿרישע בלום, אַ טרויב אַ זאַפֿטיקע.
אַזוי גייט דער זומער פֿון אַ תּקופֿה מיר אַוועק,
דער ברען און שאַפֿונגס־אימפּעט פֿון מיין דור.
איך שפּייז מיך שעמעוודיק, נישט־טאָג נישט־נאַכט,
מיט זויערלעכע תּוך׳ן, פֿאַרמען צוגעלעגענע;
איך שלאָף אויף אַלטע שמות אין מיין פֿירהויז.

פֿאַרעלטערט איז מיין מאַנטל, מיין געזיכט געקנייטשט
און מאַט די אויערן — כ׳זאָל קענען שעפּן פֿרייד
פֿון יינגלשע טראַמייטן ביי מיין פֿענסטער,
און מעג עס אויך, דאָס לעצטע וואָרט
פֿון הייס-בלוט און פֿון זוכענישן, הייסן.
אָבער אַלע גאַסן-אמתן, די מאַרק-גערעכטיקייט,
די שניידערשע לעצט-מאָדישע עסטעטיק
טייטלען מיט די קורצע פֿינגערלעך אויף מיר:
„זעט דעם אָפּגעשטאַנענעם, דעם שאָטנס-כאַפּער,
דעם קברים-גריבלער!...״
ס׳איז אַ ליגן,
אומדאַנקבאַרקייט פֿון פֿרעכע עפּיגאָנען!...
ווען די קליינע מענטשלעך מיט די איבערפֿולטע הערצער
האָבן פֿרעמדע האָב און שיינקייטן צעוואָרפֿן —
האָב איך עס אין מיין האָמסטער-זאַק באַהאַלטן,
בגנבה, בין-השמשות, ווי אַ שמוגלער.
און ווען שכורע מדינות האָבן זייערע
ירושה-וואָזעס אין פֿרייהייטס-פֿרייד געבראָכן —
האָב איך די עמאַלירטע שטיקעלעך געקליבן
און ווייַנענדיק געקלעפּט איין שטיק צום צווייטן,
רעסטאַווירט און צוגעטראָגן עס דערנאָך
די אויסגעניכטערטע נאַציאָנען אַ מתנה.
און ווען די ראָבן מיט די אָדלער-פֿליגלען
האָבן פֿראַמעטייס געדערים, קראַקנדיק, געפּיקעט, —
האָב איך געהיט זיין צאַנקנדיקן פֿייער,
ביי מיר אין קעלער, און אַליין געפּרוּווירן.
ווען די ראַבעספּיערס האָבן דאָס פֿאָלק געפֿירט,
נישט ווויסנדיק אַליין אויף קלאָר וואוהין,
פֿאַרשרייענדיק מיט רעדעס דעם געוויסן,
פֿאַרטרינקנדיק מיט בלוט דעם שרעק פֿון מאָרגן, —
האָב איך, נאָר איך אַליין, געהיט די פֿאָלקס-נשמה
און בלוטנדיק אויף עשאַפֿאָטן אָפּגעזאָגט
זיין הומאָר און ניכטערקייט אַ שפּעטערדיקן דור;
ערשט דאַן איז מען צו מיר געקומען בעטלען,
ווי צו דער מוראַשקע — דער אויסגעטאַנצטער היישריק...

דער רענעסאַנס אָן מיר וואָלט נישט געווען מעגלעך,
יאַן קעפּלער וואָלט נאָר אַן אַסטראָלאָג געווען,

אַ מזל־טרעפֿער אין די פֿירשטלעכע פּאַלאַצן;
בואָנאַראָטי — אַ ליאַלקע־מאַכער אויף יאַרידן,
דאַ־ווינטשי — קונצן־מאַכער אין ווענעציען.
די אידיליע וואָלט געשטאָרבן אָן מיין שוץ,
פֿון העלדן־מעשים וואָלט געבליבן בלויז די פּאָזע,
חולי־נופֿלים — פֿונעם הייליקסטן עקסטאַז.
און פֿאָרשער — זיי וואָלטן ביים אויסגראָבן געפֿונען
נאָר פֿיילן פֿון פֿאַרווילדעוועטע פֿעלקער...

דעריבער קאַמף, און ביז צום לעצטן, ברידער!
מיט אַלע פעדלער פֿונעם גרויסן וועלט־שמערץ,
מיט קרבנות, וועלכע ווילן ביידע וועלטן;
מיט די, וואָס צינדן אונטער שטאָט און דאָרף
און שיקן אַנדערע
די העלדן־שרפֿה מיט די בלויזע הענט צו לעשן.
זיי האָבן נישט וואָס צו פֿאַרלירן — ברעכן זיי;
קיין מאָל אין שעפֿערישע שמערצן נישט געבוירן —
שרייען זיי, ווי זונות, פֿאַרן פֿאָלקס־געריכט:
„אין צווייען שניידט די וועלט, נישט־מיר נישט־דיר!”
מער מוט! און זייער נשמה־אָרעמקייט
זאָל אונז, די שאַצן־היטער, מער נישט רירן!
די נישטיקייט פֿון לייב און גייסט איז נישט אַ טוגענד, —
אַ פֿאַרברעכן!
דער שרעק פֿון אונזער איידלקייט פֿאַר זייער גראָבקייט —
די שאַרפֿסטע שווערד אין זייערע פעבל־לאַפּעס.
דאָס איבערגיסן אַלטן וויין, פֿון אונזער קעלטער
אין זייער ביר־פֿאַס, איז נאָך נישט דאָס מיטל
צו אויספֿילן די פוסטקייט פֿון אַ נייער צייט;
אויב פוסט מוז איינער בלייבן — בעסער זיי!

VIII

די שאַפֿונג זאָגט:

(נעפּל־קלייד. אין האַנט — אַ גאָלדענער קנויל)

איך שווער נאָך איבער וואַסערן פֿון תהו־צייטן אָן
און בלאָנדזשע איבער אינזלען; אין נעפּל אונטער מיר
געביטן האָבן זיך, אין פֿאַרביקן געשימער,
מאַלפּע, מענטש און פֿאָלק. געלאָפֿן זיינען אַלע

צום קוואַל פֿון שאַפֿונג — צום ג ע ש מ אַ ק. און איך
האָב פֿון מיין הויך נאָר ברעקלעך זיי געוואָרפֿן,
ווי ווילדע אָדלער צוגעוואוינט צום שטייג פֿון שטאָט;
און ריטמיש אָפּגעהאַלטן זייער שוימנדיקן אימפּעט
מיט שטרויכלעכישן פֿון מפּלות און נצחונות.
אַצינד איז עפּעס דאָרט געשען... מען שפּאָט מיך אויס,
מען זוכט נישט מיינע ברעקלעך, דעם גאַנצן קערן וויל מען,
דעם תּוך פֿון אַלע בונט־געפֿאַרבטע שאָלעכצן...

כ'דערקען נישט מער דעם מענטשן, זיין האַרטער מאַלפּע־שאַרבן
איז דין געוואָרן. זיין מוח בלעטערט זיך, גייט אויף
ווי די יאָדער אין אַן אָנגעווייקטן ריזן־נוס,
און יעדער ווינטל טוט אים ווי און נאָר עס צאַפּלט.
זיין גראָבע חיה־הויט האָבן נערוון־ווירבלען דורכגעוועבט,
פֿון זיין יאָדערדיקן קאָפּ אַראָפּ די רייכע קודלעס,
ווי בליעכץ וועלקט און פֿאַלט פֿון צייטיקן מעלאָן, —
און ס'טאַנצן אויף זיין פּליך, ווי בלויע עלמאַ־פֿונקען,
אינטואיציעס און ציטערנישן פֿאַר אַ שטורעם.
ס'האָבן אָפּן און באַהאַלטן, דעם מענטשן־גייסט דערעסן
אַלע שפּילערייען מיט די קולטן־רעשטלעך פֿון פֿאַרצייטן,
דער קינדיש־זיסער מיטאָס פֿון די גריכן; די כאַליאַסטרע
פֿון שטיין־געטער, פֿאַרגלעט פֿון דרויסן און אָן האַרץ,
מיט טעמפּע אויגן, ווי האַרט־געקאָכטע אייער —
אויסגעשטאַרצט אין כאַאָס...
די לאַנגע, נודנע מעשיות פֿונעם אַלטן, בלינדן
פּלוידערזאַק האָמערוס, וואָס האָט געזונגען און געבעטלט
אויף אָלימפּישע ירידן, פֿול מיט שטויב און האָמאָסעקסואַליסטן.
די רוימער — מיט זייער שווערד און צירק־ראָמאַנטיק, און
מיט דעם ברוטאַלן קאָדעקס פֿון מענטשן־רעכט, כּביכול; —
דאָס בוקן זיך דעם טויט, פֿאַרגעטערונג פֿון מתים —
ירושה פֿון די מצרים, וועלכע האָבן אָפּגענומען ווערטן
פֿון לעבעדיקע שוואַרצע פֿעלקער, און די מדבר־פֿרייהייט
פֿון ברויך־הויטיקע סעמיטן, און דאָס אַלץ פֿאַרשענקט, —
מיט ברייטער טאַטואירטער חרטומים־האַנט, —
זייערע מלכותדיקע, באַלזאַמירטע פּגרים.

דערעסן האָבן אים די אַלע אָפּגעבליאַקטע אמתן
פֿון די פּאַסטוכער העברעער, וואָס האָבן פֿונעם מדבר

געבראַכט פֿאַרוויקלט, אין געפֿאַרבטע ציגן־פֿעל,
די האַרבע צען געבאָטן צו באַשיצן אַלע אַלטיטשקע,
קראַנקע, עובר־בטלע פֿון זייער שבט, איבערלאָדענע
מיט ווייבער, סטאַדעס, האָב און גוטס... אָקעגן שטאַרקע,
הונגעריקע יונגען... מען זאָל נישט העזה האָבן
אַפֿילו פֿון דערווייטנס קוקן, אַפֿילו נישט
דאָס ביטער שפּייעכץ שלינגען...
ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ האַס צו דער אייביקער פֿאַרגעטערונג
פֿון בלאָסן, געלן יידן,
וואָס האָט געוואַנדערט באָרוועס איבערן גליל און געדרשנט
גאָרנישט טאָן, נאָר שנאָרן אין לעבן ווי די פֿויגלעך,
ווי די בלומען, וועלכע וועבן נישט... און לאָזן פּאַטשן זיך
פֿון יעדן גאַסן־יונג און גלאָצן פֿרום צום הימל.
ער שטערט, דער קראַנקער ייד, דעם שאָטן פֿון זיין צלם
פֿאַלט נאָך עד היום פֿון גלגתא ביז אַליאַסקע,
און וואַרפֿט אַ שרעק אויף בליענדיקע פֿעלדער,
אויף אויסגעשנייטע וועגן;
פֿאַרשמירט מיט בלוט די ווענט פֿון אַלע טעמפּלען,
פֿאַרוואַנדלט אַלע קונסט־פּאַלאַצן אין איין גרויסן קראַנקן־הויז.
דער שוואַם, דער זויערער, פֿון וועלכן
ער האָט געטרונקען פֿאַרן טויט,
זאַפּט איין, נאָך עד־היום, דעם ווייַ פֿון אַלע הייליקע,
בלייכט אויס די רויטע וואונדן פֿון דער גאַנצער וועלט:
„נישטאָ קיין אַנדערע מאַרטירער אויסער מיר, נישטאָ!"
און פֿרעמד און איבעריק טורמען זיך די קלויסטערס
און שטעכן מיט באַגילדעטע שפּיצן די ניי־געבלויטע הימלען.
אין זייער גאָטיק־פֿינצטערניש,
אין דער פֿיילנדיקער ענגשאַפֿט פֿון זייערע מאַרמאָר־בייכער
פֿאַרשלינגען זיי נאָך יעצט, אין אונזער צייט,
אַלע שאַצן, כּוחות, שיינקייטן... ווי די פּרעהס
האָבן אַנגעזאַמלט און דערנאָך מיט זיך באַגראָבן.

מיט חשד און שמייכל קרומט דאָס נייע מענטשן־אויג
צום פֿיל־געלויבטן רענעסאַנס, וואָס האָט געפֿלייצט,
ווי טייכן ליכט און פֿאַרב, פֿון איטאַליען ביז האָלאַנד, —
און געמאַכט פֿון אַלע גאונים־קינסטלער איין געזינדל
פֿון טעלערלעקער, ביי די פּויפּסטן און מלכים, –

לאַטוטניקעס פֿון איין הייליקן שאַבלאָן.
אין טויזנטער וואַריאַנטן נאַאיווע, קלוגע, גראָבע,
אויף גרויע לייוונטן און ווייסע בלאָקן מאַרמאָר,
אויף ברוינעם נוס־האָלץ און אויף געלבן העלפֿאַנטצאָן, —
צעהנפֿעט האָט זיך זייער געניוס, געניצעוועט אָן אויפֿהער
איין געטלעך־אָרעם ביכעלע... און ווידער פּריקרע נסים,
און אָבער פֿאַרעווע מעשים־טובים פֿון אַ סריס;
יסורים האָניקדיקע פֿון אַ קראַנקן קדוש...
און ס'לאַכט דער נייער דור: איר האָט פֿאַרחנפֿעט, קינסטלער!
פֿאַרקויפֿט אויף אייביק, פֿאַר אַ טאָפּ מיט לינזן, —
דעם שאַפֿונג־ברען און תּמימות פֿון אַ גאַנצער ריי
מיט אויפֿגעלעבטע, גרויסע דורות...

פֿאַרמיאוסט איז דעם מענטש דאָס פֿאָטערלאַנד מיט זיינע
העראָאישע פֿאַרברעכער, די וויסטע פּאָמפּע פֿון נצחונות
איבער פֿעלקער, וועלכע שאַצן מער דאָס שטילע לעבן
ווי דעם ווייט־באַרימטן טויט... דאָס זאַטע ירשענען —
פֿון רעכט אָן קאַמף, פֿון בערג־הויכן אָן פֿליגלען;
דאָס צעגרענעצן די ערד און ימים און צעקעסטלען,
ווי אַ קרעמער־בוך, דעם הויכן פֿרייען הימל:
„מיינס און דיינס און זיינס..." כ'האָב אָפּגעדינט דעם מענטשן,
איך בין פֿאַרוועלקט מיט אַלע פֿאַרבן און פּאַליטרעס;
עס בילט פֿאַרשעמט דער ווינט אין פּאַן'ס געפּלאַצטע פֿלייטע,
די פּיילן פֿון די פּעטינקע אַמורן וואַלגערן זיך
גרוי און טעמפּ, ווי די — פֿון שטיין־צייט, אין מוזעאום.
די סצעפּטערס — קרעציק פֿון ברילִיאַנטן, די פּאָעזיע
פֿון לבנה און פֿון בענקשאַפֿט און פֿון בלויע גראָטן,
קייקלען זיך אין שטויב.

פֿאַראויס דער ברויזנדיקער, לעכצנדיקער מענטשהייט,
אין איר געפּאַנצערט מאַנטל פֿון בלאַנקען אַליומיניום,
אין לילאַ־טיול פֿון דאַמף און גאַז געשלייערט,
מיט דראָטן קופּערנע די שלאַנקע פֿיס באַשלענגלט,
די רעטאָרטע אין דער האַנט, אַ בליץ פֿאַרשטעקט אין העלם, —
שפּאַנט שטאָלץ מיין יונגסטע טאָכטער — די דערפֿינדונג.
איר אויג איז אויסגעצויגן אין טעלעוויזיע־שטראַלן,
איר בליק איז איינגעשפּיצט אין מיקראָסקאָפּן־לינזן,

איר אויער אויסגעקרומט אין בויג פֿון ראַדיאָ־כוואַליעס.
די פֿינגער, צאַפּלדיקע, שלענגלען זיך, דערטאַפּן,
אויף וויאָרסטן טיף, די אוצרות אויפֿן דעק פֿון ים,
מעטאַלן אינעם איינגעדאַרטן בויך פֿון מאַמע־ערד.
די שאַרפֿע עגבויר־נאָז דערשמעקט אין פֿעלזן־שפּאַלטן,
נאַפֿט און קויל און זאַלצן. ס'קייכט איר הויכע ברוסט
אין זיד־געבערום פֿון קעסלען, אין פֿלאַמען פֿון מאָטאָרן.
(אָ, פֿידיאַס, דאַ־ווינטשי! אַזאַ פֿאַרזעעניש־מאָדעל...)
אַ גוטע פֿוריע איז זי: זי שאַנעוועט נישט קיינעם,
און העלפֿט די אָפּגעשוואַכטע דורות טראָגן אין דער צוקונפֿט
די לאַסטן פֿון דער נייער צייט... זי פֿייפֿט דערביי מיט שפּאַט,
פֿון טויזנטער לאָקאָמאָטיוון, איבער אַלץ וואָס טרוימט,
וואָס פֿויל און אָפּגעשטאַנען...
און נאָך איר, נאָך איר,
נאָך אירע בליצנדיקע לאָקן, רויכערדיקע פֿאַלדן,
ווי עלעקטריזירטע, לייכטע שטרויעלעך, —
פֿליען, שטויבן זיך נביאים, קינסטלער, העלדן, פֿילאָזאָפֿן;
די מייסטער־פֿאַלעס אויפֿגעבלאָזן, די נזירים־האָר צעשויבערט,
די אויגן־עפּל בולט־שטאַר פֿאַר שרעק און וואונדער,
און פֿון צעקרימטע מיילער רייסט זיך טעמפּ און ווילד
איין לאַנגער, וואָיענדיקער אויסגעשריי:
וואו־הין???
און זי, מיין אייזערנע מיזינקע, ברומט זיי זאַפּטיק,
ווי אַ סירענע אין געדיכטן נעפּל:
נאָך מיר, איר מענטשן־קינדער!"

IX

כאָר פֿון אינזשיניערן:

מיר זיינען ווייט אַוועק
מיט טריט פֿון הודסאָן־בריקן;
די ליולקעס אויפֿגעטורעמט —
קוימנס פֿון פֿאַבריקן.

אונז זאָגן אָן דעם פֿרילינג,
אין בלוי, די פֿלי־מאַשינען:

און הייס, אין פּאַרע, זשומזשען
שטאָלענע אַרבעט־בינען.

בייננאַכט — די צעבערס גלאָז,
פּול ווייסע ליכט אָן שאָטן,
ווי לבנות — ניי־געבוירן —
הוידן זיך אויף דראָטן.

די אַלטע גאָטס־לבנה
איז קראַנק פּאַר צער געוואָרן,
פּאַרקנייטשט און איבעריק הענגט זי,
געלב און זאַט אין יאָרן.

אין אונזער וועלט־צירק טאַנצן,
געצאַמט, נאַטור־געוואַלטן
און טרוימען, אָנגעלייבטע
אין קולות און געשטאַלטן.

ווי טאַפּ־הערנער, די חושים
אַרום דער ערד געצויגן;
פּאַרטיפט, פּאַרטויזנטפּאַכיקט
אויערן און אויגן.

אַוועק גאַלאָפּ אין אין־סוף
אויף ריזן־טעלעסקאָפּן;
אין העלישע וועלט־אַרויפּן,
אין קאָסמישע אַראָפּן.

ס׳פּאַרלירט איר גלאַנץ די ליבע,
די ערד־גליקן פּאַרגייען;
פון צוקונפטן און תהובען
גרייכן וויי־געשרייען:

„אָ, לייזט אונז אויס!״... מיר איילן
אַלץ ווייטער און אַלץ העכער;
דעם ציל שוין לאַנג פּאַרלוירן
און אָן אַ דנאָ דער בעכער.

„וואוהין ?" — נישטאָ קיין ענטפער,
פֿאַר וועמען ? — ווער קאָן זאָגן ?"
— מ—שי—ח !
נאָר זיין אייזל
קאָן מער אונדז נישט דערטראָגן...

X

דיכטער זאָגן :

א.
אַלטער דיכטער :

אין תּהומען ווילסטן שפּרינגען,
באַשטייגן הויכע בערג...
געננוג ! פֿון קליינינקייטן
באַשטייט דאָס גרעסטע ווערק.

נאָר לייג נישט אָפּ אויף מאָרגן
דיין אויסדערוויילטע זאַך ;
דו בויסט פֿאַר איר אַ פּאַלאַץ
און זאָגסטו : „אַ שטיקל דאַך..."

נישט קוק זיך אום, ביים שאַפֿן,
צי ס'וואָלקנט, צי עס שיינט ;
צי ס'לאַכן נישט־פֿאַרגינער,
צי ס'שאָקלען צו די פֿריינד.

באַלאָדן מיט אַחריות
קריכט יעדער טאָג... ביזט מאָט.
די הענט אין ליים, די נשמה —
נישט רואיק און נישט זאָט.

אַזוי נאָר שטייגסטו, דיכטער,
נישט ברעכנדיק דעם קאַרק ;
איין טאָג — און דו זיצסט אויבן,
און הויך דאָן זיץ און שטאַרק.

ב
יונגער דיכטער:

אויף צו להכעיס אַלעמען
לעב אויס דיין דיכטער־לעבן!
שענק דאָרט, וואו אַלע נעמען
און נעם, וואו אַלע געבן.

געמיין איז... זיין דער בעסטער,
און מיאוס — זיין דער שענסטער;
זענ׳ טיר און טויער אָפן —
שפּרינג דווקא דורך אַ פענצטער!

די צווייטע זייט פון טישטוך
די זאָל דיין טיש באַפּוצן;
די אויסגעקערטע הענדשקע,
דעם אונטערשלאַק נאָר נוצן.

נישט רייך ווערן פון ברעקלעך,
פאַראַכטן יעדן זאַמלער;
וואו אַלע זינגען גלאַטיק,
דאָרט זאָלסטו זיין דער שטאַמלער!

וואו אומעט דאָרטן — לאַכן,
וואו אַלע רוען — הוסטן;
פאַרסמען יעדן נוסח,
צעטרייסלען פוילע גוסטן.

וואָס ווייך און ראָז און זיידיק
צעהאַק מיט שאַרפער שערל!
פון אַלע טאַשן־לעכער —
צעשיטן וויץ און פערל.

נאָר זוכן, נאָר פאַרלירן,
דעם נעכטן נישט באַקלאָגן...
און וואַנדערער און אָדלער
זאָלן דיין געביין צעטראָגן.

XI

אַרבעטער־כאָר:

(יעדער אין זיין אַנצוג)

א.

מיטליאָריקער פּראָלעטאַריער:

כ׳בין דאָס גרויע בלוט, וואָס קרייזט
אין די האַרטע, שטיין־געפּאַנצערטע גרויס־שטעט קערפּערס,
דורך רורעס צינערנע, קאַנאַלן פון אַספאַלט,
צוויי מאָל אין אַ מעת־לעת;
גאַנץ פרי — אַריין, פאַרנאַכט — אַרויס.
דאָס שטאָלן־האַרץ פון דער אינדוסטריע
קלאַפּט און פּאָכט אין פלאַמען;
אין דער פרי, ווען ס׳בלויט אויף טאָג,
ווער איך אַריינגעצויגן, דורך שמאָלע הינטער־געסלעך
אין דער גרויסער האַרץ־פּאָמפּע — פול רויך און שוועבל־פּאַרע,
און פאַרנאַכט — פאַררויכערט, אָפּגעמאַטערט,
ווער איך צוריק אַרויסגעשליידערט,
צו זאַמלען קראַפט פאַר מאָרגנדיקן אימפּעט.
מיין שלאָף איז אומרואיק, מיין טרוים פאַרטשאַדעט;
אין חלום הער איך קלאַפּן אַלץ דאָס אייזן־האַרץ.
און כ׳פיל: עס שלעפּט מיך. קאָפּ אַראָפּ צו זיך,
זויגט איין
און שטויסט אַרויס צוריק.
אָ, מיין לעבן — שעפּעריש און אומרואיק!
ווי אויף אַ ריזיקן, משופּעדיקן דאַמף־קעסל
לויפסטו אויף דער ערד אַרום,
און ברענסט דיר הענט און פּיאַטעס אָפּ.
יעדער פייף דערשרעקט דיך, שלאָגט דיר איבער גראָב
דיין ליבלעכסטן גענוס:
„קום העלף, דאָ פעלט אַ האַנט!...

מיין ווייב פאַרטרויט מיך קיין מאָל נישט
דער בייזער שטאָט;
זי קוקט מיר נאָך ווען כ׳לויף אַוועק
גאַנץ פרי אין דער פאַבריק —:
צי וועל איך נאָך צוריקקומען אַ גאַנצער?
צי וועט זיך נישט דער קאַניבאַלישער מאַשין פאַרוועלן

אָפּרייסן אַ שטיק פֿון לעבעדיקן פֿלייש?...
זי פֿילט, אין מײַנע וואַקלדיקע טריט,
ווי קאַלט און מערדעריש עס איז די שנאה
פֿון דער געפֿאַנגענער מאַטעריע צום מענטשן;
אפֿשר וועט זיך איר פֿאַרגלוסטן
אַן אָדערדיקער פֿוס וואָס צווינגט זי גיין,
אַן אָפּגעקױפֿטע האַנט וואָס טרײַבט זי אָן?...

ב.

אינוואַליד:

איצט רו איך מיר אָן הענט און פֿיס,
אָן מאָגן און אָן לײַדנשאַפֿט;
די אויגן אויסגעבערענט פֿון רויטן אײַזן־גוס,
דער אויערן־פּויק געפּלאַצט פֿון האַמער־דונערן.
איצט רו איך אויס אויף אויסגעדראָשן שטרוי,
פֿון רײַכן פֿעלדער־שניט געבליבענעם.
אָ, איצט פֿאַרגינט מען מיר די רו! נאָר מער נישטאָ
קיין גאַנצער אבר צו געניסן זי;
איך טרינק זיך, אין איר קלעפּעדיקער זיסקייט,
ווי אַ האַרבסט־פֿליג אין אַ האָניק־טאָפּ.
ביים ראַנד פֿון לעבן זיץ איך מיר אַליין
און קוק, און האָרך די גרויסע וועלט־מוזיק,
ווי אַ טויבער בעטלער אויף דעם נגידס חתונה:
עס מאַכן הענט, עס פֿאָכען סמיקעס,
עס רוישט אַ וואַלד פֿון פֿיס, אין הייסן טאַנץ, —
אין שוואַרצן לאַק, אין ווײַסן זייד באַשוכטע,
צו וואָס און ווי אַזוי?...
און אויגן גלאַנצן, מײַלער לאַכן־צו. וואָס איז?
אַזוי הער איך די קאַפּעליע פֿון דער וועלט.

ג.

אַלטער פּראָלעטאַריער:

די תוכחה!
ביים הר־גריזים בין איך נישט געשטאַנען,
נישט געשוואוירן, —
און זי האָט זיך צעגאָסן איבער מיר.

הייזער אויסגעבויט — מצבות פֿענסטערדיקע
איבער גאַנצע דורות אַרבעט, —
און קיין מאָל נישט געוואוינט אין זיי;
נישט צוליב מיר האָבן געדרויכערט יום־טובדיק
די ווייסע קוימנס זייערע.
גערטנער געפֿלאַנצט, די ערד פֿאַרשענערט,
מיט ווייץ און גראָז פֿאַרלאַטעט וויסטענישן,
געמאַכט פֿון זומפּן אַ פּאַרקעט,
וואו ס'טאַנצן בלומען, בוימער אין איין גרינעם קאַרעהאָד;
די פּירות האָבן אַנדערע געגעסן.
אַ פֿרוי האָב איך גענומען און קיין מאָל נישט
איר פֿרייד געטרונקען ביזן טיפֿן דעק;
שוין מאָרגן, נאָך דער חתונה, זי אַרומגענומען
מיט פֿאַרסאַדזשעטע, געמיינע הענט,
געזידלט מיט אַ בראַנפֿן־אָטעם. —
מיין טאָן און טראַכטן — אַ צוואה, וואָס מען מאָנט
נאָך יעדער שורה אויף.
מיך ירשנט מען ביים לעבן... און איך מוז
נאָך דאַנקען מיינע יורשים.
ווען נישט מיין גוטער טרונק — ווי לעב איך אויף דער ערד!

ד.

שאַפּ־אַרבעטער:

דעם ריזיקן וואָלפֿיש פֿאַנגען קליינע מענטשלעך —
זיין צאָן צו שפּאַלטן אויף קאָרסעטן;
אַ זכר־שטרויס — אום צוויי דריי פֿעדערן פֿון עק;
אַ טיגער — אום זיין בונטע פֿעל, צו מאַכן
אַ טעפּיך לעבן בירגערלעכן בעט;
און מיך געפֿאַנגען האָט די גרויסע שטאָט
אום קנעפּלעך איינצוניייען.
נאָדל איין און נאָדל אויס...
אַזוי־פֿיל בענקנדיקע לידער און געפֿילן,
אַזוי פֿיל טרוימען, ליידנשאַפֿטן מענטשלעכע, —
פֿון אַלץ איז בלויז אַ קנאָפּ געוואָרן.
נאָדל איין און נאָדל אויס,
קנעפּל צו און קנעפּל אָפּ,
אַן פֿרייד פֿון שאַפֿן, אַן געדאַנק;

אַזוי טאָג־טעגלעך, ביזן טויט אַרייַן.
כ׳בין, דאַכט זיך, שוין אַליין אַ קנאָפּ,
איך ניי מיך, ניי צום לעבן־צו
און קען נישט צונייען.
קנעפּל—צו און כּוחות—אָפּ,
איך קען מיך אַליין נישט צוקנעפּלען.

ה.

וועבער:

איך בין אַ פאָדעם אינעם מענטשלעכן געוועב,
דעם בלומענדיקן,
און קען מיך קיין מאָל נישט אַרייַנוועבן,
כאָטש כ׳וועב צען שעה אַ טאָג.
דאָס שיפל לויפט — אַ מייַזעלע פון שטאָל —
מייַן מזל.
ער שפּילט מיט מיר אין קלוגינקע באַהעלטערלעך;
איך כאַפּ אים, ער — אַנטלויפט,
נישטאָ!
נישטאָ קיין יוגנט, קיין געזונט.
דער אָפּפאַל וואַקסט,
די קוויטן ווערן שכלדיקער;
איך קען, מייַן גראָבן פאָדעם, נישט אַרייַנפּאַסן
אין זייער פייַנעם פאַרבן־שפּיל.
כ׳בלייַב אַלע מאָל, ביי זייַט —
אַ טריפלדיקער פאָדעם אָנגעצויגן.
און ווען עס רייַבט זיך־צוריק און פּלאַצט —
ווער זאָל דאָס דאַן צוזאַמענקניפּן?
צוליב וואָס?
די פלאַכע וועבעכץ־קוויטן בליען ווייַטער.

ו.

פּישער:

מייַן טאַטע יונגערהייט דערטרונקען,
מייַן זיידע אומגעקומען אין אַ שטורעם;
און דער אַלטער מענטשן־פרעסער — ים
לוגט שוין אויפן אייניקל,

אויף מיר, —
מיט גרינע, פלאַכע ים־שפּין אויגן.
און דאָך גיי איך אַרויס אַנטקעגן אים,
אין זיין האַלב־קיילעכדיקן וואַסער־צירק,
טאָג־איין טאָג־אויס, —
ווי אַ מייסטער־גלאַדיאַטאָר מיט אַ נעץ; —
אַרויסרייסן פון זיינע לאַנגע פינגער, —
ווי אַפּגרונט־קרייטעכער פאַרפלאָנטערטע —
די צאַפּלדיקע אוצרות זיינע.
איך קום צוריק, מיט שוים באַקרוינט. אַ זיגער.
באַהאָנגען מיט די פייכטע נעצן,
ווי מיט בראָקאַטן קעניגלעכע;
אויסגעשטיקט געדיכט מיט זילבער־פיש,
אויסגעהאָפּטן מיט אַגאַטן — קראַבן־אויגן.
אָבער די פאַרפרעסענע און רויע שטאָט
נעמט זיי אָפּ ביי מיר, די פינקלדיקע;
און טרייבט צוריק — מיט גרויע, פּוסטע נעצן —
אין דער שטורעמדיקער צירק־אַרענע,
צום בייזן, כיטרען ים:
„קעמף ווייטער, שטאַרב, ווי דיינע עלטערן,
אין ערע און אין אָרעמקייט!
די גרויס־שטאָט דיכטער, אויף מאַנסאַרדעס,
וועלן דיך דערפאַר —
באַזינגען.

ז.

קאָוואַל:

אייזן שמיד איך האַרטנאַקנדיקן —
אַ פּאַנצער פאַר ווייכלייביקע,
אַ שווערד פאַר שוואַכע;
אַ טשוואָק צו אויפהענגען די לאַסטן
פון צאַרטע דורות;
אַ חוט־השדרה פאַר פאַרוועלקטע שטאָט־בלומען,
זיי זאָלן גראָד שטיין... מען זאָל מיינען,
אַז זיי בליען נאָך.
פאַר מיר קיין איין זיכערן טשוועקל
נישט אויסגעקאָוועט.

הענג איך אויף מיין לעדערנעם פאַרטוך
און סטרייק, —
פאַלט ער אין רוסיקן קויט אַראָפּ,
און איך מיט אים צוזאַמען.
בלייב איך ווי אַ גולם, אומגעלומפּערט אויף דער גאַס.
די שווערע אָרעמס הענגען איבעריק,
וואו טו איך זיי אַהין, די גבורה זייערע ?
מיין בלאָזזאַק כמורעט זיך,
מיין האַמער זשאַווערט.
פינטלען מיר פאַרשעמט די אויגן אויפן טאָג :
נאָר גליענדיקן אייזן קענען זיי פאַרטראָגן,
עס רייצן זיי די ווייכע פאַרבן פון דער וועלט.
און ס׳קוקן ווייב און קינד דערשראָקענע
אויף מיינע אָפּגעזייפטע לאַפּעס.

ח.

קוילנגרעבער:

(אַ קול פון אונטער דר׳ערד)

אייביקע כמאַרעס אַרום מיר,
דער בראשית־חושך גליווערט, —
אָנגעהויפט אין שטאָקן און אין פלאַסטן.
פון אָט דער פינסטערניש
ציט דאָך איר יניקה די אויבערוועלט.
ליכט און וואַרעמקייט צעצווייגן זיך בי איר און בליען
פון מיין שוואַרצן וואָרצל,
אַ צוגאָב צו דער זון, וואָס שיינט אין אירע הימלען.
אין בייזע ווינטערן
בעט זי זיך אַ זומער אויס
פון מיין בלוטיקן שונא — שטיינקויל.
און איך בלייב שטענדיק, אויג אויף אויג,
מיט זיין שוואַרצער, איינגעפרעסטער שנאה ;
מיט איין קליינעם ברעך־האַמערל
אַנטקעגן אַזאַ מבול־חיה ;
מיט איין קופּערנעם שוץ־לאַמטערנדל
ירושה פונעם ליבן פעטער דייווי.*

---

* דער דערפינדער פון שוץ־לעמפּל.

נאַר ע ר האָט אונזער פּיין געזען,
אין אייביקער געפאַר,
און האָט אַ פאַנצערל אונז געשענקט.
אָ, מיין לאַמטערנדל! —

(גייט אַרויס מיט זיין שוץ־לעמפל)

עס שווינדלט מיר פון אייער ריינער לופט,
ווי פון געמיינעם אַלקאָהאָל:
און אייער טאָג־ליכט בייסט מיך גיפטיק אין די אויגן!

(פּלוצלונג)

„שוואַרצער מלאך!" זינגט מען מיר
אין מיין אונטער־וועלט אַראָפּ.
געוואָרן מאָדע מיך צו חנפענען
און שעפּטשען פּריקרע, אַז איך שפּייז,
דורך מיינע קראַפט־רערן, די וועלט־קולטורן.
בייטן לאָמיר זיך!
איך וויל נישט טראָגן מער, ווי ס'טראָגט דער אַלטער אַטלאַס,
אַזעלכע שווערע מצוות, בערג פון טוגענדן,
אויף מיינע פּלייצעס, די צעשונדענע.
איך וויל נישט מער באַמיסטיקן
מיט מיין שוואַרץ־געביין
די פאַרבנרייכע גיפט־שוואָמען
פון לוקסוס, וועט־געלויף, באַרימעריי, —
דאָרט אויבן.

וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר אַ גאַנצע מענטשהייט
און איינגעטיילט די ערד אין אויבן און אין אונטן!
איך וויל אַ חלק פונעם אויבן,
אַ חלק פון דער גרינער עולם־הזה!
כ'גיב אָפּ דערפאַר —
דער אויבערשטער, פאַרפיעשטשעטער געזעלשאַפט, —
מיין גאַנצע קוילן־עולם־הבא
אונטן!
אונטן... וואו דער ערד־גייסט לוגט
מיט שווערע וואַסער־דורכברוכן,
מיט שטיק־גאַז און מיט אויפרייס־דונערן.
וואָס האָבן אָנגעזעצט זיך פעלקער אויף מיין קאַרק,

אויף מיר אַליין, מיט זייער הערשאַפֿט־אימפּעט!
וואָס יאָגן זיי מיך מיט דער בייטש פֿון קאָנקורענץ
און שרייען: „צוקונפֿט, צוקונפֿט!"...
וואָס שעפּטשן זיי מיר דורך געדונגענע
שלום־מאַכער און געזעץ־פֿאַרזאָרגער:
אַז איך... איך האָב קיין רעכט נישט אָפּצושטעלן
די מלוכה־רעדער אין דער גרויסער וועלט־מאַשין — ?
אָפּשטעלן וועל איך זי! איך דאַרף נאָר
אָפּוואַרפֿן מיין ברעך־האַמער, האָנט אויף האָנט פֿאַרלייגן,
און אויסלעשן אַלע אירע קעסל־אויוונס
מיט איין בלאָז אויף מיין לאַמטערנדל. —
טיילן וועל איך זייער גרינע עולם־הזה
און מיין שוואַרצע עולם־הבא מיט זיי טיילן,
און הערשן!

ט.

יונגער זעצער:

אַלף, קמץ, קאָמאַ, דלד, יוד און פּונקט.
טאָפּל־וו און עין... פֿראַגע־צייכן.
נעכטן, מאָרגן, היינט. אַזוי אָן אַ סוף.
צי בין איך נישט אַלכעמיקער פֿון וואָרט,
דער צויבער־מישער פֿון נשמה און פֿון בליי?
טעמפּ הויערן אַרום מיר מעטאַלן
און וואַרטן אויף אַ תּיקון,
אין זאַץ־מעסטל ביי מיר,
אין קאַלטן פֿייער פֿון געדולד. —
דאָרט ווערט פֿון זיי קריסטאַליזירט
דער אויפֿרייס־שטאָף פֿון וואָר און פֿון חלומות.
עפֿנט מען אַ בוך אויף — עקספּלאָדירט,
אָן קנאַל, דאָס שוואַרצע וואָרט.
עס צינדן זיך די שורות אָן
מיט ריטמען און געדאַנקען און מוזיק;
די כמורנע פֿאַרב פֿון דרוק צעפֿעכערט זיך
איןליידנשאַפֿטן, גלויבנס און לעגענדן,
אונטער בלעטערנדיקע, זשעדנע פֿינגער,
פֿון צאַרטע בייבים, פֿרויען און געלערנטע, —

בליט אויף אין רעגנבויגנס און כימערן,
דער איינגעפרעסטער קערן — מ י י ן געדולד.
און איך ?...
נון. אַלף, ריש און פונקט.
און ווייטער בית און קמץ. מם און פונקט.
איך ווייס פון מיינע וואונדער, ווי דער גולם —
פון שם־המפורש זיינעם.
איך זעץ. דער קאָפּ איז פוסט,
די חושים פול מיט בליי און פאַרב־געדעמף.
איך זע נישט וואָס איך טו — אַ מענטש־מאַשין
צופוסן פון די גרויסע דרוק־מאַשינעס.
איך הויב די אויגן אויף צו בערג פון בליי,
צו טורעמס פון פּאַפּיר:
„פון וואַנען קומט מיין הילף ?"
עין. ריש און פונקט. אַ ציפער. נאָכאַמאָל.
און פונקט.
אַלץ ענדיקט זיך זיך. בלייבט שטיין.
די קירצעסטע. די לענגסטע שורה.
ווער שטעלט אַוועק אין לעבן מיינעם,
אין מיין יוגנט, וועלכע קייקלט זיך אַראָפּ,
פון בליי־באַרג אין אַ תהום פון טוש, —
ווער שטעלט מיר פעסט אַוועק
איין פונקט ?

י.

מ י ט ל ־ י אָ ר י ק ע ר ז ע צ ע ר :

עס ליגן שפּראַכן אַברים־ווייז צעשאָטן —
קנאָכנס טרוקענע פון גאַנצע פעלקער.
די קברים אָפן... אַ געשענדעטער בית־עלמין
פון מענטשלעכן געדאַנק.
אין יעדן גרויען קבר הויערט שווער א י י ן אות.
און פלאַסט אויף פלאַסט... איין קבר אויפן צווייטן.
און איך — אַ קראַנקער נביא אינם טאָל פון טויט
פאַראייניק און באַהעפט זיי, ביין מיט ביין,
און גליד — מיט גליד;
און בלאָז אַריין אין זיי נשמות פון גאונים,

פֿון טויטע און פֿון לעבעדיקע דיכטער.
שטייען תּחיה־אויף די טויטע אותיות,
ווי די קנאָכנס אין יחזקאלס צייטן.
אין גלייכע שורות, זינגענדיקע, דענקענדיקע,
וויינענדיקע גייען זיי אַוועק.
די פּוסטע קברים גרויען.
דאַן קומען אָן די אַנדערע אין רייען,
די אָפּגעלעבטע,
די אָפּגעזונגענע און אָפּגעקלונגענע;
און בעטן זיך, איך זאָל זיי אברים־ווייז צעוואַרפֿן,
צעזייען „ביינער" אין די פֿרייע קברים.
צעגלידער איך און וואַרף... און ווידער ליגן
די קעסטלדיקע גריבער פֿול מיט טויטע אותיות.
זיי ווילן ווידער לעבן.
זיי שטרעקן אָרעמס בלייערנע צו מיר:
„אונז אויך, אונז אויך, אונז אויך!"
עס טריפֿט מיין שוויס מיט בליי געמישט:
„אַט באַלד, אַט באַלד, אייך אויך!"
די שורות מערן זיך;
די ווילן שטאַרבן און די גלוסט זיך לעבן.
געהיימע ווילנס שוועבן איבער מיר:
די גייסטער פֿון גאונים. מיטלמעסיקייטן,
גראַפֿאָמאַנען —
מיט פּוסטע רייד; געדאַנקען, שונד און קונסט,
אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען...
זיי פֿאָכען אַרום מיר ווי אָדלערס, זיי פֿלאַטערן
ווי זומער־פֿלעדערלעך, זיי זשומען
ווי די אָפּטריט־פֿליגן:
„אַ, גיכער, גיכער, גיכער,
מיר ווילן אויך אַריין אין בליי,
דורך דיר — אין בליי אַריין,
און לעבן, לעבן!"
די יאָגן מיך: באַהעפֿט!
די טרייבן מיך: צעוואַרף!...
אַט, אין דער ראָד פֿון אויפֿלעבונג און טויט,
ווער איך געוואָרפֿן ווי אַ שפּיל־קנויל,
ווי אַ קנייכל נערוון,

צווישן שפילעוודיקע גייסטער־אַקראָבאַטן.
ביז כ׳ווער, גאָר אומגעריכט, פֿאַרוואָרפֿן
הינטער אַן אַלטן, וויסטן פּלויט;
און ס׳בלייבן איבער מיר פֿון אַלע אותיות
נאָר צוויי:
„פּ. נ.״... און די, די שוייגן אויך.

יא.

אַלטער זעצער:

איר קינדער, זיסע מיידלעך, צאַרטע פֿרויען,
וואָס שלינגען דורשטיק קלינגענדיקע שורות,
געדאַנקען צאַצקעדיקע, פּערלדיקע ווערטער —
אויף סאַפֿעס אויסגעבעטע מיט סאַפּיאַן און אַטלאַס —
צי האָרכט איר נישט אַמאָל אַ קרעכץ
אין מיטן נאַכט,
אין מיטן אויפֿשניידן מיט העלפֿאַנטביין די בלעטער, —
אַ וויי״טן „אוי״, ווי פֿון אַ תּהום אַרויס?
שרייט צוריק אין תּהום: „ווער איז דאָס דאָרטן?״
כ׳וועל מיך אָפּרופֿן;
— ס׳בין איך!
„קום, שטייג אַרויס צו אונז!״
— איך קען נישט מער!
אַ בליי־לאַווינע האָט דאָ מיך פֿאַרשאָטן,
אַן אותיות־לאַווינע, וועלכע כ׳האָב צעוואָרפֿן
און באַהעפֿט אַ גאַנצן לעבן־לאַנג,
אַן אייביקייט!
פֿון גוטענבערגס * גרויע צייטן ביז אַצינד...
כ׳בין ווי אַן אויסגעגליטשטער וואַנדערער
אין שיטלדיקע בערג פֿון בליי:
מיט יעדן ריר מיינעם פֿאַרשיט מיך די לאַווינע
אַליי מער און מערער.
איך זע שוין לאַנג קיין זכר ניט
פֿון זיך אַליין, פֿון אייגן לייב און לעבן;
קיין לאָק פֿון קאָפּ, קיין ברעגל נישט —
פֿון אייגענעם געדאַנק!

---

* דער דערפֿינדער פֿון שריפֿט אין אייראָפּע.

וואָס מער איך גראַבל זיך אַרויסצוקריכן,
וואָס פֿלייסיקער איך זעץ —
אַלץ שווערער ווערט די לאַסט פֿון שריפֿט.
דער חוט־השדרה קנאַקט.
דער אָטעם פּייפֿט צום אויסגיין, אונטערן דרוק;
די נשמה ווערט אַלץ פֿלאַכער, פֿלאַכער.
אָט איז זי שוין אינגאַנצן אויסגעפֿלאַכט,
ווי אַן אָפּגעדרוקטע בלאַט פּאַפּיר.
איר לייענט... און איך שריי דערשטיקט
פֿון אונטערן בליי־באַרג, וועלכן איר באַשטייגט:
— ראַטעוועט מיין זעל!
נאָר, פֿאַרזונקען אין באַוואונדערן
דאָס פֿאַרבן־שפּיל, דעם ווערטער־קלאַנג, —
הערט איר נישט מיין שוואַכן רוף,
פֿאַרגאַפּטע בוך־טוריסטן!

בלוטיק־רויט פֿאַרגייט די זון פֿון דער קולטור
אויף בליי־אַלפּען, אויף בערג־קאַמען פֿון שריפֿט;
און מיד און אָפּנמויליק שטייט איר און באַטראַכט
דעם פֿאַלשן צויבער־בראַנד אויף גרויע שפּיצן...
אָבער זעלטן ווער פֿון אייך, באַוואונדערער, ס'דערהערט
מיין קול — אַ וויינענדיקע וואַסערל אין בערג.
ביכער־בערג־טוריסטן שטייגן,
נידערן אַראָפּ;
מיין רעטונג — ווייט.
די בליי־לאַווינע גרויט מיט אירע לאַסטן,
איבער מיין צעקוועטשט געביין,
און לאָזט קיין עכאָ נישט אַריין און נישט אַרויס.
נאָר בערג־יעגער פֿון מענטשלעכן געדאַנק,
נאָר פֿרייהייט־רויבער האָרכן ווען־נישט־ווען
מיין וויינען אין דער טיף, —
ווי מען הערט אַ קוואַלכל וויינען אין די בערג —
— אלף... יוד... און קמץ... ראַטעוועט מיין זעל!

יב.

מאַטראָס:

(פֿונדערווייטנס)

איבער כוואַליעס,
איבער ימען,
אָן אַ טאַטן,
אָן אַ מאַמען.
אומעטום און ערגעץ־נישט
מיין אָרט;
היינט אָט דאָ,
און מאָרגן דאָרט.

האַרט מיין ברויט.
מיין ווין איז זויער;
די סירענע
ברומט אין טרויער.
ים און איינזאַמקייט אָן ברעג,
אָן גרונט;
אוי, אַ לעבן
פֿון אַ הונט!

(גייט אַרויס)

אַ סך נישט זיכערע צום פֿעסטן ברעג געבראַכט,
מיין ברעג וואו איז?
קיינער האָט אים מיר נישט צוגעשוואוירן,
קיינער־נישט געגעבן מיר.
אַ מענטש־אַמפֿיביע בין איך, מיט קראַבן־וואָנסעס,
אין מאַטראָסן־קליידער;
אויפֿן ים אַ גר, אַ גר אויף דער יבשה.
איך שפּין נאָר פֿרעמדע וועגן צווישן אינזלען,
פֿאַרבינד איין מוטערלאַנד מיט ס׳צווייטער,
אין קרייץ־געלויף פֿון שיפֿן און פֿון זעגלען.
און ס׳פֿלאַטערט מיין נשמה, ווי אַ פֿאָן,
אָן אַפּגעריסענע, אין שטורעם אויף דער מאַסט:
מענטשן, ראַטעוועט!
ענטפֿערט מיר אַ טעמפּער לויב־געזאַנג:
„וויוואַט, בראַווער ים־וואָלף!"

עס שאָקלט זיך דער באָדן אונטער מיינע פֿיס
איך דאָן, ווען ווינטן רוען;
אָ, אייביקע נישט־זיכערקייט!
איך גיי אַרום ווי רייטנדיק אויף אַ דעלפֿין,
מיין זיך — אַ דריי־פֿאַטעל פֿון שוים און כוואַליעס.
און קום איך צו אַ פּאָרט צו פֿאָרן —
מיין לײדנשאַפֿט איז אויסגעהונגערט,
ווי אַ טיגער אויף אַ קייט.
כ׳צערייס די שוועסטער מיינע,
די אויסגעפּרעסטע, ווי טרויבן אין אַ קעלטער,
פֿון האַרטע מענער־גופֿים.
איך זוך מיין רו אין פֿרויען־לייבער
און געפֿין נאָר שטורעם, שטורעם, ברוסטן־כוואַליעס.
כ׳דערטרינק מיין איינזאַמקייט אין וויין;
און זי... זי שווימט אַרויף און שרעקט,
געשוואָלן, ווי אַ בלויער פּגר.
און הינטערן פֿענסטערל פֿון שענק
ברומט, אָן שלאָף, דער אַלטער ים
אויף זיין אייביקער און בייזער וואַכטע.
און ס׳קלינגט דאָס שיף מיט זיינע אַרעסטאַנטן־קייטן:
„מאָרגן... מאָרגן פֿרי!"

יג.

יונגער פּויער:

אויסגענאַרט האָט מיך דער זיידע,
מיין טאַטע... זיין געביין זאָל פֿוילן!
זיי האָבן פֿאַרן טויט מיר אָנגעוויזן
אַ ברייטן, שטיינערדיקן פֿעלד;
זיי האָבן מיר באַשוואוירן:
„אַקער!
וואָס טיפֿער, טיפֿער גרונטעווע דאָס פֿעלד,
אָן אוצר האָט מען דאָרט באַגראָבן;
מען ווייסט נאָר נישט גענוי דאָס אָרט..."
אַקער איך און בראָניע, ווי אַ קראָט,
פֿון ערשטן העגער־קריי
ביזן קוואַקן פֿון די פֿרעש;

און ביזקל אוצר
קיינמאָל נישט דערגראָבן זיך.
איך שלאָג מיין ווייב און מיינע קינדער
אין די הייסע שניט־טעג, קאַלטע דרעש־פרימאָרגנס:
„העלפט מיר!
גאָלד ליגט דאָ באַגראָבן!"
שניידן מיר און דרעשן, אָן אַ סוף,
און ס׳בלייבט אונדז איבער, אין די הענט,
נאָר געלבע שטרוי, נאָר מעקינע...
ווי, ווי!

יד.
אַלטער פויער:

אפשר ציט מיך נאָר דערפאַר אַזוי צו ספּאָסן*
צו קניען פאַר זיין טונקעלער איקאָנע:—
דורך זיינע אַפּאָסטאָלן
האָט ער אָנגעטיילט מיך, אָרעמען מיקאָלאַ, מיט זיין קראַפט.
צו ווייזן וואונדער פון זיין אויפשטייאונג,
אויף דער פייכטער ערד.
איך באַגראָב דאָס ברויט און ער שטייט אויף
אין שלאַנקע זאַנגען, מיט צעשויבערטע טשופּרינעס;
איך פאַרבראָניע אים מיט מיסט און פוילעכץ
און ער פאַרגיסט מיין פעלד מיט לעבעדיקן גאָלד.
פאַלן אָן אויף אים די מעקלערלעך פון שטאָט
און בייטן מיר אים אויסעט אויף אַן אַנדערן,
אויף קאַלטן, פאַלשן גאָלד פון שטן,
מיט טויטע אָדלערס, קלוגע אותיותלעך;
נישט מען קאָן אים איינבייסן,
נישט קאָכן.
אַזוי צעשלעפט מען מיין, פון קבר אויפגעשטאַנענעם,
מיט מי און נויט געהאָדעוועטן וואונדער;
די פערדלעך קרעכצען אונטער זיינע לאַסטן.
מיר בלייבט אַ געלינקע מטבעלע אין האַנט
און אַ סקאָרינקע, אַ שוואַרצע, נישט דערבאַקענע.

* צו קריסטוסן.

און די, אויך די מוז איך צעטיילן,
אין אַ שווערן ווינטער, צווישן הויזגעזינד און שטאַל.
אַ, גוטע מענטשן, זאָגט מיר,
צו וואָס האָט ספּאַס אַזוי געבענטשט מיך
און פאַרשאָלטן אין איין אָטעם ?
אַז די קללה זאָל די ברכה איינשלינגען,
ווי פּרעהס קי אויפן געמויזעכץ.
עפּעס איז דאָ נישט גאַנץ גלאַטיק, גוטע מענטשן,
נישט פאַרשטענדלעך פאַר מיין פויערישן קאָפּ.

טו.

יונגער פּראָלעטאַריער:

הענט אויסגעשטרעקט, איינער צום צווייטן!
ווי בריקן געאַדערטע,
איבער גרעניצן, צייטן, פאַרשימלטן פאַרמעט
און קרוינען.
ימים און בערג האָבן אַמאָל אונז צעטיילט,
צעשטיקלט אויף שבטים די ראַסן,
צעמישט אונזער מענטשלעכע שפּראַך:
די מוטער־נאַטור אַליין האָט זיי אויפגעשטעלט —
מיר זאָלן זיך קיינמאָל צוזאַמענריידן,
דעם טורעם פון בבל נישט בויען,
נישט שמידן זי, שטאָלצע, אין קייטן:
„געהאָרך!"
איצט פליִיצן שוין באַנען, ווי אייזערנע טייכן,
און רעלסן פאַרשטריקן מדינות און פעלקער
אין איין פעסטן געפלעכט;
און שיפן צעאַקערן ימים, ווי ווייסע לויתנס,
און קייטלען צוזאַמען די ווייטעסטע אינזלען.
עס שרייען אַ ווילדן געשריי פון באַפרייאונג
די שטאָלערנע אָדלערס, אין לופטן:
„אַרויס פון דער ערדישער תּפיסה!"
זיי יאָגן אַריבער די ווינטן, זיי שלינגען די ווייטקייט,
און קירצן די נודנע, פאַרשלאָפענע טעג
אויף שעה'ן פון האַסט און דערגרייכונג.
עס קויקלען זיך ראַדיאָ־רופן
פון מזרח צו מערב,

קיין ד אָ, קיין עק־וועלט מער נישטאָ.
די קאַרגע נאַטור ליגט געבונדן
צו אונזערע פּיס.
מיר רייבן באַוואָפנט, מיר ליידיקן אויס
אירע האַרטע, געשפּאָלטענע סייפן;
זי קוקט און זי קען אירע אוצרות נישט שיצן.
און דאָך זענ׳ס מיר אַלע ווי פּריער פֿאַראַרעמט,
די פֿעלקער פֿאַרביטערט, די לענדער צעקריגט.
ווער שטייט צווישן אונז, ווער דערלאָזט נישט —
אַצינד?!
נישט אַנדערש —
דער גאָט, וואָס מיר האָבן באַשאַפן אַמאָל,
צו תּפילה און טרייסט, און פֿאַרוואָרפן
מיט שטאָלץ פֿון דערוואַקסענע קינדער,
האָט שטאַרבנדיק, אַלט און צעבראָכן, אין הקדש * פֿון גלויבנס,
אָנגעררייצט, גיפֿטיק, אויף אונזערע קעפּ
זיינע בייזעסטע גייסטער — געטרייע משרתים:
פֿאָלקס־פֿריינד און פֿאָטערלאַנד, גאָלד און פֿאַרטיי; —
מיר זאָלן זיך ווידער־אַמאָל נישט צונויפֿרעדן,
נישט בויען דעם טורעם פֿון בבֿל;
און אויף זיין ליידיקן שטול נישט אַרויפֿזעצן קעניגן
גאָטס שעפּער — דעם מענטשן אַליין.
ביי הויכע באַפֿעסטיקטע ברעגעס פֿון טייכן,
בוי־האַפֿנס פֿון שטורעם געשיצטע,
ביי גרעניצן מיט בונטע שליאַבאַמען, —
זיצן מיר אָרעם, מיט ווייב און מיט קינד,
און וויינען.
אויף שטעכל־דראָט הענגען די האַמערס,
די קאָסעס — אויף פֿאָנען פֿון קריג;
מיר קוקן אַריבער פֿאַרבענקט און מיר שעמען זיך,
שטרעקן די הענט.
און ס׳לאַכן פֿאַרשטיקט די געשטאַרבענע געטער...

* מושב־זקנים. שפּיטאָל פֿון אַלטע.

טז.

אַרבייטער כאָר:

ס'האָבן אויסגעטראַכט די ליידיקגייער
די רעליגיע פֿון אַרבעט,
עס זאָל זיי בלייבן צייט, אָ, צייט, די גאַנצע צייט!
פֿויליאַקעס האָבן אונז אַוועקגעשטעלט אַ כמורנעם אַפּגאָט
אין מיטן גרינעם טעמפּל פֿון דער ערד.
מיר רויכערן אים קויל און נאַפֿט און בלוט
פֿון מיליאָנען פֿייערפֿאָנען, ריזן־קוימענס;
מיר זיינען מיד, מיר זיינען מיד.
ווער שאַפֿט אונז די רעליגיע פֿון רו!
דאָס אויסטאָן זיך פֿון אַלע פֿליכטן,
ווי שווימער פֿון די גראָבע קליידער זייערע;
זיך אָפּשאָקלען פֿון אַלע יאָכן, אַלטע מצוות
צו ניאַנטשען קאַליקעס און שפּייזן אומבאַהאָלפֿענע;
דאָס רעכט פֿון פֿוילן זיך, ס'געפֿיל פֿון וואַקסן —
אָן כאַפּן, אָן פֿאַרצוקן, אָן דערנידערונג.
ווער שאַפֿט אונז די רעליגיע פֿון רו? —
צו אָפּשפּאַנען אַ געדולד, אַ טויזנטיאָריקן,
אַ מידקייט פֿון די פּיראַמידן־ ביז די וואָלקנקראַצער־בויער
און האָבן צייט, אָ, צייט צו אָפּריכטן
אַ שבת איבער אַלע שבתן:
ווען וועלדער שטאַרן גרין און כוואַליעס ווערן גלאָז,
און ליידנשאַפֿטן טורמען זיך ווי קילע בערג;
ווען נשמות בליען אינם פֿעלד פֿון אָפּרו,
און טרוימען טאַנצן אַרום זיי
ווי גרויסע רייך־קאָלירטע פֿלעדערלעך, —
מיר זיינען מיד. מיר זיינען מיד.

ט. די ווערטער פון דאָן הענרייקעס

ה. לאַנג׳ין

דאָס זיינען די לעצטע ווערטער
פון מאַראַנאָס דאָן־הענרייקעס,
ווען מ׳האָט אים געבראָטן אין מאַרק,
אויפן אָטאָ־דאַ־פע, אין סעווילִיע;
און דאָס הייליקע בילד פונעם יוזל
פלאַטערט, אנטקעגן דעם בראַנד־סלופ,
אין רויך און ווינט, ווי אַ פאָן —:

— אָ, מענטשן־זון, פון נצרת,
מיין אוראַלטער ברודער פון גליל!
דיין צעריסענער, האַריקער מאַנטל, —
ווי דער רויך פון שייטערהויפנס,
פאַרדעקט האָט דעם שיין פון דער זון.
און דיינע געטשוועקעטע פיס
האָבן פאַרפאַרבט און געררויטלט,
ווי די מכה אין לאַנד מצרים, —
אַלע טייכן און ברונימס אין שפאַניען.
אויסער דיר איז קיין קדוש פאַראַן!
קיין מאַרטירער ניטאָ, אין גאָטס נאָמען,
אויסער יעזוס — דעם בלאָסן יידן —
געקרייציקט אַמאָל אין גלגתא.
אויף די שפיצן פון קלויסטערס און זעגלען
באַפעסטיקט האָסטו דיין תליה.
אויף שטאָלענע שווערדן ביי ריטערס,
אויף קייזערלעכע גאָלדענע קרוינען.
און אויף צאַרטע העלזער ביי קינדער
האָסטו אויפגעהאַנגען דיין צייכן, פון פיין
און פאַרביסענער שנאה, אויף אייביק.
און געקושט ווערט דער צייכן, פאַרגעטערט
אויף ווייטע און נאָענטע אינזלען.

מען קוילעט אים יידן, מען רויכערט
מאַוורען אויף הויכע מזבחות, —
אַלץ צוליב דיר און דיין כבוד
בעטנדיק: „וועני קרעאַטור".

גלויב ניט די גויים, אָ, יעזוס!
דורך הונדערטער יאָרן געוואַנדערט
האָב איך גרונטיק דערקענט זייער קדושה,
פֿאַרגלייכט זייער ריידן און מעשים:
ווי שטרוי פֿאַרן גומען פֿון טיגערס —
געשמאַקלאַז איז זיי דיין רחמנות.
אין זייערע טונקעלע קלויסטערס
לעבט נאָך דער אַלטער געץ מולך,
די יאַגד־לוסט — אין טרפֿהנעם בלוט.
און ווען עס איז זעלטן געוואָרן
דאָס ווילד אין די שיטערע וועלדער, —
האָבן אָנגעהויבן אַ יאַגד אויף מענטשן
צערייצטע יעגערס און געצן.
אין נאָמען פֿון יעזוס דעם צאַרטן
בעל־רחמים און הימלשער מלוכה —
אויסגערופֿן די יאַגד אויף ניט־גלויביקע,
אין גרויסע באַפֿעלקערטע שטעט,
מיט גלאָקן־געקלאַנג און מיט אָרגל.
ווי פֿייערלעך־גרויזאַם זיי ברילן
די דאָזיקע קופּערנע חיות!
ווי בלוטדורשטיק־ליבלעך זיי רייסן
דאָס האַרץ ביי געפּייניקטע קעטצער
און וואויען: „טע דעאום לייִדאַמוס!"...

גלויב זיי ניט, יעזוס, די גויים!
אַ טאָג קומט, — ער איז שוין ניט ווייט, —
אויך דיך וועט מען יאָגן און טרייבן,
ווי ווילד, מיט געשאָסענע פּיס,
פֿון פּויערשע הייזקעס, פּאַלאַצן,
פֿון שיפֿן אויף ימים, פֿון טראַנען.
מ׳וועט רייסן דיין צייכן פֿון העלזער
ביי קינדער און פֿרויען און זיידעס,

ווי מ׳רייסט אַצינד בערד און מזוזות
אין סעוויליער יידישער געטאָ,
אַראָפּברעכן וועט מען דיין תּליה,
ווי אַ צווייג אַ פאַרדאַרטע, פון שפּיציקע
טורעמס און פּראַכט־קאַטעדראַלן —
קאַפּטיש, ביזאַנטיש און גאָטיש,
געבויט צוליב דיר און דיין כבוד.

און קעניגן וועלן זיך וואַרפן
מיט די קני צו דער ערד, וועלן קלאָגן;
און פירסטינען וועלן זיך שלאָגן
„על חטא" אין די ווייסע בריסטן;
און פירער פון פעלקער און לענדער —
באַהאַלטן פאַר חרפּה דעם פּנים
און זיינען זיך עפנטלעך מודה
אויף זייערע נאַרעשע זינד
קעגן פאָלק, קעגן לאַנד און געשיכטע —:
אַז זיי האָבן אַ יידן פאַרגעטערט,
געדינט צו אים הונדערטער יאָרן;
פּונקט אַזוי לאַנג ווי די זייניקע,
לייבלעכע ברידער פון גליל,
וואַנדערן און ווערן פאַרפאָלגט.
„אַוועק פון אונז, אומריינער יידל!
אַזוי וועט מען זידלען דיך, יאָגן;
פּונקט ווי מען יאָגט און מען זידלט
אונז, יידן, אויס ליבשאַפט צו דיר.
דאָס נאָכשרייען ד י ר וועט זיין מיאוסער,
מיט גיפט און מיט שמוץ וועט דאָס שפּריצן:
„גיי, שאַכער פון מחילה און מיטלייד!
באַשווינדלט האָסטו אונז — אומשולדיקע,
אויסגעגנאַרט פאַר אַ האַלצענעם צלם
די העלדעשקייט פון צעאוס און אַדין...
צום טייוול, צום פייער, מאַראַנאָס!"
דאָס איז אונזער בײדנס שיקזאַל
און דעם וועסטו אויך ניט אויסמיידן:
היינט — דאָן־הענרייקעס, און מאָרגן,
צי שפּעטער — אויך דו, אונזער ברודער,
געקרייציקטער ייד פון נצרת!

און, באַפֿרייט פֿון דיין יאָך און דיין גוטסקייט,
וועלן פֿעלקערלעך אויפֿברעכן טרומנעס,
אַרויסשלעפּן פּגרים פֿון געצן
און שלאַכטן, לכבוד זיי, קינדער;
אַזוי ווי אַמאָל, איידער אָנגענומען
דיין בשורה פֿון הימלשער מלוכה.
זיי וועלן זיך עפּנטלעך פּאָרן,
אַן שאַנד, ווי צווייפֿיסיקע חיות,
די אויסגעגראָבענע געצן לכבוד;
כּדי וואָס מער זעלנער געבוירן
און שיקן זיי קעמפֿן און פֿאַלן,
צום טויט, אין די „פֿעלדער פֿון ערע".
אַזוי וועט מען ווידער צעברעכן
די איינהייט פֿון שעפֿער און וועלט,
פֿון מענטשלעכן געזעץ און געוויסן.
און יעטוועדער פֿאָלק וועט זיך בוקן
צו אַן אַנדער אָפּגאָט, און גלויבן
אַז זיינער, נאָר ד ע ר איז דערהויבן
און דער אָפּגאָט פֿון שכן איז מיסט.
ווען איין פֿאָלק וועט ווערן געשלאָגן
אין שלאַכטפֿעלד, אין קאַמף מיטן שכן,
וועט פֿאַלן מיט אים צוזאַמען
זיין אָפּגאָט; און ווערן צו שאַנד
און צו שפּאָט אין די זעלבע מיילער,
וואָס האָבן אים פֿריער געבעטן,
געקושט אונטער ווייִרוך־גערויכער.

איינער אַליין וועסטו בלייבן,
גאָט־יעזוס! מיט מאָגערע אָרעמס
געלענט אויפֿן ברעכיקן צלם —
אָוועקהינקען אויף שטייניקע וועגן,
מיט דיינע געלעכערטע פֿיס;
אַזוי ווי מיר, דיינע קרובים,
הינקען שוין הונדערטער יאָרן.
און דער זוים פֿון דיין מזרח־קיטל
וועט קערן נאָך דיר און פֿאַרקערן
דעם ברוד און האָס פֿון די פֿעלקער,

וואָס דו ווערסט, אַנטלויפֿנדיק, דורכגיין,
און פֿון יעדער לאַנד און מדינה,
פֿון קלויסטערס און גלאָקן־טורעמס,
פֿון מוזעאומס, פֿון גאַלערייען
און פֿון מאַנאַסטיר־קאַטאַקאָמבען,
וועט מען טרייבן, מיט פֿייף און געלעכטער,
מיט „היפּ־היפּ" און „יודאָס פֿאַררעטער"
דיין בילד — אין שטיין און אויף לייוונט,
דיין קידוש־השם און יסורים
געמאָלטע, געקלעפּטע, געשניצטע, —
אַ פֿאַרביקע מחנה געפּייניקטע;
פֿון די ערשטע רוימישע קירכן
ביז היינטיקע פֿינצטערע צייטן;
צענמאָליק און הונדערטמאָליק
ווי די אויסוואַנדערער פֿון לאַנד מצרים.
אַלע בילדער באַפּוצט מיט די בלוטיקסטע
וואונדן, די וויעס באַהאַנגען
מיט טרערן פֿאַרשטאַרטע פֿון ווייטאָג,
מיט דערנער באַקרוינט און מיט שטראַלן; —
אַ פּראָצעסיע וואָס וואַקסט און מערט זיך,
וואָס שטייגט אין די בערג, און גיסט זיך
ווי אַ וואַסערפֿאַל אין די טאָלן.
דאָ ווערט זי ברייט — אין די פֿעלדער,
דאָ שמאָל — אין געשלענגלטע שטעגן;
און שטראָמט נאָך־דיר ווייטער און ווייטער, —
אַ לעצטער, פֿילפֿאַרביקער קרייץ־צוג
צו די ווייטע בערג פֿון יהודה.

און פֿרויען און מוטערס און שוועסטער —
אַלע כשרע טעכטער ישראלס,
פֿאַרשלייערט אין ווייסן און שוואַרצן,
וועלן קומען צולויפֿן און פֿלאַטערן
ווי פֿויגלען פֿון חרובע נעסטן;
זיך אויסשטעלן אויף ביידע זייטן
פֿון דיין לאַנגער גלות־פּראָצעסיע,
אַ לעבעדיקע לויה דיר מאַכן.
און אַלע זיי וועלן דערקענען

אין דיר און אין דיינע סטאַטועס
און אין טויזנטער בונטע איקאָנעס;
קרבנות פֿון אַלע בלבולים
און גזרות דורך הונדערטער יאָרן.
יעדע יידישע מוטער — איר זון,
יעדע ווייב איר מאַן און איר שווער —
מיט גליענדע צואַנגען געקניפּן;
מיט געריסענע צינגער פֿון האַלז,
ביים שאַנד־סלופּ, אויף גוישקע מערק.
און שוועסטער וועלן ברידער דערקענען —
אין פּאַגראָמען מיט זעגן געשאַכטן;
געכאַפּטע און לעבעדיק באַגראָבן,
אין טורמעס, אַן קבר־ישראל;
און באַבעס זיי וועלן דערבליקן,
מיט האַלב־בלינדע אויגן, די אייניקלעך —
געברענטע אַלס ברונים־פֿאַרגיפֿטער,
אַלס האָסטיע־שענדער און פֿרעסער
פֿון מצות פֿאַרקנאָטן אויף בלוט.
און אויך מיך, דעם היינטיקן קרבן
פֿון דיינע פֿאַרגרעבטע מאַנאַכן, —
וועלן מיין פֿרוי און טעכטער דערקענען.

און צודריקן וועט יעדע ווייב
צום געבראָכענעם האַרצן איר קרבן:
אַ בילד, אַ רעליעף, אַ סטאַטוע —
פֿאַרשרפֿ׳עט גענעגלט, גערעדערט;
און וועלן זיך אַלע פֿאַרוואַנדלען —
די יידישע מוטערס און שוועסטער, —
אין לעבעדיקע צער־מאַדאָנעס,
באַוויינענדיק זייערע קינדער,
וואָס ליגן ביי זיי אין די שויסן,
וואָס צאַפּלען אויף זייערע ברוסטן;
אָט ערשט פֿון שאַפֿאָטן גענידערט,
פֿון מאַרטיריום־קעלערס געצויגן, —
אין געוואַלטיקע שורה פּיעטאָס
פֿון אייראָפּע ביז די בערג פֿון ציון.
און דיך, דעם ערשטן מאַרטירער,

וואָס שפּרייזט אין שפּיץ פון פּראָצעסיע, —
וועט באַגעגענען אַ נייער סנהדרין
אין פּרענזיקע בלויע טליתים,
מיט אַ ברוך־הבא און מיט פריידן.
און וועלן דיך פירן צום ירדן,
דיך אָפּטוב׳לען אין הייליגן וואַסער;
צו היילן דיינע אַלטע וואונדן,
דיינע אויסגעוויינטע אויגן צו קילן,
און אָפּוואַשן פון דיר די פלעקן
פון גוישע מענטשן־קרבנות,
פון זייערע מערדערשע קטורת, —
פאַרמעטן פון תורות פאַרברענטע
געוויקלטע אויף פרומע לייבער;
געסמאַליעטע פרוכתן, וואָס האָבן
פאַררויכערט דיין ליכטיקן שטערן.

און געהיילט און דערפרישט און גערייניקט,
ווי נעמן — דער קרעציקער פעלדהאַר;
באַפרייט פון די גוישע עקסטאַזן
און פון זייער אנטוישונג באַפרייט, —
וועלן לוים דיך ווידער אויפנעמען
אויף די טרעפּן פון הר־הבית,
פון וואַנען דו האָסט, אין דיין צייט,
הענדלער געטריבן און וועקסלער.
מיט פסוקים פון שירי־המעלות,
ווי אַ ניי־געבוירענעם יידן, —
אַזוי וועלן זיי דיך אויפנעמען.
אַזוי ווי מיר נעמען דאָ אויף —
ברידער געטויפטע־מיט־גוואַלט
אין אונזערן קעלער־בית מדרש,
מיט וויימוט־געזאַנג פון „כל־נדרי״.

און מער וועט דיך קיינמאָל ניט משפּטן,
אין הייליקן לאַנד פון די אָבות, —
קיין אַלטער פאַנאַטיקער, קיין פרוש;
אפילו ניט פילאַטוס דער נציב
מיטן גרויזאַמען געזעץ פון די רוימער.

ווייל אונז וועט דאָס לאַנד געהערן
און דער בית־דין וועט אונזערער זיין.
און קיין גוי וועט זיך מער ניט דערוועגן
אַריינמישן אין קריג צווישן ברידער,
וואָס גייט זיי ניט אָן, איז זיי פּרעמד;
און זיך אָנגעהויבן אין זוניקער יהודה,
ווען די עלטערן פון די פּרעמדע ריכטער
האָבן ווילדע חזירים געפּאַשעט
אין די פייכטע טעווטאָנישע וועלדער.
און עס וועלן זיך מער ניט דערוועגן
צו שפּילן די נקמה־נעמער
אייניקלעך פון יענע באַרבאַרן,
וואָס זיינען האַלב־נאַקעט געגאַנגען
אין דער צייט פון דיין קרייציקונג, יעזוס!

אָ, ברודער פון באַרג נצרת!
מיין אָטעם גייט אויס, מיין מויל רויכערט;
מיין וואָרט ווערט געיאָגט און געטראָגן
אויף פייערדיקע פערד צו די הימלען.
זע, שיין איז מיין בראַנד־סלופּ געוואָרן,
ער פינקלט ווי שלמה׳ס מלוכה־שטול;
דאָס העלישע פייער, ווי פּורפּל,
האָט אָנגעקליידט מיין נאַקעטן לייב;
און מיין ברענענדיקע האָר איז מיין קרוין...
ניט קרעכצן ווי דו וועל איך, יעזוס:
„אלהי, למה שבקתני...״
אויסדערווײלט האָט מיך גאָט פון יעקב,
ביז צום שייטערהויפן דערהויבן,
איבער אַלע שטערבלעכע לייבער.
פאַרהערלעכן וויל איך דעם אויבערשטן,
מיט ליפּן פאַרברענטע, וואָס האָט מיר
אַזאַ גרויסע שליחות געגעבן:
צו זיין אַזאַ ליכטיקער פאַקל
פאַר בלאָנדזשנדע, שוואַכע נשמות.
אָ, הער ווי ער זידט און דערנערט זיך
מיט מיין לעצט ביסל פעטס, און באַלויכט,
אין עקסטאַזן פון מסירת־נפש,

דעם וועג פֿון אַן אײביקן לעבן
אין די נעפּלען פֿון טונקעלע פֿעלקער.

אונטערן האַרץ ביי מיר לעקט שוין דאָס פֿייער,
עס פֿרעגלט די לונגען אין ברוסט
און צווישן די ציינער — מיין צונג.
אָ, שטאַרק מיך און מוטיק, איין רגע נאָך,
גאָט פֿון אַברהם און יצחק
און יעקב! צו קענען אַרויסשרייען,
מיטן לעצטן כּוח און ליבשאַפֿט,
פֿון ענגן, געבראָטענעם האַלז:
הערט מיך, איר גוישע לענדער,
און הער מיך, דו פֿאָלק ישראל,
און דו, יעזוס־ברודער, העלף מיט:
אַדני אלהינו אח־ד!

פּאַריז, 1931.

י. אויפֿן ברעג פֿון דער סענאַ

I

ווײַ צו אײַך, גלויבנס, וואָס וועפּן זיך אויס
און פֿאַרגייען!
דאָס גלויבן פֿון מענטשן אין זיך —
נאָך ניט אויפֿגעוואַכט;
די גאָטהייט געשטאָרבן, דער מענטש —
ניט פֿאַרנומען איר אָרט.
עס זשאַווערן קייטן פֿון דינים צעבראָכענע, —
דאָס לעבן איז דאָך ניט באַפֿרײַט.
דרײַ יובלים באַלד איבערגעקערט
און צעאַקערט דאָס אַלטע,
דרײַ יובלים באַלד יורן, אין פֿראַנקרײַכס
פֿעלדער, פֿאַרפֿוילטע טראַדיציעס; —
און נאָך ניט באַמיסטיקט מיט זיך
אַלץ וואָס יונג איז און בלײַענדיק־נײַ.

אומעטיק כמורען זיך שולן פֿאַרעלטערטע,
פֿאַרמעטן זײַנען פֿאַרגעסן.
די ראַצן שוין מיד פֿון צו גריזשען
פֿאַרשימלטע תּורות.
מען הערט שוין ניט מער די גמרא־ניגונים
אין שטעטלעך פֿאַרוואָרפֿענע, —
בלינד די ישיבהשע פֿענסטער... זיי גלאָצן,
פֿאַרלאָשענע, אַרײַן אין דער נאַכט.
און גלאָקן, להבדיל, אויף אוראַלטע טורעמס,
קלאָגן זיך נאָר אויף דעם יאָך פֿון די גאָלדענע צלמים,
באַוויינען די פּראַכט פֿון אַ מאָל.
קאָלירטע לאַמפּאַדעס, צופֿוסן פֿון רײַכע,
מיט גאָלד און מיט זילבער, באַפּוצטע איקאָנעס, —
ווינקן שוין מער ניט פֿאַרסודעט,
אַוועק זייער מיסטיק.

עס רייצן די שיינע מאַדאַנעס עבירה־געדאַנקען,
די אויגן ווי מאַנדלען, די העלזער פֿון שוואַנען
אין פּורפּל פֿאַרהילטע,
די בריסטן געפֿורעמטע, די פֿינגער ווי שפּינדלען —
רופֿן אַרויס נאָר אַ זינדיק פֿאַרגלייך
מיט פֿרויען באַגערטע.
אינעם וואַסער פֿון סענאַ־טייך שפּיגלט זיך
נאָטר־דאַם־דע־פּאַריז,
אין גרינלעכן שטראָם גלייכט זי אויס
אירע קנייטשן די שטאָלצע;
ווי אַ מלכּה וואָס זוכט איר פֿאַרגאַנגענע שיינהייט
אין אַן אָפּגענוצט שפּיגל,
וואָס מ׳האָט איר דערלאַנגט אַ מתּנה
בשעת קרוינונג, אין בליענדער יוגנט.

מיטן אָנקום פֿון נאַכט אין פּאַריז
פֿאַרלירט זיך די סענאַ אין נעפּל;
פֿאַלט אַרויסעט דאָס אָפּגענוצט שפּיגל
פֿון די אַלטיטשקע הענט ביי דער מלכּה.
פֿאַראיינזאַמט בלייבט שטיין נאָטר־דאַם,
פֿאַרשלאָסן אין זיך און דערהויבן,
פֿאַרזונקען אין שאָטנס־זכרונות.
ס׳זיצט פֿעסט איר יסוד אין אַספֿאַלט
און איר האַרץ — אין פֿאַרגאַנגענע דורות.
צופֿוסן איר הוליעט דער כּרך,
פֿאַרשכּורט, צעלאָזן אין לייכטזין.
אַהין און אַהער לויפֿן קאַרעטעס
און ווינקען מיט זינדיקע פֿייערלעך.
און ס׳פֿלאַטערן פֿרייל͏עכע פֿאַרל͏עך,
אַרום איר, ווי די נאַכטיקע מיל͏בן.
איר רו — מאַיעסטעטיש און כמורנע —
ווערט דערפֿון ניט געמינערט;
איר אוראַלטער שוויַגן — פֿאַרקלעמט
טיף אין זיך — ניט געשטערט;
ס׳גערויש פֿון דער שטאָט איז צו נעבעכדיק
איר מלכות־געדאַנק צו באַרירן.
דערהויבענער, קליגער איז זי פֿון זיי אַלעמען,

אַ פֿאַרשטײנערטער שטיק פֿון אַן אײביקײט; —
װאָס קענען איר אַרן גערױשן,
פֿון מענטשלעכע קורצינקע לעבנס,
װאָס גײען און שװינדלען פֿאַרבײ?

שטיל. אין מײן װיזיע זע איך:
עס הױבן זיך מאַסנװײז הענט,
עס קלעטערן פֿינגער,
װי שאָטנס געהײמע.
זײ שפּרינגען אַרױס פֿון די שטײנערנע קנײטשן,
באַרירן די צעמענט-געפֿלעכטן,
באַטאַפּן די גזימסן, די זײלן,
די פֿענסטער-קאַרניזן;
פֿאַרגלעטן די פּגימות אױף זײ,
פֿאַרװישן די עלטער-בראָדאַװקעס.
זײ גליטשן זיך איבער די האָרביקע רוקנס
פֿון גרױיע כימערן,
באַזוכן די רינעס פֿון רעגן — מיט קעפּ
משונהדיק-װילדע,
װי אָקאָרשט פֿון גיהינום דאַנטעס אַרױס...
און ס'ציטערן, שעפּעריש-זשעדנע, די פֿינגער,
זײ װילן אַ ל ץ װײכער און בולטער מאַכן,
װי דעמאָלט, בשעת מאָדעלירן...
און שטױסן זיך אָן אױף דער האַרטקײט
פֿון לײם און לעגענדעס פֿאַרטריקנטע, —
צעפֿאַלן זײ, רינען אַראָפּ
אינם נעפּל און װערן פֿאַרשװאונדן.

דאָס זײנען דאָך הענט פֿון די מײסטער פֿאַרשטאָרבענע,
װאָס האָבן, דעם זעלבן גרױסאַרטיקן בנין,
פֿיל דורות געצירט און פֿאַרפֿולקאָמט;
און הונדערטער יאָרן, אין אים, נאָכאַנאַנד,
אַרײנגעבױט פֿרומען עקסטאַז,
אין שטײן און אין ציגל פֿאַראײביקט,
אין טורעמס צעצװײגט, אין רעליעפֿן,
אין זײלן, פֿאָרטאַלן, מאָזאַאיק קאָלירטן.
איז נ אָ ט ר - ד אַ ם זײער חלום געװאָרן

ביינאַכט, און בייטאָג — זייער גלוסטונג;
געבראַכט איר אַ קרבן די גאַנצע פֿאַנטאַזיע,
די ליבע — אין פֿייליגע באַלקנס פֿאַרשטיינערט.
געדאַנקען, ווי שרייענדע קינדער, פֿאַרוויגט
אין קאַריטעס פֿולע מיט צעמענט און ליים,
און געהייסן זיי שטומען אין דיק פֿון די ווענט,
אין געצאַצקעטן שוואונג פֿון די טויערס.
יאָר־איין און יאָר־אויס אַזוי... איז זי געוואַקסן
אונטער די בליקן פֿון בישאָפֿן כמורע,
אין גלאַנץ פֿון מאָנאַכישע פּליכן.
און פֿרום און פֿאַרזאָרגט, אַרום איר צעוואַקס,
האָבן זיך דעמאָלט געסודעט
קאַרדינאַלן אין פּורפּלנע מאַנטלען געוויקלט;
געקלאַפּט מיט די זילבערנע, קרויניקע שטעקנס,
ביז די שטיינערנע דיכטונג האָט אָפּגעבליט,
די אַרבעט איז צייטיק געוואָרן,
פֿאַרגאַנגען זיך אין אַ סימפֿאָניע
פֿון צעמענט און שטיין, און פֿון מענטשנס
דערהויבענעם גייסט;
אַ סימפֿאָניע אויף אייביק.
אַ פֿאַרגליווערט געבעט,
וואָס שפּאַרט אָן אין הימל,
דורך טעג און דורך נעכט, —
און לאָזט קיין מאָל, קיין מאָל ניט אַראָפּ
די צוויי גלויביקע הענט... די געשטרעקטע
און הערלעך־געשניצטע
צוויי טורעמס.

געשטאָרבן די מייסטער שוין לאַנג
זייער זעל איז פֿאַרבליבן אין שטיין.
שיקן זיי נאָך, ביז צו היינטיקער נאַכט,
די איידעלע קינסטלער־הענט
זייער זעל צו באַזוכן.
נישטערן זיי און זיי טאַפּן אין טונקל —;
געבליבן דער שטיין ווי געווען,
די זעל איז פֿון דאָרטן פֿאַרפֿלויגן...
וואו זיינען, וואו זיינען זיי

די זיפּצן פֿון גלוביקע,
די אויגן אין תּפֿילה פֿאַרגלאָצטע ?
דער ציטער פֿון ליפּן
פֿאַרוועלקטע און יונגע,
דער טיאַך פֿון די מיידלשע הערצער ?
עניוות פֿון קעניגן וואָס זיינען
געקרוינט דאָ געוואָרן ?
קיין סימן, קיין זכר...
וויסט איז דער שטיין, און פֿאַרכמורעט
אין קנייטשן, געמייסטערטער צעמענט...

II

קוק איך אַרויף צו די שטערן —
פֿאַרנעפּלטע, און ס׳ווערט מיר אומהיימלעך,
דערווידער אין גאַנצן — דער פֿריילעכער
טומל פֿון גרויסשטאָט.
ווערט שווער מיין געדאַנק, און די פֿליגלען
פֿון א י י נ ב י ל ד ו נ ג וועלקן.
עס נעמט מיך אַ צער אַרום
און ברומט אין מיין האַרץ ווי אַ האַרפֿע,
איך שפּאַן טריט ביי טריט און צעזיי אים,
מיין צער, אויף שטיינער פֿון ברוק:
אָט איז די עקזאָטישע, קנייטשיגע שאָלעכץ !
דער געטלעכער קערן —
שוין לאַנג אויפֿגעגעסן...
און וואו איז דער גלוביקער מענטש,
וואָס זעט אַלץ, אין צויבער־קאָלירן,
דורך שויבן באַמאָלטע פֿון טעמפּלען ?
קיין סימן, קיין זכר.
איך זע ווי עס יאָגט זיך דער מענטש
אין זיין אייביקן אימפּעט — געניסן ;
דעם זין פֿון דעם זע איך ניט,
ער זעט דאָס אודאי אַליין ניט. —
ער לויפֿט, מיטן האָסט פֿון עלעקטרע און דאַמף,
און קומט צו זיין אויסגאַנג צוריק.
און וואו איז דאָס גליק, צוליב וועלכן
ער האָט, אויפֿן שטיינערנעם ברוק,

זיין טרוים אַזוי גרינגלעך צעבראָכן?
און וואו איז דאָס ליכט, צוליב וועלכן ער האָט
אויסגעלעשט אַלע נשמה־ליכט?
איז ער גרעסער און שענער געוואָרן
פֿון דעם גאָט וועלכן ער האָט פֿאַרלאָזן?

ניט־גליקלעך איז ער ווי געוועזן,
און אפֿשר אומגליקלעכער, שוואַכער.
אים שרעקן די רויכיקע גייסטער
פֿון תּורות — די לאַנג־שוין פֿאַרשוואונדענע,
אים שרעקן די טויטע טראַדיציעס
און זייערע שאָטנס וואָס בלאָנדזשען
און קוקן, מיט טויזנטער אויגן, אַריין
אין אַ לעבן — פֿול לאַנגווייל.
ער פֿילט זיך אומהיימלעך און פֿרעמד
אינם גאָטישן טונקל פֿון קירך;
אָט די דורות־געזאַמלטע טונקלקייט, —
דערוואָרבן מיט שווערד, מיט פֿאַנאַטישער רשעות,
מיט סמ׳ען די קוואַלן פֿון וועלכע זי שעפּט, —
מיטן יידישן חורבן...
מיט פענטען דעם נייגיר פֿון גלויביקן
און מיט ווייִרוך פֿאַרנעפּלט דעם קלאָרן פֿאַרשטאַנד —
ער זאָל צופֿיל ניט זעען;
און הייסן אים גיין אַ באַנומענעם,
אַ שענדלעך־געבונדענעם, —
וואָס אויבן, וואָס אונטן ניט פֿאָרשן.
אָט דער שטיקיקער ריח פֿון מיטלאַלטער
איז אויסגעוועפּט איצטער אינגאַנצן
מיטן אַנטגילטיקן טויט פֿון געקרייציקטן גאָט.
אַן אימה געבליבן איז נאָר אין זיין טעמפּל,
און ד י וועט שוין מער ניט פֿאַריאָגן
ניט דאָס ווייִרוך־געריכער פֿון היינט,
ניט די מאַטע, געצויגענע אָרגל־ניגונים.

פֿאָרכט זיך ס׳פֿאַריתומטע מענטש:
פּוסט איז די וועלט אים געוואָרן
מיטן טויט פֿון פֿ אָ ר ג ע ט ע ר ט ן.

בלוי איז דער הימל אום זומער, ווי פֿריער,
און ווינטער־צייט — גרוי.
און דאָך שרעקט ער אָפּ מיט זיין ליידיקער בלויקייט,
מיט שטראַלן אָן גנאָד,
מיט די וואָלקנס אָן אינהאַלט.
און ס׳לויערט די לאַנגווייל פֿון וועלדער
אָן פֿויגל־געצוויטשער, אָן סודות.
און מיט אויגן פֿאַרגלייזטע,
קוקט איינזאַמקייט נאָך
יעדן טריט פֿונם מענשן.
עס פלאַפלען די קוסטעס, נאָר ס׳פּעלט
זייער רוישן אַ זעל.
די ראָבן זיי פֿליען... געוויס,
נאָר ס׳האָט ניט קיין ציל זייער פֿליען.
און פֿאַרוואָס לאַכט די זון אַזוי פֿריילעך,
אויב אין אָונט פֿאַרגייט זי?
וואָס וואַרפֿן זיך כוואַליעס און שוימען? וויבאַלד
מאָרגן ליגט פלאַך זייער אויפֿברויז
און שפּיגלט די פוסטקייט פֿון הימל
און דאָפּלט די נאַרישע ברעגעס אין זיך...
אָפּגרונטן, ביז איצטער פֿאַרדעקטע
מיט די וואַרעמע פּאָלעס פֿון אויבערשטן, —
צעפּראַלן זיך אומברחמנותדיק
פֿון אונטער די מענשלעכע טריט.
און שוואַך איז די האַנט פֿון די דענקער
און קורץ איז דאָס לעבן פֿון מייסטער —
זיי איבערצוברוקן.
און אַלע דערפֿינדער און בויער,
מיטן גאַנצן געבליץ און געדונער,
פֿון טויזנטער קלאַפּער־געצייג און מאַשינעס, —
ניט אימשטאַנד צו פֿאַרטויבן ס׳געמורמל
פֿון טויטע און האַלב־טויטע געטער,
ניט צו בלענדן די אויגן, פֿאַרשטאַרטע,
פֿון מענטשישן עלנט.

זיי אַלעמען פֿאַראַכט האָט דער צייט־מענטש,
פֿאַרלאָזן, אַנטלאָפֿן

אַהין וואו עס רופן אים גראַבלעך
די פליישלעכע פריידן.
ער לויפט מיט געשלאָסענע אויגן
אין טונקעלן מאַרגן אַריין;
און זיין אייגענע זעל לויפט ער דורך,
ווי אַ וואָגלער אַ בלינדער,
אין נאַכטיקע נעפּלען, פאַרביי
אַ ליבלעכן, דאַרפישן פייערל...
פאַרהאַוועט בייטאָג און פאַרכאַפּט
פון קאַטשען־געיעג און באַגערן קורצווייליקע,
פון האָפענונגען, וואָס בליען און וועלקן,
ווי בלומען פון זעלבסט־נאַרעריי, —
דערטרינקט ער, ביינאַכט, זיינע צווייפלען
און אַנטווישטן געוויסן, אין וויין
און אין אָטעם פון פרויען פאַרקויפטע.

איז ע ר ניט געגליכן צו אַ קינד אַ באַשטראָפטס,
אַ דערשראָקנס —
געבליבן אַליין אין דער היים?
די עלטערן, ברוגזע, זיינען אַוועק
שוין לאַנג... ער גדענקט מער ניט ווען,
דער אָוונט פאַלט צו,
עס שרעקן די שאָטנס
מיט פינגער געשטרעקטע,
מיט שפּיציקע פלעדערמייז פליגלען;
קיין איין ליבלעכע שטימע,
קיין קלאַנג...
אפילו דער אוראַלטער זייגער
האָט זיין אומרו אַרויסגעשטעקט, —
אַ מעשענע צונג, טויט און לאַנג,
מיט זשאַווער באַדעקט... און האָט אָפּגעשטעלט
זיין לעצטן, פאַרשלאָפענעם טיק־טאַק.
לאָזט דאָס קינדל אַרויס אַ געשריי,
דער ווידער־קול קרימט דאָס באַלד איבער...
כאַפּט דאָס, שרעקעוודיק, אַ קוק אינם שפּיגל,
וואָס הענגט קרום אויף דער וואַנט,
און דערזעט זיך אין גלעזערנעם תהום;

אַ בלאַסע געשטאַלטל,
אין אַ טונקעלן ברונים, אַליין;
צעלאָפּענע אויגלעך...
דערשיטערט און שטום טרעט ער אָפּ אויף צוריק,
אין מויל — דאָס קליין פֿינגערל;
שטויסט זיך אָן, מיטן רוקן, אָן טיר
און ראַטעוועט זיך אַרויס אויף דער גאַס,
לויפֿט גיך צו די קליינע, האַלב פֿרעמדע חברימלעך,
דערטרינקט דאָרט זיין קינדישן פּחד
אין האָלצערנע צאַצקעס... אין קנעטן
קניידלעך פֿון ערד מיט פֿאַרצאַפּלטע פֿינגער.
אָבער דאָס הערצל עס שטילט ניט,
דאָרט עקבערט נאָך אַלץ
אַ טיפֿע און ביטערע אומרו:
„דער טאַטע וואו איז?... און די מאַמע?...
ווען וועלן זיי קומען אַהיים?...”

.1912־44

יא. שר ישראל

(פראָלאָג צו אַן אָראַטאָריע)

אויף אַ שייד־וועג,
אויף אַ הויכן פּיען,
מיט איין ליכט באַלויכטן, —
שטייט דער „שר־ישראל״
און דרייט אַ רויטן גלאָבוס,
מיט שוואַרצע פֿעסטלענדער.
און די אויסגערופּענע,
מיטן פֿינגער אָנגעוויזענע מדינות
ווערן בולט,
שאַרף באַלויכטן
אין דער פֿינסטערניש פֿון וועג.

שר־ישראל:

די פֿרייע בירגער פֿון דער וועלט
קעמפֿן אומעטום
מיטן מענטשן־שונא.
קייטן רייסן זיך און קלימפּערן,
שליסן זיך און קלינגען ווידער.
שווערדן שלאָגן איבער זיי,
האַרמאַטן דונערן.
דאָפּלט קעמפּט דאָס פֿאָלק ישראל:
אלס מענטשן
און אַלס יידן קעמפֿן זיי.
וואו דער שונא נעמט אַ פֿעסטונג איין,
ברעכט אַ טויער דורך, —
פֿון דאָרטן הילכן ווייי־געשרייען.
אָבער הקול קול־יעקב
שרייט זיי אַלעמען אַריבער.
פֿון יעדער וואונד

אַ בלוטיק האַלז געוואָרן, —
שרייען זיי און רופן,
אָט די אַלע וואונדן
פון פוילן —
(פוילן ווערט שוין באַלויכטן אויפן גלאָבוס. עס טראָגן זיך

ווייטע געשרייען:

— מען מאָרדעט אונז!
— ווי שאָף צו שחיטה ווערן מיר געפירט!
— מיט אונזערע ביינער די צעמאָלענע,
ווי ביי מענטשן־פרעסער, —
באַמיסטיקט אונזער מערדער
די פאַרפלוכטע פעלדער זיינע!
— מיט די ווייכע האָר
פון אונזערע ציטערדיקע טעכטער
שטאָפט ער די געלעגערס אָן
פאַר זיינע פעטע ווייבער!

שר־ישראל:

קולות טראָגן זיך
פון טשעכיען —
(ווייזט אָן מיט זיין בלאַסן פינגער. די קולות קומען נעענטער):

— אויף אונזערע פאַרשמאַכטע ברוסטן
ברענט מען צייכנס אויס:
ווער — צום טויטן
און ווער צו שקלאַפן־אַרבעט...
— מען רייסט אונזערע שולן אויף!
— פון די אַלטע קברים וואַרפט מען יידן־ביינער
און מען באַגראָבט, אויף זייער אָרט,
די לעבעדיקע...

שר־ישראל:

פון ליבן פראַנקרייך —
(פראַנקרייך ווערט באַלויכטן. געשרייען קומען נעענטער):

— מען פאַרהונגערט אונז אין לאַגערן!
— מען רויבט־אַוועק, צום שמד, אונזערע קינדער!
— מען יאָגט אונז טאָג און נאַכט
ווי ווילדע חיות אין די בערג!

שר־ישראל:

פֿון רומעניען...

(געשרייען דערנעענטערן זיך):

— אין דער דאנוי טרינקט מען אונז!
— אין מינען־גריבער שלעפּן מיר
שווער באַלאָדענע וואַגאָנעס,
מיט קראַנקע פֿערד צוזאַמען...
די פֿערד ווערן געשפּייזט,
מיר — ניט.
טיילן מיר פֿאַרפֿוילטן האָבער
מיט פֿירפֿיסיקע...

שר־ישראל:

פֿון יוגאָסלאַוויע...

קולות:

— מען הענגט אונז אויף באַלקאָנעס
ווי פֿיש צום טריקענען;
— מען צווינגט אונז
אָנטאָן פֿראַקן און צילינדערס פֿאַרן טויט
די הענקער־יונגען צום געלעכטער.

שר־ישראל:

פֿון דייטשלאַנד...

שוואַכע קולות:

— פֿאַרפּייניקט טאַטעס
און פֿאַרברענט די ביינער,
און אָפּגעשיקט דאָס אַש
די ווייבער און די קינדער צו באַצאָלן
פֿאַר דער טרומנע
און פֿאַר קרעמאַטאָריום־קאָסטן.
אַלע טייוולשע־פֿאַרברעכנס, בלוט־בזיונות
באַגאַנגען איבער אונז.
שוין באַלד ניטאָ
ווער עס זאָל שרייען...

שר־ישראל:

אין אַלע שפּראַכן
קלינגען הילף־רופן,
פון אַלע עקן וועלט...

קולות:

— ספּאַסיטע!
— הילפע!
— אַ סעקור!
— ראַטונקו!

שר־ישראל:

דעניש, איטאַליעניש,
גריכיש און בולגאַריש
קומען אָן געשרייען, —
העלפט!

שוואַכע קולות (ווי אַן עכאָ):

הע - ע - עלפט!

שר־ישראל:

פאָלק, אָ פאָלק־ישראל,
אין די פרייע לענדער,
פון שונא ניט באַרירטע, —
וואו ביסטו?
דיין אָפּרוף וויל איך הערן
אויף אַלע ווײ־געשרייען...

אַלטע לייט:

— מיר רייסן קריעה!
— מיר זיצן שבעה!
— מיר קלאָגן „איכה ישבה"!
— מיר פאַסטן!
— קברים רייסן מיר!

יונגע לייט:

— מיר זאַמלען כחות;
שפּייז פֿאַר הונגעריקע,
קליידער פֿאַר די נאַקעטע.
— מיר שמידן וואָפֿן!
אין מלחמה ציען מיר!
— די ימים שניידן מיר
מיט שטאָלענע אָקרענטן!
— מיר פֿאַסעווען די לופֿט
אויף אַליומיניום־אָדלערס!
— דעם וועלט־געוויסן רייסן מיר
ער זאָל זיך אויפֿכאַפּן,
ניט דרימלען...

שר־ישראל:

גוט אַזוי, איר בראַווע יונגען!
נאָר פֿאַרגעסט ניט, קיינמאָל ניט, —
צוזאַמען מיט דער וועלט־גאולה
אויסצולייזן זיך אַליין.
נאָר די וואָס ווייסן צו באַפֿרייען
שפּראַך און לאַנד פֿון אייגן פֿאָלק,
זיינען זוכה אויסצולייזן
אַנדערע.
אַז ניט איז די גאולה — קנעכטשאַפֿט,
פֿאַרלייקענונג פֿון נאָמען און פֿון שטאַם.
אַז ניט איז די באַפֿרייאונג וועט־געלויף
צו באַדינען פֿרעמדע זיגער
אין הויכן וואָגן פֿון טריאומף.

יונגע קולות:

— מיר דאַרפֿן ניט קיין אויסלייזונג!
— וואו געבוירן — דאָרטן פֿאָטערלאַנד!
— וואו געפּלאַפּלט
די ערשטע ווערטער: טאַטע, מאַמע —
דאָרטן אונזער שפּראַך.
— וואו געליבט צום ערשטן מאָל,

וואו ברויט געגעסן, —
דאָרטן איז דאָס פֿאָלק.

שר־ישראל:

ניט ווי אַלע פֿעלקער
איז דאָס הויז פֿון יעקב.
וואָס רעכט פֿאַר אַלעמען, —
פֿאַר אונז אַן אומרעכט.
אין אַלע מוטנע וואַסערן
אונזער זאַלץ צעשמאָלצן;
צווישן ווילדע שטאַמען
אונזער האַרץ צעטיילט;
די צאַרטע קינדער אונזערע
פֿאַרמויערט אין פֿרעמדע פּיראַמידן
און קיינמאָל ניט געהערט קיין דאַנק...

קולות:

מיר דאַרפֿן ניט,
מיר זוכן ניט קיין דאַנק!

שר־ישראל:

אויך מיט געמאַכטער,
צו אמתער באַשיידנקייט
ווען יידן זיך ניט אויסקויפֿן!
פֿאַראַכטן וועט מען דאָס...
אייער קרבן־ברייינגעריי
וועט בלייבן קליינמוט;
אייער טריישאַפֿט — חניפֿה.

(פּאַוזע)

ווי אַ הונט צום וואָגן,
אַזוי געבונדן איז
ישראל מיט דער גאולה.
דער רייטוואָגן משיחס טראָגט זיך
באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ:
פֿון דער גרויסער פֿראַנצן־רעוואָלוציע,

ביז צו אונזער צייט.
באַרג אַרויף צום פֿרייען מענטשן,
צום בירגער פֿון דער וועלט.
און פֿון א י ר — אַראָפּ, אַראָפּ, —
אַלץ נידעריקער, טיפֿער
ביז צום נייעם מיטלאַלטער,
ביז צום בלוטיקן נאַציזם.
באַלד שטייגט ער ווידער פֿון דער טיף
אַרויף, אַרויף,
באַזעצט מיט פֿרייע פֿעלקער, —
צו נייע גרויסע צייטן.
קומען מוז משיחס רייטוואָגן
צו זיין ענד־ציל;
קומען מוז ישראל
צו זיין גאולה.
אויב מיט גוטן ווילן —
גאַנץ און שטאַרק;
אויב ער שפּאַרט זיך איין —
צעבראָכן און צעבלוטיקט.
קומען מוז ער!

(פּאַוזע. טרויעריק און שטיל):

ווי, עס איז געשען דאָס צווייטע,
ישראל האָט זיך איינגעשפּאַרט:
„כ׳האָב ליב מיין פֿרעמדן האַר,
כ׳האָב ליב מיין גלות־לאַנד,
כוויל פֿריי ניט לויפֿן!...״
און ווען איך האָב געוואָרנט און גערופֿן:
„וואו ביסטו, פֿאָלק ישראל?״
האָסטו מיט שטיינער מיך באַוואָרפֿן.
און אָט, צעבלוטיקט און צעבראָכן,
לויפֿסטו צו דיין ענדציל...

ווייטע געוויינען:

— מיר זיינען קנעכטיש!
— מיר זיינען זינדיק!
— העלף אונז!

שר־ישראל:

העלפֿט זיך אַליין!
געננוג צו עסן ברויט פֿון גענאַד
ביי פֿרעמדע טישן.
איין טאָג איז מען אַ גאַסט,
דעם צווייטן — איבעריק;
דעם דריטן טאָג איז מען —
אַ שנאָרער.
עס קומט דאָס פֿרעמדע ווידערווילן,
מען הויבט אָן יאָגן...
דאָס איז אונזער גורל אומעטום,
דורך יאָרהונדערטער.
איין טאָג פֿון חסד פֿאַר אַ יחיד,
איז אַ יאָרהונדערט פֿאַר אַ פֿאָלק,
וואָס לאָדט זיך אייביק איין ביי פֿעלקער
און לאָדט צו זיך ניט איין.
ווער עס האָט אַ לאַנד,
אַ מאָלצייט אין דער היים, —
קומט קיינמאָל ניט אַ ניט־געוואונשענער;
און ווערט מיט ווערדע אויפֿגענומען
ביי פֿעלקער־טישן.

קלאָגעדיקע שטימען:

— וויי איז אונז!
— ס׳איז אונזער חרפה!
— אַ ירושה־אומגליק
פֿאַר קינדער און פֿאַר קינדס־קינדער...

שר־ישראל (צאָרנדיק):

און איר? איר פֿרייע פֿעלקער,
באוואָפֿנטע מיט אייזן און מיט האַס
און מיט וועלט־גערעכטיקייט!...
אָט די וואָס בויען טאַנקען,
וואָס שמידן ריזיקע האַרמאַטן,
וואָס שיקן, אינם שונאס הימלען,

גאַנצע כמאַרעס אַוויאַנען, —
וואָס שווייגט איר?
וואַך און שאַרף איז אייער אויער
צו יעדן ווייטן קרעכץ,
פֿון אייערן אַ בירגער,
און טעמפּ און טויב — צו דעם געיאָמער
פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק.
טאָמער ווייניק — האָט איר נאָך
די שווערע טויערן געשלאָסן
פֿאַר רעשטן פֿון אַ פֿאָלק,
וואָס האָט נביאים אייך געבוירן,
אַ טיר אין וואָלקנס דורכגעבראָכן
צו הימלשע מלוכות.
געשלאָסן האָט איר דעם איין גלייכן וועג
צו זיין אַלטן היים אין מזרח,
די שליסלען ערגעץ־וואו פֿאַרלאָרן,
אין טיפֿן ים פֿאַרזונקען...
איר שווייגט?

מורמלענדיקע פֿעלקער־שטימען:

— מיר טראַכטן — נאָך...
— די צייט נאָך ניט געקומען.
— וואַרטן מוזט איר!
— ניט אויפֿרייצן די וועלט מיט טענות.
— אַפֿריער זיגן, און דערנאָך...
— דערנאָך וועט מען באַטראַכטן!

שר־ישראל:

מען טראַכט ניט ווען עס ברענט,
ווען קינדער טרינקען זיך און צאַפּלענען.
מען טראַכט ניט, ווען פֿאַרהונגערטע
שטרעקן אויס די קרעמפּנדיקע הענט.
מען טראַכט ניט, ווען דעם מערדערס האַק
איז געשוואונגען איבער גרויע קעפּ
פֿון וואַנדערער, וואָס לויפֿן זוכן
גערעכטיקייט און שוץ...

מורמלענדיקע פעלקער־שטימען:

— געדולד!
— נאָך מער — באַשיידנקייט!
— מער צייט!
— אויף די טענות דיינע, שר־ישראל,
מוז מען דאָך באטראַכטן...

שר־ישראל:

טראַכט, טראַכט!
עס זאָל נאָר שפעט ניט ווערן
פאַר אונז... און אויך פאַר אייך!
אויפן האַקן־קרייץ האָט, יאָרנלאַנג,
תולעת־יעקב זיך געצאַפלט;
נאָך איידער בלוט־און־אייזן שטורעמס
האָבן אייערע גרעניצן דערגרייכט,
אויף דאַן האָט איר געשוויגן און געטראַכט:
„דאָס מיינט מען נאָר דעם יידן!
ניט אונדז, ניט אונדז, חלילה, ניין!
דעם יידן מיינט מען דאָס...”
באַלד, אָבער, האָט איר דערזען,
מיט אייערע אויסגעגלאָצטע טעמפּע אויגן,
ווי דער בייזער שונא,
מיט די זעלבע האַקן־קרייצן
און מיט אונזערע מאַרטירער־לייבער, —
האָט געצומען פּישן, אין די פּרייע ימים,
א י י ך אַליין,
די גרויסע, זיכערע לויתנס! —
פוילן, טשעכיען, פראַנקרייך,
די אייביק ניט־פאַראייניקטע באַלקאַנען,
לויתנס, יונגע, אַלטע,
שלינגער און פאַרשלונגענע
וואַרפן זיך שוין, אויסגעפּישטע, אויפן זאַמד,
פון די ציינערדיקע פּיסקעס רינט דאָס בלוט;
און האַקן־קרייצן ווערן אויסגעריסן,
פון אייער האַלז, מיט אונזער בלוטיק פלייש,
וואָס איר האָט אַזוי לייכטזיניק פאַרשלונגען.

(שטילער):

באַלד קומט דער צווייטער אַקט,
דער שרעקלעכסטער:
איבער אונזער לייב און לעבן, —
מיליאָנען לעבנס,
ווערן שוין געמאַכט
די שוידערלעכסטע עקספּערימענטן,
צו לערנען מיכלען און זיינע העלפער
די קונסט פון אויסראָטונג.
עס ווערן חיות שטוביקע געלערנט
צו באַפאַלן פרויען,
צו מאָרדן קליינע קינדער,
צו באַגראָבן זיידעס
לעבעדיקערהייט.
צו ברענען און צו פייניקן
אַלץ וואָס טראָגט קיין וואָפן ניט,
קיין קאָלירטע יוניפאָרמס
מיט בלעכערנע קאָקאַרדעס...
וועלט, אָ קריסטלעך וועלט!
דאָס מיינט מען דיך, ניט אונז.
איר פעלקער זענט דאָס ציל,
מיר זיינען נאָר אָ מיטל...
היינט אונז און מאָרגן — איך!
דאָס ווייסט שוין פוילן,
דאָס פילט שוין פראַנצנ־לאַנד,
דאָס זעט שוין נאָרד און וועסט...
וועלט, אָ וועלט,
אויך איצטער שווייגסטו?

(פאַוזע)

די ין שווייגן איז דיין אורטייל!

(עס ווערט פינסטער. אַ ווייטער דונערן פון האַרמאַטן)

— פאָרהאַנג —

נויאָרק, 1944.

יב. לידער אין פּראָזע

1. מיין בענקשאַפט

1

שאָטנס קריכן, שאָטנס פאַלן פון אונטן און פון אויבן; פון דעכער און פון הינטער־געסלעך. אָט זע איך, ווי זי גייט שוין צו מיר, זי גייט צו מיר מיין בענקשאַפט. שטיל ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס שווימט זי גלייך צו מיר, גלייך אויף מיר. אירע הענט זיינען אַזוי איידל און שטאָלץ צענויפגעלייגט אויף איר ברוסט, און די פינגער באַהאַלטן זיך אין טונקעלע פאַלדן — געוועבטע פון שאָטנס. אַ הויכע, אַ שוואַרץ־חנוודיקע, אַ זיכערע אין איר שיינקייט גייט זי גלייך צו מיר, און גלייך אויף מיר קוקן אירע טיפע אויגן...

פאַרביי איר און אַרום איר, אויף די גראָע טראָטואַרן, לויפן דורך צענדליקער, הונדערטער מענטשן און מענטשלעך. אָבער זי, מיין בענקשאַפט, באַמערקט זיי קיינעם ניט, מיידט זיי אויס אַלעמען, אַלעמען. אירע אויגן זעען נאָר מיך, נאָר מיך, און נאָר מיין אָטעם שפּירט זי פון דערווייטן.

זי גייט, זי גייט.

קום שוין גיכער, צו מיר, מיין איין־איינציקע בענקשאַפט. דיינע פאַלדן זיינען ווייך, דיינע פאַלדן זיינען טונקל, אַזוי ווי זומער־שאָטנס, און פון דיינע פולע טונקעלע ברוסטן שלאָגט אַ דינער, דינער ריח פון טרערן און האַלב־געשטאָרבענע מאַי־גלעקלעך, און אויף דיינע ליפן גוסס'ט אַ מעלאָדיע אָן טענער, אָן ווערטער...

קום שוין גיכער, גיכער... דורכן פענסטער, דורכן טיר, דיר איז דאָך אַלץ איינס. דו קענסט דאָך אַפילו דורך אַ וואַנט דורכגיין, דו קענסט זיך דאָך אַפילו פון באַלקן אַראָפּלאָזן. — וואָס גייסטו אַזוי לאַנגזאַם? ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס שוועבסט דו! קום גיך, נעם מיך שוין אַרום מיט דיינע ווייכע אָרעמס! קיינער האָט דאָך מיך ניט אַזוי ליב ווי דו, קיין פרוי גלויב איך ניט אַזוי, ווי איך גלויב — דיר.

דו ביסט שטום, גאָט האָט דיר קיין קול ניט געשענקט, און דיינע ליפן זיינען שטענדיק צוזאַמענגעפּרעסט. איך האָב קיינמאָל ניט געזעען די פאַרב פון דיינע ציינער. כ'ווייס ניט, צי זיינען זיי אַזוי ווייס, ווי פּערל צי טונקל ווי דיין הויט, איך פיל זיי נאָר ווען ניט איז, ווען דו

כאַפּסט זיך צו מיר קושן מיך לאַנגזאַם, ציטריק און אומעטיק. דו קענסט ניט קושן אָן ציינער, דו קענסט ניט... זיי בייסן מיר איין, שטילערהייט, מיין פלייש, ווען דו קושט מיך, און לאָזן מיר אַריין אין מיין בלוט אַ זיסן גיפּט, און מיר איז דאַן אַזוי גוט, און מיר איז דאַן אַזוי ביטער...

שטום ביסטו, מיין בענקשאַפט, אָבער אַנשטאָט דיין מויל ריידן דיינע אויגן, זיי שטעכן מיך און גלעטן מיך. לאַנג אויפגעשניטן זיינען זיי אונטער דיין הויכן שטערן, ווי גרויסע מאַנדלען, און שוואַרץ זיינען זיי און באָדן זיך אין בלאָע ווייסלען — ווי די אויגן פון מצרים־פּרויען. און טיף זיינען זיי. צו וואָס זאָל איך גלייכן זייער טיפקייט? כ׳וואָלט זי געגליכן צו אַ הימל אין אַ זומער־אָוונט, צום אָקיאַנוס. צו דער פאַנטאַזיע פון אַ גאון. אָבער אין דיינע אויגן געפינען זיך אי דער הימל אי דער אָקעאַן, אי דער גאון אי אַלץ, אַלץ. און מיט גלות השכינה איז דאָס אַלץ אָנגעזאַפּט, מיט גלות השכינה.

ניין: רעד נישט, רעד נישט... זיי בעסער שטום. די באַוועגונג פון די ליפּן קען צעשמעטערן דאָס, וואָס עס באַשאַפן דיינע אויגן. דיין קול קען דערשרעקן און צעטרייבן די אומעטיקע, באַפליגלטע וועלטן, וואָס דיין בליק רופט אַרויס. נעם מיך אַרום נעענטער ביים האַרצן מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדער האַנט הויב אויף מיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און קוק אין מיר אַריין גלייך און טיף, ביז די וואָרצלען פון אַלע אָדערן. און שווייג. שווייג. מען דאַרף נישט ריידן. מען דאַרף נישט.

2

אומדערגרייכטע שענקייט מיינס! דו ביסט דאָך איינע פון די גרויסע גאָטס רייכטימער, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט גליקלעך מאַכן די אָרעמע ערד. די „ליבע" איז באַשאַפן געוואָרן, בשעת גאָט האָט דעם ערשטן שמייכל געטאָן. די „פרייהייט" איז געבוירן געוואָרן, ווען גאָט האָט צום ערשטן מאָל אַ בייג געטאָן זיין האַנט, דער „אמת" איז אויפגעשוואומען, ווען גאָט האָט זיין ערשטן וואָרט ארויסגערעדט. דאָס „גלויבן" איז אַרויסגעפלויגן, ווען גאָט האָט דעם ערשטן „כי טוב" אַ קלער געטאָן, ווען ער האָט געגלויבט אַז אַלץ איז גוט... און דו, מיין גרויסע בענקשאַפט, ביזט געשאַפן געוואָרן און אַראָפּ אויף דער ערד, ווען דער בורא איז שוין געוואָרן אומצופרידן פון אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן, און האָט גענומען בענקען נאָך אַ פיל העכערע מדרגה ווי דער מ ע נ ט ש , אויף וועלכן ער האָט פריער געקוקט, ווי אויף דאָס לעצטע וואָרט פון דער געטלעכער קונסט.

און זע, מיין גרויסע בענקשאַפֿט! אַלע דיינע שוועסטער זיינען שוין לאַנג פֿאַרשוועכט געוואָרן צווישן מענטשן, די „ליבע" איז וואָכע־דיק און וואָלוול געוואָרן. „אמת" האָט דאָס האַרץ פֿאַרקויפֿט — אויף גאָלדענע צירונג אויסגעביטן. אין די הימל־קליידער פֿון „אמונה" האָבן זיך יעזואיטן און צבועקעס פֿאַרמאַסקירט. און די באַפֿליגלטע „פֿריי־הייט" אַליין שלעפּט זיך אום אַ געשמידטע אין שווערע, פֿאַרראָסטעטע קייטן. און ס'וואָנדערן אום דיינע געוועזענע שוועסטער אויף דער ערד געשענדעטע, מיאוסע, ברעכן פֿאַרצווייפֿלט די מאָגערע הענט און באַ־וויינען און שילטן דאָס גאַנצע לעבן.

נאָר דו אַליין, מיין אייג־איינציקע „בענקשאַפֿט", ביזט ביי דיין גאַנצקייט און הייליקייט געבליבן. אַ שטרענגע, אַ פֿאַרשלאָסענע, אַ שטאָלצע שפּרייזטו איבער דער וועלט. שווימסט, ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס, און דיינע אויגן קוקן אַריין שטעכנדיק־גלעטנדיק אין אַלעמענס הערצער. און נאָר זיי זוכן. אָ! איך ווייס וואָס זיי זוכן. די ליידנשאַפֿט האַלט אין זיי אַלעמאָל מלחמה מיט דער שטאָלצקייט, און אַלעמאָל האָט דיין שטאָלץ מנצח געווען, אַלע מאָל...

זוכן זוכסטו אַ מענטשן, מיין בענקשאַפֿט, ווען צו ליבן, וועמען אָפּצוגעבן זיך אין גאַנצן — און געפֿינסט נישט. פֿון ששת ימי־בראשית גייסטו אום זוכן דיין זווג און געפֿינסט אים ניט. און גאונים האָבן זיך שוין אין דיר אַסך מאָל פֿאַרליבט ביז צום שכורן, ביז צו משוגע־ווערן, און דו האָסט זיי געהאַלזט און געשטיקט, געקושט און געביסן. אָבער קיינער פֿון זיי איז ניט געווען אין דיין פֿאַרשלאָסענעם גאָרטן, אָבער קיינער האָט נישט געטרונקען פֿון דיין פֿאַרחתמעטן קוואַל...

*

שאָטנס פֿאַלן, שאָטנס קריכן. איך זע שוין ווי זי גייט צו מיר מיין „בענקשאַפֿט", ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס שוועבט זי. פֿאַרביי איר און אַרום איר, אין די גראָע געסלעך, לויפֿן פֿאַרביי צענדליקער, הונ־דערטער מענטשן, נאָר זי זעט זיי קיינעם ניט. צו מיר, צו מיר גייט זי, און נאָר אויף מיר קוקן אירע לאַנגע, עגיפּטישע אויגן...

ווילנע, 1905.

2. די צייט

איינמאָל האָב איך געפֿונען אַ זילבער־ווייסע האָר צווישן מיינע שוואַרצע לאָקן. זי האָט מיר אַ שיין געטאָן בלייך און פֿאַרזאָרגט, ווי אַ באַגינען שטראַל צווישן כמאַרעס. האָב איך מורא געקראָגן טאָמער וועט עס דערזעען מיין מיידל, ווען זי שטיפֿט און שויבערט מיינע

קודלעס, מיט אירע לייכטע פֿינגער, און וועט זיך מיט מיר רייצן, אַז איך הויב שוין אָן אַלט צו ווערן; האָב איך זי אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל, די ווייסע האָר, אַנטקעגן דעם גרויסן, געשליפֿענעם שפּיגל אויפֿן וואַנט.

און ווי איך האַלט אַזוי די האָר און קוק מיך צו איר צו, איז מיט אַמאָל, ווי דורך אַ כּישוף, געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט אַרום מיר, און מיינע אויערן האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט און איך האָב פּלוצלונג דערהערט דאָס געלויף פֿון דער צ י י ט.

און איך האָב דערהערט ווי עס פֿליִצט אַ רגע נאָך אַ רגע, און איך האָב געהערט ווי איין שעה יאָגט נאָך די צווייטע, און איין שעה שלינגט די אַנדערע שעה — ווי די כוואַליעס אין אוקינוס.

איז דאָס מיר אויסגעקומען ניי און וואונדערלעך — צו הערן אַזאַ מאָדנעם גערויש. זינט איך געדענק מיך, האָב איך געהערט ווי מען וויינט און ווי מען לאַכט. ווי דער וואַלד ברומט אין אַ שטורעם און ווי קאַסקאַדן ווערן צעשלאָגן אין ווייסן שוים אויף שוואַרצע פֿעלזן; איך האָב געהערט ווי קינדער פּלאַפּלען אויף דער זון, און ווי עס מורמלט די מענטשן־מאַסע אין גאַס, ווי עס צעגייען זיך די זיסע טרעלן פֿון אַ ווייטן פּאַסטוך־פֿייפֿל, און ווי עס שאַלן אַרויס מעכטיק און ברייט געוואַלדיקע מלחמה־נגונים פֿון טויזנטער קופּערנע טראָמבאָנען־העל־זער... אָבער דעם גערויש פֿון דער צייט און איר פֿליִצן האָב איך נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געהערט.

איז געווען אַזוי ווייט דאָס גערויש פֿון דער פֿלייצנדער צייט און אַזוי נאָענט האָט עס זיך געהערט, איז עס געווען אַזוי ניי און אַזוי פֿרעמד — ווי דאָס איינגעהאַלטענע זידן פֿון בלוט אין די אָדערן, ווען עס איז זייער פֿינסטער און זייער שטיל...

און ווי איך שטרענג אַזוי אָן מיינע אויערן און הער מיך צו; האָב איך דערשפּירט, אַז איך ווער אַוועקגעשלעפּט מיט געוואַלד אין אומבאַ־קאַנטע ווייטענישן; אַז איך ווער אַוועקגעפֿלייצט מיט אַ שרעקלעכער גיכקייט, מיט יעדע שעה, מיט יעדע מינוט, מיט יעדע סעקונדע — ווי אַ שפּענדל, ווען די זומער־רעגנס צעגיסן זיך אויף דער ערד. לעבנס־בילדער נאָך לעבנס־בילדער פֿליִען און בייטן זיך פֿאַר די אויגן. איידער איך קוק מיך־צו צו איין בילד, קומט שוין אָן אַ צווייטע. און פֿאַרוואָלקנט איז די ווייטעניש — קען מען פֿאַראויס ניט זען וואָס עס וועט קומען אַ ביסל שפּעטער. און איין לעבנס־זעאונג איז ניט גלייך צו דער צווייטער. איטלעכער טאָג איז אַ רעטעניש פֿאַר זיך אַליין, יעדע שעה דאַרף האָבן איר אייגענע באַשיידונג. איין טאָג דערקלערט ניט דעם צווייטן טאָג, און איין טאָג איז ניט אָן אונטעררייכטונג פֿאַר דער צווייטער שעה,

און אוממעכטיק איז די איבערלעבונג. זי באַלויכט נאָר מיט אַ קאַלטן פּאַספּאַרשיין דאָס וואָס איז שוין אַריבער, און דאָס וואָס עס וועט נאָך זיין — איז פאַר איר בלינד און פאַרשלאָסן.

— שטיי! האָב איך שטאַלץ אַ געשריי געטאָן אויף דער צייט, זיכער אינם ברען פון מיינע אויגן, אין דעם רויטן פייער פון מיין בלוט, אין מיין יונגן פולן לייב, וועלכער פּרייגט זיך אַזוי עלאַסטיש און פאָדערט קאמף און באַוועגונג.

אָבער זי, די צייט, האָט נאָר געשמייכלט מיט טויזנטער לאַכנדע, פּליסנדע בליצלעך, געשמייכלט און אָן אויפהער געפּלייצט אין דער אומענדלעכקייט. יעדע רגע איז געווען אַ באַזונדער שמייכעלע, יעדע שעה — אַ באַזונדער לאַכן.

— אוי, דו!... האָב איך מיך באַליידיקט און אויפגעאָטעמט מיט מיין פולער ברוסט — וואוהין לויפסטו אַזוי, וואוהין?

— איך ווייס ניט! — האָט די צייט לויפנדיק אַ וואָרף געטאָן.

אַ טיפער, פרישער געלעכטער האָט זיך מיר אַרויסגעריסן פון האַרצן:

— דו ווייסט ניט? דו? שוין טויזנטער יאָרן אַז דו פּלייצט. שוין מיליאָנען יאָרן...

— ס'איז אמת, מיין אינגל, — האָט די צייט מיסטיש אַ שמייכל געטאָן — אָבער אין דעם אָרט וואו איך בין שוין געווען, וועל איך ניט זיין, און אין דעם אָרט וואו איך וועל זיין בין איך ניט געווען, און דורך דעם וועג פון נעכטן וועל איך שוין קיינמאָל מער ניט דורכלויפן.

— שטיי, דו ווילדע! בין איך בלייך געוואָרן און פאַרביסן די ליפּן. איך מוז פאַרשטיין דאָס, וואָס איך האָב שוין געזען, איך מוז טרעפן דאָס וואָס וועט קומען.

— און איך — האָט צו מיר די צייט, מיט אַ שמייכעלע, אין גע־זיכט אַ שפּריץ געטאָן — א י ך מוז נאָר פּלייצן, נאָר פּלייצן, נאָר פּלייצן.

און מיט טויזנטער ליפּן האָט זי זיך צעשמייכלט, זיינען געווען אירע שמייכעלעך ווי די ליכטיקע פלעקן אויף אַ וואַסער, ווען אַ ווינטל גייט דורך. און ווייטער ווייטער האָט זי מיך אַלץ מיטגעשלעפּט מיט אַ באַטויבענדן אימפּעט, מיט איין אָטעם... און נייקייטן נאָך נייקייטן, און רעטעניש נאָך רעטעניש, און איין שרעק נאָך אַ צווייטן שרעק.

— דו מוזט? האָב איך זיך נאָך אַלץ געכראָבערט, אָבער ניט־איך. איך — ניט...

— מיטקומען מוזטו! — האָט זי גלייכגילטיק געשעפּטשעט. אויב מיטן גוטן ווילן וועסטו מיטקומען אַ גאַנצער... וועסטו זיך אַנטקעגן שטעלן — אַ צעקיילטער, אַ צעביילטער... מיטקומען מוזטו!...

— אַ, מיר וועלן נאָך זעען! — האָב איך בײַז דורכגעזייט דורך די ציין און געגומען ראַנגלען זיך.

דאַן האָב איך זיך איינגעגעגלט אין טונקעלע שוואַרצע פלעקן, וואָס זיינען אַלע ווײַלע אַרויסגעוואַקסן אַנטקעגן מיר פֿונם נעפּל, אָבער זיי האָבן זיך צעברעקלט ביי מיר אין די הענט ווי פאַרפוילטע האָלץ. דאַן האָב איך זיך מיט מסירת־נפש אָנגעכאַפּט פֿאַר פֿעלזן־צײַנער, וועלכע האָבן זיך גרויזאַם געררוקט פֿאַרביי מיר, צו וועלכע די כוואַליעס פֿון דער צייט האָבן מיר צוגעשלעפּט. איך האָב געמיינט, אַז זיי שטייען פֿעסט אינם שטראָם, פֿאַר דער צייט האָבן זיי קיין מורא ניט און פֿון זייער אָרט רירן זיי זיך קיינמאָל ניט. איז געווען ווי נאָר איך האָב מיך צו זיי צוגערירט האָבן זיי זיך אויסגעריסן פֿון זייער אָרט, ווי גרויסע שוואָמען, און מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט מיר צוזאַמען. אַ מידער, אַ צעביילטער, אַ פאַרצווייפלטער האָב איך זיך מפקיר געווען דער צייט וואָס פליייצט און לויפט מיט מיר אָן רחמנות, און מיט בלייכע ליפּן געבעטן זיך. ווי אַ געשלאָגענער קנעכט געבעטן זיך:

— שטיי־נאָר... איך בעט דיך... דערבאַרעם דיך...

האָט געלאַכט יעדע רגע, איז פֿון יעדער שעה געוואָרן אַ שפּאָט־שמייכעלע. און די צייט האָט געענטפֿערט און געזאָגט:

— בעט בעסער די ליכטיקייט זי זאָל זיט לויכטן, דאָס וואַסער עס זאָל ניט פליסן, דעם ווינט — ער זאָל ניט בלאָזן, דעם שניי — ער זאָל ניט זיין ווייס...

— פאַרשאָלטענע! — האָב איך צוזאַמענגעקריצט די ציין מיט די לעצטע קרעפטן, איך וועל מיר דאָס לעבן נעמען! דאַן וועל איך זיך פֿאַרט באַפרייען פֿון דיין ווילן, דאַן וועל איך שטיין בלייבן אויף איין אָרט!

און די צייט האָט זיך געטראָגן און געשפּאָט פֿון מיר:

— ווּעסט ניט שטאַרבן, וועסט ניט שטיין בלייבן, און פֿון מיין רשות וועסטו ניט אַרויסגיין.

— איך וועל אַרויסגיין, איך וועל אַרויסגיין — האָב איך זיך גע־צאַפּלט ווי אַ באַליידיקט קינד — וואָסער לעשט דעם דורשט אָבער דערטרינקט אויך; אייזן באַשיצט און קען אָבער אויך טויטן; דאָס שטריקל פֿאַרבינדט, אָבער דערשטיקט ווען מען דאַרף...

און די צייט האָט מיט אימפּעט געפליייצט און אירע בליצלעך־ענטפֿערס ווי נדבות געוואָרפֿן:

— אינגעלע מיינס, עס שטאַרבן און בלייבן שטיין אויף איין אָרט נאָר די, וועלכע האָבן ניט קיין אויערן צו הערן מיין געלויף. אָבער דו?... קענסטו דען פֿאַרגעסן, קענסטו דען ניט טראַכטן, אַפילו איין

מינוט, אַז מיט דיין שטאַרבן וועל איך נאָך ניט אויפֿהערן. און אַזוי ווי דו וועלן זיך אַנדערע מענטשן טראָגן צוזאַמען מיט מיר אַהין, אַהין... אַהינצו, וואו איך, די צייט אַליין ווייס ניט וואו דאָס איז... קענסטו?

— הער אויף! האָבן מיר די ליפּן שוואַך אַ ציטער געטאָן, איך... איך קען ניט, איך קען ניט.

— אַזוי. אָט דער דאָזיקער געדאַנק דיינער, איז מיין אייביקער קנעכט. און אומענדלעכע גלגולים וועט ער דורכגיין פֿון דיר צו דיינע קינדער און צו דיינע קינדס-קינדער ביז אייביק. און פֿון מיין רשות וועט ער קיינמאָל ניט אַרויסגיין.

*

אַז מיין לייכטע מיסטישע שיכרות איז איבערגעגאַנגען — האָב איך מיך דערזעען ווי איך שטיי נאָך אַלץ פֿאַרן גרויסן שפּיגל, און דאָס זילבער-ווייסע האָר, וואָס איך האָב פֿון קאָפּ אַרויסגעריסן, ציטערט ביי מיר צווישן די פֿינגער.

פּאַריז, 1909.

3. ויכלו...

ויכלו השמים והארץ וכל צבאם...
(בראשית ב, פסוק א׳)

צום אָנפֿאַנג האָט גאָט ניט געוואוסט, אַז ער איז גאָט.

זיין גאָטהייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צופֿעליקער באַוועגונג און געענדיקט האָט זי זיך מיט דער העכסטער שאַפֿונגס-קונסט.

ערשט פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט, נאָך דעם גרויסן און הייליקן „ויכלו"... ווען ער, כּביכול, האָט משיג געווען דאָס, וואָס איז ניט געווען ביז אים און וואָס מיט אים איז געוואָרן, — ערשט דאַן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ גאָט.

ווי אַ געוואַלדיקער ציק-צאַק פֿון אַ בליץ איז אָנגעקומען גאָטס זעלבסט-באַוואוסטזיין, און ווי נאָך אַ בליץ איז געקומען די ערשטיינונג, נונג, און נאָך דער ערשטיינונג — אַ זיסע מידקייט פֿון אַ צופֿרידענעם שעפֿער:

— ויכלו... עס איז דערגרייכט! דאָס, וואָס איך האָב געזוכט, דאָס בין איך אַליין... איך און מער קיינער!

און נאָך דער געטלעכער צופֿרידנקייט — אַ שטילע גלייכגילטיקייט, וואָס איז געוואָרן אַלץ שווערער און שטאַרקער.

אָ, די דאָזיקע שרעקלעכע, געטלעכע גלייכגילטיקייט! זי איז אָנגעקומען ווי אַ ים-ווינטל, זי איז פֿינסטער געוואָרן ווי אַ ווילדער וואַלד אונטער אַ זומער כמאַרע, זי איז שווער געוואָרן, ווי די בערג אין אַ פֿאַרוואָלקנטער נאַכט.

צייטיק זיינען געוואָרן די טרויבן... וואָס טויג זיי איצט ערד־זאַפּטן, וואַרעמע רעגנס, טויען און זונען־קרעפטן? באַוואוסטזיניק איז געוואָרן גאָט און דורכגעדרונגען מיט זיין גאָטהייט... וואָס גייען אים אַצינד אָן: וועלטן און וועלטעלעך, ברואימלעך און שטרעבונגען?

— כי טוב!... — האָט ער געפּרוּפט נאָך אַ מאָל אַ שמייכל טאָן, אַזוי ווי ער האָט פריער ליכטיק און נאַאיוו געשמייכלט, בשעת ער האָט געשאַפן.

— כי טוב! — האָט ער זיך באַמיט איינצושמועסן זיך אַליין; גלויבן, גלויבן, אַז אַלץ איז גוט...

אָבער קאַלט ווי שטאָל האָט געלויכטן זיין שמייכל, און זיין געטלעכע גלייכגילטיקייט איז געוואָרן אַלץ שווערער.

אַ גרויסע פראַגע האָט פאַר אים געגומען שוועבן אין דעם בלויען וועלטרוים, שפּאַטיש געוואונקען פון אַלע זונען:

— נו, און איצט?

קאָמעטן זיינען געשוואומען ווי פייערדיקע הימל־לויתנס, זונען האָבן געשמייכלט, פּלאַנעטן האָבן זיך געוואָרעמט ביי זייער שמייכל, געטאַנצט אַרום זיי, געבאָדן זיך אין ליכט, געשלייערט זיך אין שאָטן. פול אָנגעלאָדן מיט געזונטע קערנער פון צוקונפטיקן לעבן, מיט רויע זוימען פון ליבע און שנאה, האָבן זיי זיך ליידנשאַפטלעך געצויגן אין שמאָלע און ברייטע עליפּסן צו די זונען, וועלכע באַלויכטן זיי.

און גאָט, כביכול, האָט זיך געלאַנגווייליקט:

— און אַצינד, אַצינד?

געוואַלדיקע פייער־קנוילן האָבן געגליט מיט זייער גאַנצער פולער יוגנט אונטער זיינע פיס, כביכול, און איבער זיין שטאָלצן, אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

און ער האָט ביטער געזיפצעט:

— אָ, ווי קאַלט, ווי קאַלט!

און דעם זיבענטן טאָג האָט גאָט ניט געבענטשט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן... ניין, ער האָט אים געשאָלטן! ער האָט געפלוכט דאָס פולקאָמענע, אומענדלעכע באַוואוסטזיין, וואָס איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט דעם הייליקן, זיבענטן טאָג —

דאָס באַוואוסטזיין — אַז ער איז גאָט!

שרעקלעך, שרעקלעך לאַנגווייליק איז צו פילן שטענדיק, אַז מען איז גאָט אַליין:

געענדיקט אַלע חשבונות: וויסט אַלע וועגן. שטערבלעך די אומשטערבלעכקייט אַליין. דער ברונים פון אייביקייט איז אויסגעשעפּט און

קיין דורשט צו אים איז אויך ניטאָ; די פֿרייד פֿון נצחון איז פֿאַר־שוואונדן... ליכט, ליכט און מער גאָר נישט!

וויי איז אים — דעם יונגן גאָט! ווי גוט עס וואָלט געווען ווען דאָס געפֿערלעכע באַוואוסטזיין וואָלט נאָך לאַנג, לאַנג ניט געווען געקומען צו אים! דאַן וואָלט ער נאָך געקאָנט האָבן די שטרעבונג צו ווערן גרעסער, די האָפֿענונג — צו ווערן קרעפֿטיקער פֿון אַלע קרעפֿטן, אייביקער פֿון אַלע אייביקייטן, ליכטיקער פֿון אַלע ליכטער און הייליקער פֿון אַלע הייליקייטן... ווער ווייסט? ער וואָלט נאָך געקאָנט אַמאָל האָבן די האָפֿענונג צו ווערן אַ גאָט...

אַצינד „ויכלו"... אַלץ איז געענדיקט, אַלע ווייטקייטן דערגאַנגען, אַלע הויכקייטן דערשטיגן, אַלע שיינקייטן דערגרייכט.

ער דאַרף מער ניט זוכן — ער האָט זיך געפֿונען; ער וויל מער ניט שטרעבן — ער איז דאָס ציל אַליין; צוליב־וואָס שאַפֿן די שיינקייט — אַז שענער פֿון אים איז ניטאָ? אַלע וואַסערן פֿאַלן צוריק אין זיינע ימים... אַלע קלאַנגען קלינגען אָפּ אין זיינע הייליקע אויערן, אַלע פֿאַרבן און אַלע שטראָמען שפּיגלען זיך אָפּ אין זיינע אויגן...

— ויכלו.... — דאָס איז ער אַליין. ער אַליין...

פֿריילעך און פֿול האָפֿענונג און שטרעבונגען האָבן זיך אין אַ געוואַלדיקן ריטמוס געדרייט אַרום אים די זונען־סיסטעמען! שטאַרקע און שוואַכע באַשעפֿענישן האָבן זיך געריסן אויף די פּלאַנעטן פֿון זייערע פּופּן, פֿון זייערע פֿאַרביקע און ווייסע אייער־שאָלעכצן; און האָבן ליב געהאַט און האָבן פֿיינט געהאַט, און האָבן געשטרעבט אַלץ העכער, העכער; און האָבן געגלויבט צו דערגיין אַמאָל ביז צו גאָט אַליין...

פֿאַר אַלע זיינע באַשעפֿענישן איז געווען מעגלעך עפּעס העכערעס ווי זיי אַליין:

העכער פֿון אַ רויען, בלאָנדזשענדעם אַטאָם. —

העכער ווי אַן אָרגאַניש קעמערל מיט אַן אומבאַקאַנטן לעבנס־אינסטינקט.

העכער פֿון אַ ים־שנעק. מיט קאַלטן שליים און די היילונגען אַנשטאָט בלוט, און מיט בלינדע שטרעבונגען — פֿוילע און באַ־שרענקטע.

העכער פֿון אַ שרץ, וואָס וואַרעמט שוין זיין שלאַנגען־הויט אויף דער זון און טרוימט פֿון פֿעדערן אַנשטאָט שאָלעכצלעך. און פֿון פֿליגלען — אַנשטאָט זיינע אייביק נאַסע לאַפּקעס.

העכער פֿון אַ זויג־טיר מיט רויטע און הייסע בלוט פֿאַר זיינע ווילדע ליידנשאַפֿטן, מיט זיסע און קלאָרע מילך פֿאַר זיינע קינדער, מיט אומרואיקע חלומות און מיט שטענדיקן דראַנג צו שטרייטן און צו וואַנדערן.

העכער פֿון אַ מאַלפּע: דער אַרעמסטער יצר־הרע אויף דער ערד, די נידעריקסטע מדרגה פֿון אַ טייוול, די קאַריקאַטור פֿון אַלץ וואָס איז שלעכט און מיאוס און דאַך... אַ פֿאַראויס־געגאַנגענע באַשעפֿעניש מיט אַלע צייכנס פֿון אַ קומענדיקן מענטשן־קינד...

העכער פֿון אַ מענטשן: האַלב גאָט האַלב שטן, דורך בלוט און פֿלייש צוזאַמענגעוועבט; ביי וועמען די לוסט חרוב צו מאַכן איז אַזוי שטאַרק, ווי די לוסט צו בויען, וועלכער האָט זיך פֿאַרלאָרן אויף די וועגן וואָס פֿירן צום גן־עדן און צום גיהנם, און איז צו קיינעם פֿון זיי ניט געקומען.

העכער פֿון אַ קינסטלער: אַ פֿאַרקערפּערטע שעפֿערישע עקשנות, אַ גייסט וואָס האָט זיך באַפֿרייט פֿון אייגענעם תּהו־ובֿהו און שוועבט איבער אים... אַ געפֿיל וואָס האָט אַלע אַנדערע געפֿילן אויסגעזויגן און איז גרויס געוואָרן. וועמענס טעג און נעכט עס זיינען ניט שיין און ניט זויבער, ווי אין שטוב פֿון טעפּער... און דאָס ריינסטע פֿון אים פֿינקלט אין פֿרעמדע הייזער, און דאָס דערהויבנסטע — אין פֿאַר־האַסטע קרייזן. פֿון זיין צעבראָכן לעבן גיסט ער אָפּ די סימבאָלן פֿון האַרמאָניע און שיינקייט, און פֿעלקער און דורות קרימען נאָך זיינע מאָדעלן...

העכער פֿון אַ נביא: אַ ווייטער בליץ פֿון אַן אומבאַקאַנטער צוקונפֿט; אַ הויכע טרעפּ פֿון אַן אומבאַשטיגענעם לייטער; אַ גאָלדענע קופּל פֿון אַ בית־מקדש איידער דער בנין איז אויסגעבויט... זיין וואָרט נעמט אָפּ דעם גלאַנץ פֿון אַלץ וואָס איז הייליק און טייער געווען, און גרויע שערבלעך שענקט ער דעם ווערט פֿון בריליאַנטן; איבער קעפּ פֿון פֿעלקער און קרוינען און תּורות קוקט ער און לעגט בריקן איבער אָפּגרונטן פֿאַר אָפּגעלעבט געשלעכטער און אונטערגייענדע ראַסן...

העכער פֿון אַ משיח: —

ווען געטער וואַרפֿן פֿון זיך אַראָפּ זייער אַלטע, נעפּלדיק־געוואָרענע פּראַכט, כּדי יונג צו ווערן, דאַן ווערט ער געבוירן.

אַ זעאונג פֿון אַ נביא איז ער, אַ טרוים פֿון אַ ראַסע — צו פֿרי פֿאַר־ווירקלעכט. שטענדיק קומט ער אָן צו פֿרי. שטענדיק — ניט אין זיין צייט.

אַן אומשטערבלעכקייט אין אַ דערשיינונג, אַן אייביקער גליק אין בלוט און פֿלייש פֿאַרשלייערט. אָבער בלוט און פֿלייש קענען אים ניט דערגרייכן.

אַ געטלעכע פֿרוכט אַן זוימען, וועמענס געשלעכט מען קען ווייטער ניט פֿלעכטן.

פֿאַרזייט מען אים אין מענטשן־גאָרטן צעפּאַלט ער אין שטויב און עס בלייבט פֿון אים ווידער — טרוים.

מיט אים גייט אויף אַ נייע פֿרייד פֿאַר אָרעמע, און פֿאַר זאַטע אַן אומבאַקאַנטע בענקשאַפֿט.

פֿון זיין אַטעם חלשן הערשער און זייערע קרוינען קויקלען זיך אינעם שטויב, וועלכער ווירבלט זיך נאָך זיינע באָרפֿעסע פֿיס.

קדוש, קדוש! טאַנצן אַרום אים די שוואַכע אין דער פֿינסטער און האָבן מורא אַנצורירן דעם זוים פֿון זיין האָריגן מאַנטל. און זיין קראַפֿט בלייבט דער וועלט פֿאַרשלאָסן.

ווי אַ נוס צעבערעכן אים די שטאַרקע, כּדי צו עסן זיין זיס־האָרץ, ווי אַ פֿאַרחתמטן לאָגל — כּדי צו טרינקען זיין שטאַרקן וויין. דורך זינד ווערט זיין גערעכטיקייט אויפֿגעדעקט און צעגיסט זיך איבער פֿעלקער און איבער ווייטע אינזלען.

איידער ער קומט איז ער משיח: די האָפֿענונג פֿון אומגליקלעכע, דער קוואַל פֿון דורשטיקע, דער אָפּרו פֿון אַלע מידיקע, און קוים איז ער געקומען איז ער אויס משיח, און אַלע וואַרטן אומגעדולדיק אויף זיין אונטערגאַנג. קיינער פֿון די וואָס לעבן אַזוי פּוסט און קורץ קענען ניט אָפּוואַרטן ביז ער וועט אויסלעבן זיין גרויסן לעבן.

לעבט ער צו לאַנג שטייניקן זיי זיין קערפּער, דערנאָך קניען זיי און רויכערן ווייַרוך זיין אָנדענקען, זיינע יסורים, זיין אַנטרונענעם גייסט, און ווערן דורך דעם אַליין אומשטערבלעך... פֿון פֿוילן מענטשן־אָפּפֿאַל בליען אויף נייע שטאַמען אינם שיין פֿון די זכרונות, אין דער וואַרעמקייט פֿון די לעגענדעס וואָס זיינען געבליבן נאָך אים.

אָבער אין די וואָלקנס פֿון ווייַרוך, איבער זיין פֿאַרגעטערטן קבר, קויקלט זיך שוין, מיט אַ ווילדן אימפּעט, אַלץ ווייטער און ווייטער, דער גאָלדענער דיסקוס פֿון דער מענטשהייט, די האָפֿענונג פֿון פֿעלקער נאָך אַ נייעם משיח.

העכער פֿון אַ מלאך, פֿון אַ שטן...

אַלץ העכער און העכער!

פֿאַר זיי אַלעמען זיינען געוועזן אָפֿן אַלע האָריזאָנטן, טיף אַלע אָפּגרונטן, הויך אַלע הימלען.

פֿאַר זייערע שעפֿער אַליין — קיין ווייטקייט, קיין הויכקייט, קיין טיפֿקייט.

וואָס קען טיפֿער זיין פֿון דעם, וועלכער האָט די טיפֿקייט און איר באַגריף באַשאַפֿן?

וואָס קען זיין ווייטער פֿון דעם, וועלכער האָט די שטיפֿערישע פֿאַנטאַזיע דער ערד געשענקט און פֿון הימל צו איר אַ שמייכל געטאָן:

„קום לויף נאָך מיר, טאָכטערקע, כאַפּ מיך אין דער אומענדלעכקייט!..."
אונ וואָס קען זיין העכער פון איבער־העכער!
איז גאָט געזעסן און מיט געטלעכן פאַרדרוס צו זיך אַליין גערעדט:

— דו... גאָט! דו... דו!... ווילסטו איצט אַן שאַפן, נאָר כדי די אייביקייטן זאָלן אויסזעען קירצער; שאַפן, כדי שפּילן זיך און ניט שרעקן זיך פאַר די אייגענע אָפּגרונטן?... ווילסטו זיך דרייען אַ ר ו ם ז י ך א ל י י ן, אַרום דיין אייגענער אַקס און פאַרשטעלן זיך, אַז דו פליסט אין נייע, אומבאַקאַנטע האָריזאָנטן?... ווילסט?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. ווער זאָל אים געווען ענטפערן? זיין גלייכן איז ניט געווען און וועט ניט זיין צווישן ערד און הימל, צווישן אַלע אָפענע און פאַרבאָרגענע וועלט־קרעפטן.
האָט ער זיך אַליין געענטפערט:

ניין. קיינמאָל ניט! ווער צעשניידט אַ נייעם פּורפּור־קלייד, כדי נייען אים אויף דאָס ניי? ווער צינדט אָן ליכטלעך צו באַלויכטן אַ הייסן תּמוז־טאָג? ווער לעשט פייער מיט פייער? ווער מאָלט מיט וויס אויף וויס?

— ניין, קיינמאָל ניט! ווען אַפילו מיינע יונגע, פרייליך־טאַנצנדיקע וועלטן וואָלטן זיך דערוואוסט, אַז זיי דרייען זיך אַרום מיינע זונען, נאָר כדי צוריקצוקומען צו זיך אַליין, צו זייער אַמאָליקן פּינטל, וואָלטן זיי אויך מורד געווען, וואָלטן זיי שטיין געבליבן, און זייערע מיילער־וואולקאַנען וואָלטן געשריען:
— ניין, ניין, מער קיינמאָל ניט!
אָ, גרויס איז דער אומגליק צו זיין אַ גאָט!
און נאָך שרעקלעכער איז שטענדיק וויסן, שטענדיק פילן, אַז מען איז גאָט אַליין...

טרויעריק איז ער זיצן געבליבן אויף זיין כסא הכבוד. געזעסן און מקנא געווען דעם קלענסטן ווערימל, וואָס ער אַליין האָט עס ניט לאַנג באַשאַפן. דאָס ווערימל קריכט, דאָס ווערימל שטערבט. דאָס ווערימל גייט העכער...

די בלויע הימלען האָבן געשוויגן. און לאַנג, לאַנג האָט זיך געצויגן דער הייליקער טאָג שבת, און גאָט האָט זיך פאַרדעקט מיט זיין פייערדיקן פּורפּור און האָט אויך געשוויגן...

טונקל־בלויע, אויסגעשטערנטע ליבע נעכט פון פלאַנעטן זיינען אָנגעקומען פון פאַרבאָרגענע וויטענישן און געגלעט דעם טרויעריקן שעפער מיט לאַנגע, ווייכע שאָטנס; ליבלעך געשוואומען איבער זיין פּורפּור.

שטערן — הבדלה־ליכט האָבן זיך געצונדן און געלאָשן אין זייערע שאָטנס:

— אַ דאַנק דיר, גאָט!

— וואו ביסטו? וואו ביסטו?

— קדוש, קדוש!

אָבער ע ר, כביכול, האָט זיך שטיל צעוויינט אונטער זיין אַראָפּגע־לאָזענעם פּורפּור:

— און וועמען זאָל איך דאַנקען? וועמען זאָל איך ליבן פאַר מיין גאָטהייט? און וועמען זאָל איך גלויבן? ביי וועמען זאָל איך נעמען?

טרערן — מעטעאָרן האָבן זיך געקייקלט אין די שוואַרץ־בלויע, שווימענדע נעכט אונטער אים, געפאַלן אין אומבאַקאַנטע הימל־אָפּ־גרונטן.

גאָט דער באַשאַפער פון ערד און הימל און... טרערן — ער אַליין האָט געוויינט.

פּאַריז, 1911.

אינהאַלט:

אַ וואָרט וועגן בוך 3

I — לידער

א. ראָמאַנסן:

1. טראַ־לאַ־לאַ־לאָ 7
2. רויטע עפּל 8
3. אַ מעשה׳לע 9
4. זי איז ניט געקומען 10
5. פּאַרלאָזן 11
6. קום, ליבע פּייער! 12
7. שולמית 12
8. הורבן 13

ב. פרויען:

1. קאַרשן 15
2. איטע 17
3. ליבע הייסט פּיינט האָבן 20
4. אין דלילה׳ס אָרעמס 21
* 5. צו דער מלכּה 22
6. דריי קעפּלעך 23
7. דאָס וואַרטן 23
8. אַ בריק 25
9. צוויי מיידלעך 25
10. דער פרעמדער 26
11. גיטעלען 29
12. אָפּשייד 30
13. דער דאַנק 31

ג. דיכטער און וועלט:

1. אַ שטיין 34
2. האָב פּיינט! 35
3. מיט זיך צו בלייבן 37
4. ליד פון באַלאַגערטן בריוו 38
5. אַ תּפילה אין דער נאַכט 39
6. דאָס ליד פון מענטשן 40
7. צווישן 1, 2, 3, 4. 41
8. אַ בומעראַנג 42
9. דאָס ליד פון וואָגלער 43
* 10. גענוג זיך צו שפּילן 44
11. מיר לעבן מיט זכרונות 45
12. אַ קאַפּע־ליד 46
13. ווען די וועלט וועט זיך באַפרייען 46

ד. זומער און ווינטער:

1. אין אָוונט 48
2. האַרבסט מאָטיוון 48
3. אויף די ווייסע שליאַכן 50
5. נאָכן שטורעם 52
6. אָוונט־ליד 56
7. אָדר־פרימאָרגנדלעך 56
8. וואָס אַ וואַסערל דערציילט 57
9. בוקסן 60
10. אין אַ פרילינג־נאַכט 62
11. באַרג אַראָפּ 64
12. אין דאָרף 65
13. אַ פרילינג־גערוס 65
14. פרילינג 68
15. ווייס־בלוי 69
16. ביים פענצטער 70
* 17. אַ סאַזעלקע אין מיטן שטאָט 72

ה. שטעט:

1. אין וואַרשע אויף דער גאַס 76
* 2. ווילנע 1 — 11 קאַפּיטלען 77
3. ניו יאָרק 85

ו. סטודיעס:

1. אַ צוויגל בעז 87
2. אַ ציגענער נחת 87
4. אַ קאַמאַר 90
5. לעבן גאַניק פון בית־מדרש 93
6. אַ זשוק אין גראָז 94
7. אַ ליטווישער גאָרטן 97
8. הינערשע סליחות 100
* 9. בנימינ׳קע 105
10. פּרשה בשלח 108
11. אין מיטן ברכות־זאָגן 110

---

* זע, „אַ וואָרט וועגן בוך" זייט 3.

12. דאָס טינטערל 112
*13. דער ווייסינקער 116
14. אַ קאַראַהאָד ליד 119

ז. גלות און גאולה:

1. דער פֿאָדים 121
2. אַ שליאַך 122
3. פֿעלקער דעמערונג 122
4. עלילת־דם 124
5. משיח האָט אונז אויסגענאַרט 125
6. יידישע געזאַנגען 129
7. זאָג זיי, זעער! 133
8. דער מזרח שטייט אויף 135
*9. אַללאַס קללה 138
10. אַ קאַראַהאָד 140
11. לעבן קלויסטער 141
*12. אַ נייער דין־תורה פֿון ר' לוי יצחק 141
13. זיין וואָרט 148

ח. מלחמה לידער:

1. דייטשלאַנד זינגט 150
2. פֿון דער סטרעכע טריפּט... 151
3. דאָס ליד פֿון ראַכע 152
4. פֿליענדיקע פֿעסטונגען 153
5. צו די לויתנ׳ס 155
6. צו מיינע שקלאַווער 158

ט. סאַטירעס:

1. אויפֿן מאַנטפּאַרנאַס 162
2. באַהעמיען 163
3. בלאָזט אַ שטורעם 165
4. יענע וועלט 166

י. מצבות:

1. אַ שלום־עליכם דענקמאָל ... 169
2. היינעס קבר 173

II. פּאָעמען

א. נשמות 179
***ב. אַ מתנה** 182
ג. פֿון אַ הויכן פֿענצטער 185
ד. די בלינדע קעניגין 190
ה. פֿעטער שנייער 196
***ו. שבת:**

1. חקל תפוחין 201
2. אַ לויב־געזאַנג דער מלכה 203
3. לקראת שבת 205

ז. פֿון דער זאַקסישער שווייץ:

1. בערג בוך 211
2. פֿעלדזן־שפּיל 212
3. באַסטיי דורך די בוימער 214
4. פֿון דער טעראַסע 214
5. טיראָליען 215
6. שוועדען־לעכער 216
7. דע־פּראָפֿונדיס 219
8. דאָס ליד פֿון דומם 221
9. האָקשטיין 223
10. פֿאַלענצטאָל 224
11. דאָס ליד פֿון וואַסערל 226
12. אומעט אין וואַלטערסדאָרף 226
13. נאַכט־ליד 227

ח. ביים אייזערנעם פולט:

1. דער בוימייסטער זאָגט 229
2. די מאַכט זאָגט 231
3. דער פעלדמאַרשאַל זאָגט 235
4. דער וועלט־אידעאַל זאָגט 238
5. דאָס געזעץ זאָגט 241
6. דער גלח זאָגט 244
7. דער קאָנסערוואַטאָר זאָגט 247
8. די שאַפונג זאָגט 250
9. כאָר פון אינזשיניערן 254
10. דיכטער זאָגן א. ב. 256
11. אַרבייטער־כאָר:
   א. מיטליאָריקער אַרבייטער 258
   ב. אינוואַליד 259
   ג. אַלטער פּראָלעטאַריער 259
   ד. שאַפּ־אַרבעטער 260
   ה. וועבער 261
   ו. פישער 261
   ז. קאָוואַל 262
   ח. קולן גרעבער 263
   ט. יונגע זעצער 265
   י. מיטליאָריקער זעצער 266
   יא. אַלטער זעצער 268
   יב. מאַטראָס 270
   יג. יונגער פויער 271
   יד. אַלטער פויער 272
   טו. יונגער פּראָלעטאַריער 273
   טז. אַרבייטער כאָר 275

*** ט. די ווערטער פון דאָן הענרייקעס** 276

*** י. אויפן ברעג פון דער סענע** 285

יא. שר ישראל (אָראַטאָריע) 294

*** יב. לידער אין פּראָזע:**

3. ויכלו 305
2. די צייט 307
1. מיין בענקשאַפט 311